STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03364

ZSHAN KRISTOF

Romain Rolland

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראָמען ראָלאַן

זשאַן קריסטאָף

ביים ציל

אַכטער באַנד

די פריינדינס

פון פראַנצויזיש
אהרן מאַרק

ווילנע — 1931
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

Printed in Poland

ROMAIN ROLLAND
JEAN-CHRISTOPHE
1 9 3 1

Drukarnia „Wydawn. Wileńskie"
B. Kleckina, Wilno, Kwaszelna 23

ניַשט געקוקט אויף זיַין ערפאָלג, וואָס איז אַרויס אויסער די גרענעצן פון פראַנקרייַך, האָט זיך די לאַגע פון קריסטאָפן מיט אָלי־וויערן פאַרבעסערט זייער פאַמעלעך. זיי האָבן כסדר געהאַט דאגות און געמוזט ענגער פאַרבונדן דעם גאַרטל. ווען זיי האָבן געהאַט געלט האָבן זיי עס גיך צעטרענצלט און געלאָזט זיך ווילגיין מיט טאָפּעלע פּאָרציעס. דאָך האָט אַזאַ לעבנס־שטייגער געווירקט אויף זיי זייער שלעכט. זייערע אָרגאַניזמען זענען געווען שלעכט דערנערט און זיי האָבן זיך געפילט פיזיש און גייסטיק אָפּגעשוואַכט. קריסטאָף האָט פאַרבראַכט האַלבע נעכט אויף די אָפּגעשמאַקטע באַאַרבעטונגען פון די פרעמדע ווערק, וואָס העכט האָט אים געגעבן. ערשט פאַרטאָג האָט ער זיך ווידער געלעגט און איז געשלאָפן ווי אַ טויטער, כּדי אָפּצונעמען זיַינס. אָליוויער איז גאַנץ פרי אַרויסגעגאַנגען אויף אַ לעקציע, וואָס ער האָט געהאַט אין צווייטן עק פון פאַריז. אַרום אַכט אַ זייגער האָט געקלונגען דער הויז־וועכטער, וואָס האָט געבראַנגט די פּאָסט. שטענדיק פלעגט ער אַריינשטעקן די בריוו דורכן שפּאַלט פון דער טיר. דאָס מאָל האָט ער אָבער עטלעכע מאָל אָנגעקלאַפּט. פאַרשלאָפן און עפּעס ברומענדיק איז קריסטאָף געגאַנגען עפענען. ער האָט קוים געהערט, ווי דער הויז־וועכטער האָט אים דערציילט וועגן עפּעס אַ ציַיטונגסאַרטיקל. ער האָט גענומען די בריוו, אפילו נישט אַריינגעשמעקט אין זיי, צוגעקלאַפּט די טיר און נישט פאַרשלאָסן; ער האָט זיך ווידער געלעגט און איז צוריק אייַנגעשלאָפן.

אין אַ שעה אַרום האָט ער זיך ווידער אויפגעכאַפּט. ס'האָבן אים אויפגעוועקט טריט אין זיַין צימער. צופוסנס זיַין בעט האָט ער פאַרחידושט דערזען אַן אומבאַקאַנטע געשטאַלט, וואָס האָט אים פייער־

לעך באַגריסט. איינער אַ זשורנאַליסט האָט געפונען אָפּן די טיר און איז אָן צערעמאָניעס אַריין אינעווייניק.

קריסטאָף איז בייז אַרויסגעשפּרונגען פון בעט.

— וואָס שלעפּט איר זיך דאָ אַרום? — האָט ער אויסגעשריגן צו אים.

ער האָט אַ כאַפּ געטון זיין קישן און געוואָלט אַ שליידער טון יענעם אין קאָפּ אַריין. יענער איז אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייט און גע-וואָלט אַרויסגיין. קריסטאָף האָט זיך געכאַפּט און אים געוואָלט פאַר-האַלטן. דאָס איז געווען אַ באַריכטס-אָפּגעבער פון דער צייטונג „נאַ-ציאָן" און ער האָט געוואָלט אַן אינטערוויו מיטן הער קראַפּט, בנוגע דעם אַרטיקל, וואָס האָט זיך אין דעם זעלבן טאָג באַוויזן אין דעם „גראַנד זשורנאַל".

— וואָס פאַר אַן אַרטיקל?

— צי האָט איר אים נישט געלייענט, — האָט געפרעגט דער זשורנאַליסט און האָט פאַרגעלעגט אים צו אינפאָרמירן.

קריסטאָף האָט זיך ווידער געלעגט אין בעט. ווען ער וואָלט נישט געווען אַזוי פאַרשלאָפן, וואָלט ער דעם מענטשן אַרויסגעוואָרפן הינטער דער טיר, נאָר ס'איז אים געווען באַקוועמער צו לאָזן יענעם רעדן. ער האָט זיך איינגענורעט אין קישן, פאַרמאַכט די אויגן און געמאַכט זיך שלאָפנדיק. ער וואָלט אפשר אויסגעפירט זיין ראָל ביזן סוף; נאָר יענער האָט נישט פאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט און מיט אַ הויכן קול אָנגעהויבן לייענען דעם אַרטיקל פון סאַמע אָנהויב. נאָך די ערשטע שורות האָט קריסטאָף זיך גענומען איינהערן. אין דעם אַרטיקל איז גערעדט געוואָרן וועגן דעם הער קראַפּט, ווי וועגן דעם גרעסטן זשעני פון דער צייט. קריסטאָף האָט פאַרגעסן זיין ראָלע, ער איז אויפגעשפּרונגען אויפן געלעגער און אויסגעשריגן איבעראַשט:

— זיי זענען משוגע געוואָרן? וואָס פאַלט זיי איין?

דער באַריכט-געבער האָט אויסגענוצט, וואָס קריסטאָף האָט איבערגעריסן דאָס לייענען און אים געשטעלט אַ רייע פראַגן, אויף וועלכע קריסטאָף האָט נישט נאָכקלערנדיק געענטפערט. קריסטאָף האָט גענומען דעם בלאַט און פאַרחידושט באַטראַכט זיין בילד וואָס האָט פאַרנומען די גאַנצע ערשטע זייט. ער האָט אָבער נישט באַוויזן אי-בערצולייענען, ווייל בינו-לבינו איז אין צימער אַריין אַ צווייטער זשורנאַליסט. איצט איז קריסטאָף באמת אַרויס פון די כלים. ער האָט

אַ געשריי געטון צו ביידן זיי זאָלן זיך תיכף אָפּטראָגן, נאָר זיי האָבן זיך גענומען אַרומדרייען איבערן צימער און באַטראַכטן די פאָטאָגראַפיעס אויף די ווענט, כדי צו פאַרצייכענען, ווי דער אָריגי־נאַל זעט אויס. קריסטאָף האָט מיט אַ געלעכטער, און גלייכצייטיק מיט כעס, זיי אָנגענומען פאַר די אַקסלען און זייער איידל זיי גע־שטופּט צו דער טיר און פאַרמאַכט זי אויפן ריגל.

אָבער די השגחה האָט, משמעות, געוואָלט, אַז קריסטאָף זאָל דעם טאָג קיין רו נישט האָבן. ער איז נאָך נישט געווען פאַרטיק מיטן אָנטון זיך, ווי מען האָט ווידער אָנגעקלאַפּט אין טיר. נאָר דאָס־מאָל איז דאָס קלאַפּן געווען באַקאַנט — אַ פאַרטרויטער אופן פון קלאַפּן אין טיר, וואָס די פריינט האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך. קריסטאָף האָט געעפנט און דערזען אַ דריטן אומבאַקאַנטן. קריסטאָף האָט אים געוואָלט אַרויסוואַרפן פאַרן קאָלנער, נאָר יענער האָט זיך איינגעשפּאַרט און זיך פאָרגעשטעלט פאַרן מחבר פון דעם אַרטיקל. ווי קאָן מען עס האָבן אַ האַרץ אַרויסצוּוואַרפן אַ מענטשן, וואָס באַ־טראַכט דיך פאַר אַ גאון? קריסטאָף האָט געמוזט, קעגן זיין ווילן, אויסהערן די שבחים פון זיין באַוווּנדערער. ער איז געווען ממש דערשטוינט פון זיין פּלוצלינגער באַרימטקייט, און ער האָט געפרעגט ביי זיך, צי האָט ער אַמאָל נישט דעם פאָריקן אָוונט, אָן זיין איי־גענעם וויסן געלאָזט אויספירן אַ מייסטערווערק? נאָר ער האָט נישט געהאַט קיין צייט דערפון צו טראַכטן, ווייל אינצווישן איז אָנגעקו־מען דער ערשטער באַריכטס געבער און דערקלערט, אַז ער מוז אים נעמען, מיט גוטן אָדער מיט בייזן, אַזוי ווי ער שטייט און גייט אין דער רעדאַקציע, ווי עס וואַרט אויף אים דער שעף־רעדאַקטאָר, דער גרויסער אַרסען גאַמאש בכבודו ובעצמו. דער אויטאָ האָט אונטן געוואַרט. קריסטאָף האָט געפּרוּווט שטעלן אַ ווידערשטאַנד, נאָר אַזוי ווי ער איז געווען צוטריטלעך, האָט ער זיך געלאָזט איבררעדן. אין צען מינוט אַרום איז ער געשטאַנען פאַרן גרויסן מענטשן, וואָס באַר אים האָבן אַלע געציטערט. ער איז געווען אַ געזונטער, קרעפּ־טיקער מאַן פון אַ יאָר פופציק, נידעריק און געפּאַקט, מיט אַ דיקן, רונדן קאָפּ, וואָס זיינע גרויע האָר זענען געווען געשוירן באַרשט־מעסיק און מיט אַ רויט פּנים. ער האָט גערעדט פּאַמעלעך, געציילט יעדעס וואָרט, מיט אַ באַפעלערישער באַטאָנונג. אויף די פּאַריזער האָט ער אַרויפגעצוווּנגען זיין ווילן, אַ דאַנק דעם גרויסן צוטרוי,

וואָס ער האָט געהאַט צו זיך אַליין. ער איז געווען דורך און דורך געשעפטסמאַן און געוווסט, ווי זיך צו באַגיין מיט מענטשן; עגאָיסטיש, נאַיוו און דורכגעטריבן, האָט ער פאַרמאָגט אַ שטאַרקן טעמפּעראַמענט, געווען שטענדיק פאַרנומען מיט זיך און האָט אידענטיפיצירט זיינע אייגענע אינטערעסן מיט די אינטערעסן פון פראַנקרייך און אַפילו פון דער גאַנצער מענטשהייט. זיין אייגענער נוצן איז ביי אים געווען דאָס זעלבע, ווי די הכנסות פון זיין צייטונג און ווי דער אַלגעמיינער וווילשטאַנד. ער איז געווען טיף איבערצייגט, אַז יעדע טענה קעגן אים, צילט אויך אין פראַנקרייך. מיט אַ לייכט געמיט וואָלט ער איבערגעקערט די מלוכה מיטן קאָפּ אַראָפּ, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן אָפּרוימען אַ פּערזענלעכן קעגנער. ער האָט אָבער אויך געקאָנט זיין גרויסמוטיק. ער איז געווען אַן אידעאַליסט, ווי אַ מענטש נאָך אַ געשמאַקן מיטאָג, און האָט ליב געהאַט, פּונקט ווי דער רבונו של עולם, אויפצוהייבן פון זומפּ עפּעס אַן אָרעמען קבצן און דערמיט צו באַווייזן פאַר דער וועלט זיין מאַכט, וואָס שאַפט זאַכן פון גאָרנישט, וואָס מאַכט מיניסטעריומס, זעצט אַרויף אויפן טראָן מלכים און וואַרפט זיי ווידער אַראָפּ, ווען אים ווילט זיך. ער האָט זיך געהאַלטן דערצו באַרופן. ער האָט אַליין געמאַכט מענטשן פאַר גאונים, ווען עס האָט אים געפּאַסט צום רומל.

יענעם טאָג איז אים גראָד איינגעפאַלן צו „מאַכן" קריסטאָפן.

אָליוויער האָט אומבאַוווסטערהייט געבראַכט דאָס ראָד אין באַוועגונג. ער, וואָס האָט פאַר זיך אַליין נישט אונטערגענומען דעם מינדסטן שריט, וואָס האָט פיינט געהאַט רעקלאַמע און אויסגעמיטן זשורנאַליסטן, ווי אַ מגפה, האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב אינגאַנצן אַנדערש צו האַנדלען בנוגע אַ פריינט. אין דעם פּרט איז ער געווען ענלעך צו יענע מאַמעס, וואָס זענען זייער אָנשטענדיקע פרויען און מוטערס, נאָר זענען בכוח זיך צו פאַרקויפן דעם ערשטן בעסטן מאַן, אַבי אויפצוטון עפּעס פאַר איר זון דעם לא־יוצלח.

אַזוי ווי ער האָט געשריבן פאַר צייטונגען און איז געווען אין שטענדיקער פאַרבינדונג מיט פיל קריטיקער און קונסט־פריינט, האָט ער

ביי יעדער געלעגנהייט גערעדט וועגן קריסטאָפן; און זינט אַ געוויסע צייט, האָט ער צו זיין דערשטוינונג באַמערקט, אַז מען הערט אים אויס זייער ערנסט: ס'איז אים איינגעפאַלן, אַז ער האָט דערוועקט אַ געוויסע נייגעריקייט, און אַז דורך די ליטעראַרישע און געזעל־שאַפטלעכע קרייזן גייט אַדורך אַ געהיימנישפולער שטראָם. ווו איז געלעגן די סיבה דערפון? צי זענען עס געווען אַ פּאָר צייטונגס-נאָ-טיצן, וואָס זענען דערשינען אַ קורצע צייט פאַר דער אויפפירונג פון קריסטאָפס ווערק אין ענגלאַנד און אין דייטשלאַנד? לכל הדעות איז עס נישט געווען זיכער. ס'האָט זיך געהאַנדלט אין איינער פון יענע דערשיינונגען, וואָס די פּאַריזער שמעקער האָבן געקאָנט זייער גוט און וואָס איז גורם, אַז יעדער פּאַריזער ווייס שטענדיק פריער, וואָס פאַראַ ווינט עס וועט וויען און וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג וועט ברענגען נאָך איידער דער מעטעאָראָלאָגישער אָבסערוואַטאָריע פון דעם הייליקן זשאַק. אין דער דאָזיקער גרויסער נערוועזער שטאָט גייען אַדורך עלעקטרישע שטראָמען, אומבאַמערקטע כוואַליעס פון רום, וואָס לויפן פאָרויס פאַר יעדער נייער באַרימטקייט; זי איז נאָך טיף באַהאַלטן און דאָך זשומעט זי שוין אין די סאַלאָנען. דאָס איז יענער nascio quid manis nascitur Iliade, וואָס אַנטפּלעקט זיך פּלוצלינג אַ געוויסן טאָג אין אַ באַשטימטן אויגנבליק, אין אַ רעקלאַ־מע-אַרטיקל, אין אַ לויב-אַרטיקל, וואָס שרייט אַריין זייער דייטלעך יעדן אין די אויערן דעם נאָמען פון נייעם געטש. עס קומט, אַגב, טיילמאָל פאָר, אַז די דאָזיקע פאָנפאַרע פאַרטרייבט די ערשטע און די בעסטע פריינט פון דעם זיגער. און דאָך זענען די דאָזיקע פריינט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס איז געשען.

אָט אַזוי האָט אָליוויער זיך באַטייליקט אין דעם אַרטיקל אין „גראַנד-זשורנאַל". ער האָט אויסגענוצט די פאַראינטערעסירונג פון דעם עולם, צעבלאָזן זי, איבערגעבנדיק פאַרשידענע פּרטים און אינ-טערעסאַנטע עפּיזאָדן, פונדעסטוועגן האָט ער זיך געהיט נישט צו שטעלן קריסטאָפן אין דירעקטער באַציונג מיט די זשורנאַליסטן. ער האָט מורא געהאַט פאַר אַ צוזאַמענשטויס. אָבער אויף דער ביטע פון דעם גראַנד-זשורנאַל, האָט ער אָן קריסטאָפס וויסן און הינטער זיי־נע פּלייצעס פאַרמיטלט אַ באַגעגעניש צווישן קריסטאָפן מיט אַ זשור־נאַליסט אין אַ קאַפע הויז. אָט די פאָרזיכטיקייטס-מיטלען האָבן נאָך

מער גערייצט די נייגעריקייט און געמאַכט קריסטאָפן נאָך אינטערעסאַנטער.

אָליווער האָט ביז יענער צייט קיינמאָל נישט געהאַט צו טון מיט רעקלאַמע; ער האָט נישט באַרעכנט, אַז ער האָט געלאָזט אין באַוועגונג אַ געוואַלדיקע מאַשין, וואָס קוים לאָזט מען זי פריי, קאָן מען זי שוין מער נישט איינהאַלטן.

ווען ער האָט אויפן וועג צו אַ שילער געלייענט דעם אַרטיקל אין „גראַנד זשורנאַל", איז ער בפירוש געבליבן צוגעשמידט צום אָרט. אויף אַזאַ קלאַפּ האָט ער זיך נישט גערעכנט. קודם כל האָט ער נישט געגלויבט, עס זאָל פאָרקומען אַזוי גיך. ער האָט גערעכנ־ט, אַז די צייטונג וועט צונויפזאַמלען פריער אַלע נויטיקע אינפאָרמאַציעס און וועט זיך גענוי באַקענען מיטן מאַטעריאַל איידער זי וועט אַרויסטרעטן מיט אַן אַרטיקל. ווען אַ צייטונג גיט זיך די מי צו ענטדעקן אַ נייעם שטערן, טוט זי עס, פאַרשטייט זיך, צוליב אייגענעם נוצן, כדי דער קאָנקורענט זאָל דעם כבוד נישט האָבן. נאַטירלעך, מוז מען זיך צואיילן, ווען ס'זאָל זיין אַפילו פעסטגעשטעלט, אַז די גערימטע ווערק הויבט קיינער נישט אָן צו פאַרשטיין. אָבער עס קומט זעלטן פאָר, אַז דער מחבר זאָל פּראָטעסטירן. בעת מען באַוואונדערט אים, פילט ער זיך שוין גענוג פאַרשטאַנען.

דער „גראַנד זשורנאַל" האָט אָנגעהויבן צו דערציילן אומדערהערטע זאַכן וועגן קריסטאָפס עלנט. מ'האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר אַ קרבן פון דער דייטשער געוואַלד־הערשאַפט, פאַר אַן אַפּאָסטאָל פון דער פרייהייט, פאַר אַ מענטשן, וואָס איז געצוווּנגען געוועזן צו אַנטלויפן פון דעם קייזערלעכן דייטשלאַנד אין דער פרייער פראַנקרייך, די וויג פון אַלע פרייע נשמות — (אַ שיינע געלעגנהייט פאַר שאָוויניסטישע פראַזן!) — דערנאָך איז געגאַנגען אַ לויבגעזאַנג צו זיין טאַלענט, הגם מ'האָט קוים געקאָנט קריסטאָפס עטלעכע גאָרנישט־זאָגנדיקע מעלאָדיעס, וואָס האָבן געשטאַמט פון קריסטאָפס ערשטע פּרוּוון אין דייטשלאַנד, וואָס ער וואָלט אַליין מיטן גאַנצן האַרצן פאַרברענט, ווייל ער האָט זיך מיט זיי געשעמט. דער מחבר פון אַרטיקל האָט אייגנטלעך נישט געקענט קיין איין ווערק קריסטאָפס, דערפאַר אָבער האָט ער געוווּסט וועגן אַלע זיינע פלענער. צוויי אָדער דריי ווערטער, אויפגעכאַפּט פון קריסטאָפן אָדער אָליווירן, אָדער גאָר פון גוזשאַרן, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר גוט אינפאָר־

מירט, האָבן געקלעקט צו מאַכן פון זשאַן-קריסטאָפן אַ רעפּובליקאַנישן זשעני און דעם גרויסן מוזיקער פון דער דעמאָקראַטיע. ביי דער געלעגנהייט האָט דער מחבר געקאָנט אַרויסטרעטן קעגן די פראַנצויזישע מוזיקער פון יענער צייט און קודם-כל קעגן די אייגנאַרטיקסטע און פרייסטע קינסטלער, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דעמאָקראַטיע, ווי מיט פּאָליטיק בכלל. נאָר איינעם אָדער צוויי קאָמפּאָזיטאָרן האָט ער אַרויסגענומען פון כלל, ווייל זייערע פּאָליטישע איבערצייגונגען האָבן ביי אים נושא-חן געווען. ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס זייער מוזיק איז נישט געווען אַזוי אויסגעצייכנט; אָבער דאָס איז אַ זאַך פון דער צווייטער מדרגה. אגב האָבן די שבחים פאַר קריסטאָפן געהאַט ווייניקער באַדייטונג, ווי די קריטיק פון די אַנדערע מוזיקער. ווען מען לייענט אין פּאַריז אַן אַרטיקל, וואָס רעדט וועגן עמעצן גינסטיק, פרעגט מען זיך באַלד:

— נו, און וועמען מאַכט מען דאָרט אויסצודרייען?

אָליוויער איז רויט געוואָרן פון בושה לייענענדיק די צייטונג, און ער האָט געזאָגט צו זיך:

—כ'האָב ווידער פאַרקאָכט אַ קאַשע.

ס'איז אים שווער געוואָרן צו גיין אויף די לעקציעס. און ווי נאָר ער איז פריי געוואָרן איז ער געגאַנגען אַהיים. ווי גרויס איז אָבער געווען זיין פאַרוווּנדערונג, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז קריסטאָף איז אַרויס צוזאַמען מיט די זשורנאַליסטן. ער האָט געוואַרט אויף אים מיט מיטאָג. נאָר קריסטאָף איז נישט געקומען. אָליוויער איז געוואָרן פון שעה צו שעה אומרויקער. ער האָט געטראַכט:

— וויפיל נאַרישקייטן ער וועט דאָרטן, מסתמא, אָנפּלוידערן.

ערשט אַרום דריי אַ זייגער איז קריסטאָף געקומען צוקריכן. ער האָט שוין געהאַט געגעסן מיטאָג מיט אַרסען גאַמאַש און איז געווען אַ ביסל בגלופין פון דעם שאַמפּאַניער. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס אָליוויער האָט אים אַזוי אומרויק אויסגעפרעגט, וואָס ער האָט געזאָגט און וואָס ער האָט געטון.

— וואָס איך האָב געטון? כ'האָב אויסגעצייכנט געגעסן. כ'האָב שוין לאַנג אַזאַ געשמאַקן מיטאָג נישט געגעסן.

ער האָט אים אָנגעהויבן אויסצורעכענען די פּאָטראַוועס אויף די פינגער:

— ...און ווין... אַלערליי ווייַנען...

אָליוויער האָט געוואָלט וויסן, ווער ס׳האָט זיך נאָך באַטייליקט אין דער סעודה.

— ווער ס׳איז נאָך געווען? איך ווייס נישט. ס׳איז געווען, נאַטירלעך, גאַמאַש. אַ טייערער יונג. עלט ווי גאָדד; קלאָדאָמיר, דער פּאַרפּאַסער פון אַרטיקל — אַ פּראַכטפולער מענטש. נו, און אַ דריי אָדער פיר לוסטיקע זשורנאַליסטן, וואָס איך קען זיי נישט. נאָר זיי זענען געווען צו מיר אומגעהויער ליבנסווירדיק. אמתע סמעטענע!

אָליוויער איז, משמעות, נישט געווען אַזוי שטאַרק איבערצייגט.

קריסטאָף האָט זיך געוואונדערט, וואָס ער איז אַזוי ווייניק באַגייסטערט.

— האָסט איבערגעלייענט דעם אַרטיקל? — האָט געפרעגט קריסטאָף.

— נאַטירלעך. און דו? האָסט אים גענוי איבערגעלייענט?

— נו, געוויס. דאָס הייסט, כ׳האָב אַריינגעקוקט אין אים. קיין סך צייט דערצו האָב איך נישט געהאַט.

— טאָ לייען אים איבער נאָכאַמאָל גענויער.

קריסטאָף האָט געלייענט. ביי די ערשטע שורות האָט ער זיך שטאַרק צעלאַכט.

— אַך, אַן אייזל! — האָט ער אויסגערופן.

ער האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן.

— אַך, — האָט ער דערנאָך געזאָגט. — די קריטיקער טויגן אַלע אויף כּפּרות. זיי האָבן קיין באַגריף נישט.

ווען ער האָט אָבער גענומען לייענען ווייטער, איז ער געוואָרן אמת בייז, דאָס איז געווען צו נאַריש און ס׳האָט אים געמוזט מאַכן לעכערלעך, מאַכן פון אים אַ „רעפּובליקאַנישן מוזיקער״ איז באמת געווען אַן אומזין. מילא, ס׳גייט נישט וועגן דער דאָזיקער פּלוידעריי... מ׳האָט אָבער זיין „רעפּובליקאַנישע קונסט״ געריימט אויפן חשבון פון דער „קירכן-קונסט״ פון די עלטערע מייסטער (גראָד זיין מין קונסט, וואָס האָט זיך דערנערט פון זיי); דאָס איז שוין געווען אַ ביסל צופיל...

— פאַרשאָלטענע אידיאָטן! זיי וועלן נאָך מאַכן פון מיר אַלץ.

ער איז געווען בייז, וואָס מ׳האָט אויף זיין חשבון אַרונטערגעריסן טאַלענטירטע פראַנצויזישע מוזיקער, וואָס ער האָט מער אָדער ווייניקער געשעצט. (גילער ווייניקער, ווי מער), וואָס האָבן אָבער פאַר-

שטאַנען זייער פּראָפעסיע, ווי עס דאַרף צו זיין, אָבער צום ערגסטן איז געווען, וואָס מען האָט אים מיט אומגלויבלעכער חוצפה אַזוי אַנט־קעגנגעשטעלט זיין אייגענעם פאָטערלאַנד. ניין, דאָס קאָן מען בשום אופן נישט פאַרשווייגן.

— איך מוז זיי תיכף אָנשרייבן, — האָט ער געשריגן.

אָליוויער האָט אים אָפּגעהאַלטן.

— ניין, — האָט ער געזאָגט, — נישט איצט, ביסט צו שטאַרק אויפגערעגט, וועסט אָנשרייבן מאָרגן, ווען דער קאָפּ וועט דיר זיין פרייער.

אָבער קריסטאָף האָט זיך איינגעשפּאַרט; ווען ער האָט געהאַט עפּעס צו זאָגן האָט ער זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויפן צווייטן טאָג. ער האָט נאָר צוגעזאָגט אָליוויערן צו ווייזן אים דעם בריוו. דאָס איז טאַקע געווען זייער נויטיק. נאָכדעם, ווי דער בריוו איז ווי געהעריק פאַריכט געוואָרן — ער האָט זיך קודם-כל באַמיט, צו קאָרי־גירן די מיינונגען, וואָס ער האָט כלומערשט געהאַט וועגן דייטש־לאַנד, — איז קריסטאָף גיך אַראָפּגעלאָפן כדי אַריינצווואַרפן אים אין פּאָסט-קעסטל. ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער געזאָגט:

— ס׳איז נאָך אַ האַלבע צרה. דער בריוו וועט מאָרגן פאַר־עפנטלעכט ווערן.

אָליוויער האָט מיט צווייפל געשאָקלט מיטן קאָפּ. דערנאָך האָט ער אומרויק געפרעגט:

— קריסטאָף, צי האָסטו זיך נישט אַרויסגעכאַפּט ביים טיש מיט אַן איבעריק וואָרט?

און ער האָט אים פאָרשנדיק געקוקט אין די אויגן אַריין.

— ניין, ניין — האָט קריסטאָף מיט אַ געלעכטער געזאָגט.

— אויף זיכער?

— זיכער.

אָליוויער האָט זיך אַביסל באַרויקט. דערפאַר אָבער איז קרי־סטאָף געוואָרן אומרויקער. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט עפּעס זייער אַסאַך געפּלוידערט. ער איז גלייך אין אָנהויב אַריינגע־פאַלן אין אַ גוטער שטימונג און ס׳איז אים לחלוטין נישט אויפן זי־נען אַרויף, אַז מען קאָן צו די מענטשן נישט האָבן קיין צוטרוי. זיי זענען געווען אַזוי האַרציק, אַזוי פריינטלעך! זיי זענען טאַקע באמת אַזעלכע געווען. מ׳איז שטענדיק פריינטלעך צו אַ מענטשן,

וועלכן מען האָט גוטס געטון. און קריסטאָף האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל אָפענע פרייד, אַז זי האָט אָנגעשטעקט אויך אַנדערע. זיין פרייע האַלטונג, זיינע געמיטלעכע שפּאַסן, אומגעהויערער אַפּעטיט און די שנעלקייט, מיט וועלכער ער האָט געגאָסן די משקה אין האַלז אַריין, נישט רירנדיק אַפילו מיט קיין ברעם, זענען אַרסען גאַמאַשן שטאַרק געפעלן געוואָרן; ווייל ער אַליין האָט געקאָנט עסן און טרינקען, איז געווען געזונט ווי אַ פויער און קרעפטיק און האָט בטבע פיינט געהאַט אַלע קרענקלעכע מענטשן, יענע פּאַריזער, וואָס האָבן מורא צו עסן און צו טרינקען און זענען שוואַך אויפן מאָגן. ער האָט באַלד ביים טיש אַרויסגעטראָגן וועגן אים אַ מיינונג. ער האָט קריסטאָפן געשעצט. ער האָט אים באַלד פאָרגעלעגט צו לאָזן אויפפירן זיין „גאַרגאַנטוא" אין דער אָפּערע, יאָ אַפילו אין דער גרויסער אָפּערע (די קללה פון פויסט, אָדער די נאָענטע סימפאָניע, האָבן דעמאָלט געגאָלטן ביי די פראַנצויזישע קליינבירגער פאַרן העכסטן שפּיץ פון קונסט). — קריסטאָף, וואָס דער דאָזיקער משוגענער איינפאַל האָט אַרויסגערופן ביי אים אַ געלעכטער, האָט אים קוים מיט צרות אָפּגעהאַלטן. ווייל יענער האָט זיך שוין געהאַט געוואָרפן טעלעפאָנירן צום דירעקטאָר פון דער אָפּערע און צום קונסט-מיניסטעריום, ווייל לויט גאַמאַשס ווערטער האָבן די אַלע מענטשן געפאָלגט זיינע באַפעלן. דער דאָזיקער פאָרשלאַג האָט דערמאָנט קריסטאָפן די קאָמעדיע, וואָס מען האָט אים געמאַכט מיט אַ יאָר צוריק צוליב זיין סימפאָנישער דראַמע „דוד", און נישט ציענדיק לאַנג אין דער באַנק אַריין האָט ער גענומען דערציילן די גאַנצע געשיכטע פון דער דאָזיקער אויפפירונג, וואָס רוסען האָט גענומען אין זיינע הענט, כדי אַרויסצופירן אין דער עפנטלעכקייט זיין געליבטע. גאַמאַש, וואָס האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן רוסענען איז געווען אויפן זיבעטן הימל, און קריסטאָף, וואָס איז געווען בגלופין פון דעם וויין און פון די פריינטלעכע אויפמערקזאַמע צוהערער איז אַריבער פון איין געשיכטע צו דער צווייטער, און אַלע זיינע מעשיות זענען מער אָדער ווייניקער געווען אומדיסקרעט, און די צוהערער האָבן כסדר געכאַפּט התפעלות. נאָר ווען ער איז אויפגעשטאַנען פון טיש האָט ער אַלץ פאַרגעסן און ערשט איצט האָט אים אָקיוויערס פראַגע געבראַכט אַלץ אויפן זכרון. ער האָט געפילט, ווי אַ שוידער גייט אים דורך איבערן רוקן. ער האָט זיך נישט געמאַכט קיין שום אילוזיעס. ער האָט געהאַט גענוג דערפאַרונג צו פאַר-

שטיין, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען. איצט, ווען זיין גוטע שטימונג איז נעלם געוואָרן האָט ער אַלץ קלאָר דערזען, ווי ס'וואָלט שוין געשען: ווי זיינע פּלווידערייען וועלן ווערן פאַרעפנטלעכט אין צייטונגס-נאָטיצן און זיינע קינסטלערישע פּלענער וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּערזענלעכער מחלוקה. וואָס ס'שייך זיין בריוו, האָט ער געוווּסט אַזוי גוט ווי אָליוויער, אַז מען דאַרף דערפון גאָרנישט דערוואַרטן. שטעלן זיך קעגן אַ זשורנאַליסט איז נישט מער ווי קאַליע מאַכן טינט. אַ זשורנאַליסט האָט שטענדיק דאָס לעצטע וואָרט.

אַלץ איז געשען אַזוי ווי קריסטאָף האָט פאָרויסגעזען. די רכילותלעך זענען געוואָרן פאַרעפנטלעכט און קריסטאָפס בריוו איז נישט געדרוקט געוואָרן. גאַמאַש האָט אים בלויז געזאָגט, אַז זיינע אײדעלע כּוונות און זיין צוריקגעהאַלטנקייט שעצט ער זייער, אָבער דעם סוד באַהאַלט ער אייפערזיכטיק פאַר זיך אַליין. קריסטאָפס מיינונגען און געשיכטן זענען נאַטירלעך פאַרגרעסערט געוואָרן און אַרויס-גערופן אַ בייסיקע קריטיק אין די איבעריקע פאַריזער צייטונגען או-שפּעטער אויך אין דייטשלאַנד, ווו מ'איז געווען אויסער זיך, וואָס אַ דייטשער קינסטלער זאָל רעדן וועגן זיין פאָטערלאַנד אַזוי ווייניג צוריקגעהאַלטן. קריסטאָף האָט גערעכנט, אַז ער האַנדלט זייער קלוג, בעת ער האָט אין אַ צווייטן אינטערוויו פון אַן אַנדער צייטונג אויס-דריקט זיין הייסע ליבע צו דייטשלאַנד, ווו די בירגער לעבן, לויט זיין מיינונג, אַזוי פרײַ, ווי אין דער פראַנצויזישער רעפּובליק. — ער האָט עס געזאָגט אַ פאָרשטייער פון אַ קאָנסערוואַטיווער צייטונג, וואָס האָט אים באַלד אונטערגערוקט קאָנסערוואַטיווע אַנטירעפּובליקאַנישע טענ-דענצן.

— עס ווערט אַלץ בעסער, — האָט קריסטאָף געזאָגט. — וואָס פאַר אַ שייכות האָט מיין מוזיק מיט פּאָליטיק?

— ס'איז שוין ביי אונז אַזאַ מנהג — האָט געזאָגט אָליויער. — דערמאָן זיך נאָר אין די קאַמפן, וואָס זענען פאָרגעקומען אויף בעט-האָווענס רוקן. אַנדערע האָבן אים געמאַכט פאַר אַ יאַקאָבינער, אַנדערע ווידער, פאַר אַ פּאָפּ; די פאַר אַ רעוואָלוציאָנער, יענע ווידער פאַר אַ משרת ביי די פירשטן. אַך, ווי שטאַרק ער האָט חשק געהאַט אַלע צוזאַמען אַ שטויס צו טון אין הינטן!...

— נו, וועל איך אויך אַזוי מאַכן.

קריסטאָף האָט שטאַרק חשק געהאַט דערצו, אָבער ער האָט זיך

צו פריינטלעך באַצויגן צו מענטשן, וואָס האָבן אים געזאָגט כאָטש איין גוט וואָרט. דערפאַר איז אָליוויער געווען שטענדיק אומרויק, ווען ער האָט אים געמוזט לאָזן אַליין. קריסטאָף האָט אָן אויפהער צוגעזאָגט צו היטן זיך מיט די ביינער — און דאָך פלעגט ער ווידער אַריינפאַלן צוליב זיין אויפריכטיקייט און צוטרוי. ער האָט געזאָגט אַלץ, וואָס איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין. עס פלעגן קומען זשורנאַליסטינס, וואָס האָבן זיך אָנגעגעבן פאַר זיינע פריינדינס און געבראַכט דערצו, אַז קריסטאָף האָט זיי דערציילט וועגן זיינע ליבעס. אַנדערע האָבן זיך באַנוצט מיט זיין נאָמען, כדי צו רעדן שלעכטס אויף דעם אָדער אויף יענעם. ווען אָליוויער איז געקומען אַהיים, האָט ער געפונען קריסטאָפן זייער פאַרטרויערט.

— ווידער אָפּגעטון אַ נאַרישקייט? — האָט ער געפרעגט.

— עס הערט גאָרנישט אויף — האָט קריסטאָף דערשלאָגן געענטפערט.

— דו וועסט גאָרנישט בעסער!

— מ׳וואָלט מיך געדאַרפט פאַרמאַכן הינטער שלאָס און ריגל. אָבער ס׳איז שוין דאָס לעצטע מאָל, איך שווער דיר.

— אַוודאי, ביז דער צווייטער נאַרישקייט.

צומאָרגנס אין דער פרי האָט ער טריומפירנדיק געזאָגט צו אָליוויערן:

— זעסט, עס איז געקומען צו מיר נאָך אַ זשורנאַליסט, האָב איך אים אַרויסגעוואָרפן הינטערן טיר.

— מען דאַרף נישט איבערטרייבן, — האָט אָליוויער געזאָגט, — נעם עס אין באַטראַכט. דו ווייסט דאָך, אַז זיי זענען הינט, וואָס בייסן. זיי פאַלן אָן אויף אַ מענטשן, בעת יענער פאַרטיידיקט זיך נישט. ס׳איז זיי אַזוי לייכט זיך נוקם צו זיין. זיי ציען אַרויס אַ נוצן פון דעם קלענסטן וואָרט, וואָס מען זאָגט זיי.

קריסטאָף האָט זיך אַ וויש געטון מיט דער האַנט דעם שטערן.

— אוי, גאָט מיינער!

— וואָס איז געשען?

— איך דערמאָן זיך, אַז כ׳האָב אים געזאָגט עפּעס אין דער טיר...

— אַז וואָס?

— דעם קייזערס וואָרט.

— דעם קייזערס?

— יאָ, אפשר האָט ער אים אַליין נישט געזאָגט, נאָר אַלנפאַלס עמעצער פון זיין סביבה.

— אומגליקלעכער וואָס דו ביסט, ווערסט עס דאָך מאָרגן לייענען אויף דער ערשטער זייט פון דער צייטונג.

קריסטאָף האָט אַ ציטער געטון, נאָר צומאָרגנס האָט ער געפונען אַ באַשרייבונג פון זיין דירה, אין וועלכער דער זשורנאַליסט איז לחלוטין נישט געווען, און אַ באַריכט פון אַ שמועס, וואָס איז לחלוטין נישט פאָרגעקומען. וואָס מער מעשיות מ׳האָט וועגן אים דערציילט אַלץ ערגער זענען זיי געווען. אין די אויסלענדישע צייטונגען האָט מען זיי באַפּוצט נאָך מיט מער אומזין. פראַנצויזישע צייטונגען האָבן, למשל, געבראַכט אַ ידיעה, אַז קריסטאָף האָט צוליב נויט געמוזט באַאַרבעטן מוזיק פאַר גיטאַרע. פון אַן ענגלישער צייטונג האָט מען זיך גאָר דערוווסט, אַז ער האָט געשפּילט אויף אַ גיטאַרע איבער די הויפן.

דעריבער איז אים אויסגעקומען צו לייענען נישט קיין סאַמע שבחים. ס׳איז געווען גענוג בלויז דאָס, וואָס איז גינסטיק אויפגענומען פונם „גראַנד זשורנאַל״, כדי די איבעריקע צייטונגען זאָלן זיך אַ וואָרף טון אויף אים; ס׳איז קיינעם נישט אָנגעשטאַנען זיך מודה צו זיין, אַז זיין קאָלעגע האָט אַנטדעקט אַ זשעני, וועלכן זיי האָבן פאַרזען.

אַנדערע האָבן זיך געמאַכט לוסטיק איבער קריסטאָפן און אַנדערע האָבן אים באַקלאָגט. גוזשאַר איז געווען טיף געקרענקט, וואָס מ׳האָט אים אַרויסגעריסן אַזאַ ביסן פון מויל; ער האָט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל, כדי, ווי ער האָט געזאָגט, פעסטצושטעלן דעם אמת. ער האָט גערעד׳ט זייער פאַרטרויט וועגן זיין אַלטן פריינט קריסטאָף, וואָס ער, גוזשאַר האָט אים געהאָלפן שטעלן די ערשטע טריט אין פּאַריז: גאַנץ געוויס איז ער אַ טאַלענטירטער מוזיקער, אָבער (ער מעג עס זאָגן ווייל זיי זענען פריינט) זיין טאַלענט האָט נאָך פעלערן און איז צו וויניק אויסגעבילדעט; מען טוט אים די גרעסטע רעה, ווען מען זאָגט אים אַזוי פיל שבחים, בעת ער נויטיקט זיך נאָך אין אַ לערער, וואָס זאָל אים מוסרן, וואָס זאָל זיין געבילדעט, פעיק צו משפטן גוטווייליק און גלייכצייטיק שטרענג (אַזאַ מין מענטש, ווי גוזשאַר אַליין). די מוזיקער האָבן געמוזט ווידער לאַכן. זיי האָבן געשפּילט אַ בייסיקע פאַראַכטונג צו אַ קינסטלער, וואָס די צייטונגען האָבן פּראָטעזשירט. לפנים האָבן זיי געהאַט אַ טיפן עקל צום בהמישן

עולם און האָבן נישט געוואָלט צונעמען די מתנות, פון אַ אַרטאַקסער־קסעס, וואָס יענער האָט זיי אָנגעבאָטן. אַנדערע האָבן אויסגערעדט אויף קריסטאָפן אָסור־לדבר, אַנדערע, ווידער, האָבן אים קליין געמאַכט מיט זייער מיטגעפיל. טייל מענטשן זענען אָנגעפאַלן אויף אָליווייערן — דאָס זענען געווען זיינע קאָלעגן. ס׳איז זיי געווען ליב איצט זיך נוקם צו זיין אָן זיין ערלעכקייט, זיך נוקם צו זיין דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געענטפערט קיינמאָל אויף זייערע אָנפאַלן גיכער צוליב איינזאַמקייטס-באַדערפעניש, ווי צוליב גרינגשעצונג. אָבער די דאָזיקע מענטשן האָבן אים בשום אופן נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס ער קאָן זיך אָן זיי באַגיין. — אייניקע האָבן געגעבן אָנצוהערן, אַז אָליווייער איז פערזענלעך פאַראינטערעסירט אין די אַרטיקלען פון „גראַנד זשורנאַל". אַנדערע האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב צו נעמען אונטער זייער שוץ קריסטאָפן קעגן זיין פריינט. מיט רחמנות־טרערן אין די אויגן האָבן זיי אָנגעוויזן אויף דער געוויסנלאָזיקייט פון אָליווייערן, וואָס האָט אַרויסגעשטויסן אויף דעם יריד פון דער וועלט אַ צאַרטן, טרוימערישן, צום לעבן נישט גענוג צוגעגרייטן קינסטלער. — (און דאָס האָט געזאָלט זיין קריסטאָף!), — וואָס מוז בלי־ספק אונטערגיין. אָט אַזוי האָבן זיי געמאַכט פון קריסטאָפן אַ קליין יינגל, וואָס איז אַזוי נאַריש, אַז מען טאָר אים אַליין נישט לאָזן אויפן שפּאַציר. מען גראָבט אונטער, האָבן זיי געטענהט, די צוקונפט פון אָט דעם מענטשן, וואָס זיין גוטער ווילן און אָנגעשטרענגטע פלייסיקע אַרבעט פאַרדינען אַ בעסערן גורל, ביי זיין גאַנצן מאַנגל און שטאַרקן טאַלענט. מיט אַזאַ דומפן ווייררויך, האָבן זיי געטענהט, וועט מען אים איינגאַנצן דעם קאָפּ פאַרדולן. עס איז דאָך שרעקלעך. צי האָט מען אים נישט געקאָנט לאָזן רויק אין אַ זייט נאָך אַביסל יאָרן, געדולדיק אַרבעטן?

אָליווייער וואָלט גאַנץ לייכט געקאָנט ענטפערן:

— ווען מען אַרבעט, מוז מען אויך עסן. ווער וועט אים געבן ברויט?

אָבער דאָס וואָלט זיי נישט געשטערט. זיי וואָלטן אָן שום ישוב הדעת געענטפערט:

—ס׳מאַכט נישט אויס.ליידן מוז מען. וואָס גייט עס אייך אָן.

נאַטירלעך האָבן נאָר מענטשן פון דער געזעלשאַפט, וואָס האָבן געלעבט אין עסיק־און אין האָניק, געקאָנט אַזוי טענהן. דאָס אייגענע

האָט געענטפערט יענער מיליאָנער, ווען מען איז געקומען בעטן הילף פאַר אַ נויט־באַדערפטיקן קינסטלער:

— אָבער בעסטער הער, מאָצאַרט איז אויסגעגאנגען אין נויט!

מ׳וואָלט עס געפונען פאַר זייער געשמאַקלאָז, ווען אָליוויער וואָלט געזאָגט, אַז מאָצאַרט האָט קיין שום אַנדער זאַך נישט פאַר־לאַנגט, ווי נאָר צו לעבן. און אַז קריסטאָף איז אויך דערצו פעסט אַנטשלאָסן.

אָט די רכילותן זענען געוואָרן קריסטאָפן צו לאַסט. ער האָט געפרעגט ביי זיך, צי עס וועט לאַנג אַזוי אָנהאַלטן. אָבער אין צוויי וואָכן אַרום איז אינגאַנצן שטיל געוואָרן. די צייטונגען האָבן מער פון אים נישט גערעדט. ער איז שוין אָבער איצט געווען באַקאַנט און ווען מען האָט דערמאָנט זיין נאָמען, האָט קיינער נישט געזאָגט:

— דאָס איז דער קאָמפּאָזיטאָר פון „דוד" און „גאַרגאַנטואַ".

נאָר:

— אַך, יאָ, דאָס איז דער, וואָס וועגן אים האָט דער „גראַנד־זשורנאַל"...

אָט אַזוי האָט אויסגעזען זיין באַרימטקייט.

אָליוויער האָט זיך איבערצייגט, אַז קריסטאָף איז באמת באַ־רימט לויט דער גרויסער צאָל בריוו, וואָס קריסטאָף האָט באַקומען אָדער וואָס זענען געקומען אומדירעקט צו אָליוויערן. דאָס זענען געווען בקשות פון ליבערעטע שרייבער, פאָרשלאַגן פון קאָנצערט־אַגענטן, בריוו פון שפּוגל־נייע פריינט, וואָס זענען נאָך נעכטן גע־ווען קריסטאָפס שונאים און איינלאַדונגען פון פרויען. די צייטונגען האָבן אים געבעטן, ער זאָל אַרויסזאָגן זיין מיינונג וועגן אַן אַ שיעור זאַכן: וועגן דער אויסוואַנדערונג פון פראַנקרייך, וועגן דער אידעאַ־ליסטישער קונסט, וועגן פרויען־גאָרסעטן, וועגן אויפטרעטן נאַקעט אויף דער סצענע. מ׳האָט אים געפרעגט, צי געפינט ער נישט אייך, אַז דייטשלאַנד גייט באַרג־אַראָפּ, אַז די דייטשע מוזיקאַלישע קונסט האָט שוין אירס אָפּגעזאָגט און אַזוי ווייטער.ביידע פריינט האָבן געהאַט פון וואָס צו לאַכן. און דאָך איז געשען, אַז קריסטאָף, דער ווילדער קריסטאָף האָט אָנגענומען די איינלאַדונגען אויף מיטאָג. אָליוויער האָט זיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט:

— דו? — האָט ער געזאָגט

— יאָ איך! — האָט קריסטאָף זיך גערייצט מיט אים. — דו

מיינסט, אַז נאָר דו מעגסט זיך אַרומשלעפּן און קוקן אויף שיינע דאַמען? האָסט אַ טעות, מיין יינגל! איצט איז מיין רייע. איך וויל זיך אַ ביסל פריילעך מאַכן.

— פריילעך מאַכן? אַז אָך און וויי צו דיר!

דער אמת איז געווען, אַז קריסטאָף האָט אַ לאַנגע צייט געלעבט אינגאַנצן אָפּגעזונדערט און ס'האָט אים איצט אָנגעכאַפּט אַ ליידנשאַפטלעכער פאַרלאַנג אַ ביסל אַרויסצוגיין צווישן מענטשן. דערצו האָט ער געוואָלט פאַרזוכן דעם טעם פון זיין רום. נאַטירלעך, האָט ער זיך אין די דאָזיקע געזעלשאַפטן שרעקלעך געלאַנגווייליקט, און די מענטשן האָבן ביי אים אויסגעזען אידיאָטיש. נאָר ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט ער בייזוויליק דערציילט אָליוויערן פּונקט דעם היפּוך. ער פלעגט אָננעמען אַן איינלאַדונג, באַזוכט די מענטשן איינמאָל און מער נישט געקומען צו זיי, באַנוצנדיק גאַנץ קלאָרע אויסרעדן מער זיך נישט צו ווייזן. אָליוויער האָט פאַרצווייפלט פאַרבראָכן די הענט. נאָר קריסטאָף האָט פון אים געלאַכט. ער האָט נישט באַזוכט די סאַלאָנען, כדי צו פאַרגרעסערן זיין באַרימטקייט, נאָר כדי ווידער צו באַקומען אַ קאָנטאַקט מיטן לעבן, כדי אויפצונעמען בליקן, שטימען, באַוועגונגען. די גאַנצע עשירות פון פאָרמען, טענער און פאַרבן, מיט וועלכע דער קינסטלער מוז פון צייט צו צייט אומבאַדינגט אָנפילן זיין פאַלעטרע. אַ מוזיקער דערנערט זיך נישט בלויז מיט מוזיק. די באַטאָנונג פון אַ וואָרט, דער ריטם פון אַ זשעסט, די האַרמאָניע פון אַ שמייכל, גיבן אים מער מוזיקאַלישע אָנרעגונגען, ווי פיל סימפאָניעס פון זיינע קאָלעגן. דעם אמת מוז מען זאָגן, אַז אין די סאַלאָנען איז די מוזיק פון פּנימער און נשמות געווען פּונקט אַזוי איינטאָניק און נודנע, ווי די מוזיק פון די פּאַריזער מוזיקער. יעדערער האָט געהאַט זיין פּאָזע, וועלכע ער האָט כסדר אויסגעהאַלטן. דער שמייכל פון אַ שיינער פרוי בלייבט אין דער איינשטודירטער פּאָזע פּונקט אַזוי אינדיפערענט, ווי אַ פּאַריזער מעלאָדיע. די מענער האָבן נאָך פאַרמאָגט וויניקער אויסדרוק פון די פרויען. אונטער דער אויסמאַטערנדיקער השפּעה פון דער געזעלשאַפט, איז איינגעשלאָפן יעדע ענערגיע, און די אייגנאַרטיקייט פון די כאַראַקטערן זענען מיט אומגעהויערער שנעלקייט אָפּגעווישט געוואָרן. קריסטאָף איז געווען דערשטוינט צו טרעפן זייער פיל קינסטלער, וואָס זייער טאַלענט איז אינגאַנצן אויסגעגאַנגען אָדער האָט געהאַלטן אין אויסגיין. ער האָט

זיך דאָ באַקענט, למשל, מיט אַ יונגן מוזיקער, פֿול מיט קראַפֿט און טאַלענט, וואָס דער ערפֿאָלג האָט אים אַזוי אויסגעשעפּט און פֿאַר־טעמפּט, אַז ער האָט איצט מער גאָרנישט געטון, נאָר געלאָזט זיך באַדעמפֿן מיט ווייַרויך, גענאָסן פֿון לעבן און — געשלאָפֿן. וואָס פֿון אים קאָן ווערן אין צוואַנציק יאָר, דערצו איז געווען אַ לעבעדיקער ביישפּיל אין צווייטן עק סאַלאָן אין דער געשטאַלט פֿון אַן אַלטן געשמינקטן, רייַכן באַרימטן מייסטער, אַ מיטגליד פֿון כּלערליי אַקאַ־דעמיעס, וואָס האָט שוין דערגרייכט דעם שפּיץ פֿון זיין קאַריערע, שוין מער פֿאַר קיינעם נישט קיין מורא געהאַט און געקאָנט טון, וואָס זיין האַרץ גלוסט; און דאָך האָט ער זיך פֿאַר יעדן איינציקן געבויגן אין דרייען מחמת שרעק פֿאַר דער עפֿנטלעכער מיינונג, פֿאַר איינפֿלוס־רייכע מענטשן, פֿאַר דער פּרעסע; ער האָט נישט געהאַט קיין העזה צו זאָגן, וואָס ער טראַכט — און האָט שוין אייגנטלעך בכלל נישט געטראַכט, ווייל ער האָט נישט געפֿירט קיין ווירקלעך לעבן: אַ נאַרי־שער אייזל באַהאָנגען מיט די אויסצייכנונגען פֿון זיין גרויסקייט. מ׳האָט געקאָנט זיין זיכער, אַז הינטער די דאָזיקע קינסטלער און העלדן פֿון גייסט, וואָס זענען אַמאָל געווען אָדער לפּחות געקאָנט זיין גרויס, איז געשטאַנען אַ פּרוי, וואָס האָט אים געפֿירט צום גרונט. זיי זענען אַלע געווען געפֿערלעך. סיי די נאַרישע, סיי די קלוגע, סיי די פֿאַר־ליבטע און סיי די אייגננוציקע; די בעסטע האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר די ערגסטע, ווייל זיי האָבן נאָך פֿעסטער געשטיקט דעם קינ־סטלער מיט זייער נאַרישער צערטלעכקייט, מיט אַ גוטער כּוונה האָבן זיי געטון אַלץ אין דער וועלט אַבי צו דערשטיקן דעם טאַלענט, צו מאַכן אים נאָכגעביק, צו פֿאַרפֿלאַכן אים, און אַזוי צו געשטאַלטיקן, אַז ער זאָל זיך איינשרומפּן אין דער וועלט פֿון זייער געפֿיל, אין דער קליינער וועלט פֿון פּוסטקייט און מיטלמעסיקייט.

הגם קריסטאָף האָט קוים געהאַט אַ באַרירונג מיט דער דאָזיקער וועלט, האָט ער שוין גענוג געזען, כּדי אויפֿצוכאַפּן די געפֿאַר. נאַ־טירלעך האָבן אַ סך פּרויען געגאַרט צו געווינען קריסטאָפֿן פֿאַר זייער סאַלאָן און דינסט. און קריסטאָף האָט שוין אַ סך מאָל געהאַלטן דער־ביי, אַריינצופֿאַלן אין אַ נעץ פֿון ליבנסווירדיקע ווערטער אָדער אַ צו־זאָגנדיקן שמייכל. אָן זיין פֿראַסטן געזונטן פֿאַרשטאַנד און אָן די ביי־שפּילן פֿון יענע קינסטלער, וואָס די מאָדערנע צירצען האָבן זי חרוב געמאַכט, וואָלט קריסטאָף קיין גאַנצער דערפֿון נישט אַרויס. ס׳האָט

אים אָבער נישט געצויגן צו די דאָזיקע סטאַדעס פון די שיינע הי־טערינס. די געפאַר וואָלט פאַר אים נאָך געווען גרעסער, ווען זיי וואַרפן זיך נישט אַלע צו אים מיט אַמאָל. איצט ווען אַלע, סיי מע־נער און סיי פרויען, זענען געווען דורכגענומען דערמיט, וואָס אין זייער געזעלשאַפט געפינט זיך אַ זשעני, האָבן אים אַלע געוואָלט אַרומ־נעמען און דערשטיקן. די דאָזיקע מענטשן, ווען זיי זעען אַ בלום, האָבן זיי נאָר איין געדאַנק: אַריינצוזעצן די בלום אין אַ בלומען־טאָפּ. דעם פויגל צו פאַרשפאַרן אין אַ שטייג און פון אַ פרייען מאַן צו מאַכן אַ לאַקיי.

קריסטאָף האָט נאָר אויף אַ קורצער צייט פאַרלוירן זיין גלייכ־געוויכט. דערנאָך האָט ער פעסט אָנגענומען ביי די לייצעס און האָט געשיקט די גאַנצע געזעלשאַפט צו אַלדי רוחות.

דער גורל איז פול מיט איראָניע. די אומפאָרזיכטיקע מענטשן לאָזט ער זיך דורכגליטשן דורך די אויגלעך פון זיין נעץ; אָבער די, וואָס היטן זיך, די פאָרזיכטיקע, די וואַכזאַמע לאָזט ער נישט אַדורך. דעריבער איז קריסטאָף נישט געפאַנגען געוואָרן פון דער שטאָט פאַ־ריז און אָליוויער יאָ.

דער ערפאָלג פון זיין פריינט האָט אויך אים באַקאַנט געמאַכט. קריסטאָפס רום האָט געוואָרפן אַ שטראַל אויך אויף אים. צוויי אָדער דריי צייטונגען האָבן אים אָנגערופן „קריסטאָפס אַנטדעקער". און אַ דאַנק דעם האָט מען אים איצט בעסער געקענט, ווי דורך אַלע זאַכן, וואָס ער האָט געשריבן אין משך פון די לעצטע צען יאָר. ער האָט דעריבער אויך באַקומען פאַרשידענע איינלאַדונגען צוזאַמען מיט קרי־סטאָפן און ער האָט אים באַגלייט מיט דער כוונה צו וואַכן איבער אים. משמעות, די דאָזיקע אויפגאַבע האָט אים אַזוי אַבסאָרבירט, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן וועגן זיך. האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז די ליבע איז פאַרבייגעגאַנגען און האָט אים גע־פאַנגען.

זי איז געווען אַ רייצנד, בלאָנד, מאָגער קליין מיידל, מיט פיינע געלאָקטע האָר, וואָס זענען איר, ווי קליינע כוואַליעס גע־

לאָסן אַרום דעם דורכזיכטיקן שטערן. זי האָט געהאַט פײנע ברעמען איבער די שווערלעכע אויגן־לידערלעך, אויגן ווי פאַרגעס־מיך־נישט בלימעלעך, אַ שמאָלע נאָז מיט באַוועגלעכע נאָזלעכער, לײכט־אײנ־געפאַלענע שלײפן, אַן אײנגעשפּאַרטן קין, אַ באַוועגלעך, גײסטפול, זינלעך מויל, וווּ דער הויך־פאַרצויגענער ווינקל האָט שמײכלענדיק געשפּילט אַן אומשולדיקן פּאָן, ווי מען קאָן טרעפן אויף די ביל־דער פון פאַרמעדזשאַנאַ. זי האָט געהאַט אַ לאַנגן, שלאַנקן האַלז, און אַ פײנע פיגור, איר קערפּער איז געווען עלעגאַנט און מאָגער. איר יונג פּנים האָט פאַרמאָגט אַ האַלב־גליקלעכן, האַלב־ווײטיקלעכן אויסדרוק, עפּעס וואָס דערמאָנט די רעטעניש פון פרילינג־דערוואַכונג. זי האָט געהײסן זשאַקלין לאַנזשע און איז נאָך נישט אַלט געווען קײן צוואַנציק יאָר.

זשאַקלין האָט געשטאַמט פון אַ קאַטוילישער, רײכער, אָנגע־זעענער און גלײכצײטיק פרײ־גײסטיקער פאַמיליע. איר פאָטער איז געווען אַן אינטעליגענטער, דערפינדערישער אינזשעניער, וואָס האָט זיך שטענדיק אַן עצה געגעבן, יעדע זאַך תּופס געווען און האָט זײן פאַרמעגן געהאַט צו פאַרדאַנקען דער אַרבעט, זײנע פּאָליטישע באַציונגען און זײן חתונה — אַ חתונה פון ליבע און געלט (פאַר דעם דאָזיקן מין מענטשן איז עס דער אמתער שידוך) מיט אַ זײער פײנער עלטער פאַריזערין פון דער פינאַנס־וועלט. דאָס געלט איז געבליבן, די ליבע איז פאַרפלויגן. עס זענען נאָר געבליבן עטלעכע פונקען, ווײל דאָס געפיל איז אויף בײדע זײטן געווען זײער שטאַרק. זײ האָבן נישט צוגעבונדן דעם מינדסטן ווערט צו איבער־געטריבענער טרײשאַפט. יעדערער פון זײ האָט זיך פאַרנומען מיט זײן אַרבעט און מיט זײנע פאַרגעניגנס. זײ זענען געווען אין חברישע באַציונגען און האָבן געלעבט פרײ, אָבער נישט לײכטזיניק. דאָס קלײנע מײדעלע האָט אַרויסגערופן אײפערזוכט צווישן טאַטע־מאַמע און גלײכצײטיק זײ געבונדן. זײ האָבן עס בײדע אין אַ גלײ־כער מאָס ליב געהאַט. יעדערער האָט דערקענט אין דעם קינד זײנע אײגענע ליבלינגס פעלערן, וואָס זענען געווען פאַרשטעלט מיט קינ־דערשן חן, און יעדערער פון זײ האָט געוואָלט דאָס קינד צובינדן מער צו זיך. די קלײנע האָט עס נאַטירלעך באַלד באַמערקט מיט דער גאַנצער דורכגעטריבנקײט פון קינדער, וואָס גלויבן, אַז די גאַנ־צע וועלט דרײט זיך נאָר אַרום זײ. זי האָט עס אויסגענוצט, וואָס

די עלטערן ווילן זיך כסדר איבעריאָגן אין צערטלעכקייט. זי איז געווען זיכער, אַז יעדער קאַפּריז אירער וועט פון איין זייט ווערן נאָכגעגעבן און פון דער צווייטער פאַרוועט; און דער צווייטער צד איז געווען אַזוי געקרענקט, וואָס ער האָט נישט דורכגעפירט זיינס, אַז ער האָט באַלד דערלויבט אַסאַך מער, ווי דער ערשטער. אויף אַזאַן אופן איז דאָס קינד געוואָרן אויסערגעוויינלעך צעפּיעשטשעט. און ס׳האָט געהאַט מזל, וואָס עס איז בטבע נישט געווען שלעכט, — אויב מען זאָל נישט רעכענען דעם עגאָיזם, וואָס עס פאַרמאָגט יע־דעס קינד. דער דאָזיקער עגאָיזם נעמט אָן ביי צעלאָזענע, רייכע קינדער, צוליב מאַנגל אין ווידערשטאַנד און ציל־באַוווסטזיין, קרענק־לעכע פאָרמען. ביי דער גאַנצער פאַרגעטערונג פון דעם קינד האָבן הער און מאַדאַם לאַנזשע געלעבט גאַנץ באַקוועם און נישט מקריה געווען פאַרן קינדס וועגן זייערע פּערזענלעכע הנאות. זיי האָבן עס געלאָזט כמעט גאַנצע טעג אַליין מיט זיינע טויזנט און איין איינ־פאַלן, וואָס מ׳האָט כסדר נאָכגעגעבן. קיין צייט צו טרוימען האָט זשאַקלינען נישט געפעלט. דאָס איז איר געווען צום ליבסטן. צוליב די אומפאָרזיכטיקע רייד, וואָס מען האָט געפירט אין איר געגנ־וואַרט, איז זי פאַר דער צייט רייף געוואָרן, און שוין אַלס זעקס־יעריק קינד האָט זי דערציילט אירע פּופּעס קליינע ליבע־מעשיות, ווי ס׳האָבן געשפּילט אַ ראָל דער מאַן, די פרוי און דער געליבטער. נאַטירלעך, האָט זי אין יענער צייט אין דעם קיין בייז נישט געזען.

זינט דעם טאָג, ווען זי האָט אונטער די ווערטער דערפילט אַ שימער פון געפיל, האָט זי אויפגעהערט די פּופּעס צו דערציילן און באַהאַלטן די געשיכטע פאַר זיך. דורך איר נשמה האָט זיך איצט געצויגן אַן אונטערשטראָם פון אומשולדיקער זינלעכקייט, פּונקט ווי גלאָקן, וואָס קלינגען פון דער ווייטן. זי האָט אַליין נישט געוווסט, וואָס דאָס באַדייט. טיילמאָל האָט עס דער ווינט געבראַכט צו טראָגן אין כוואַליעס, און זי האָט נישט געוווסט, פון וואַנען זיי קומען. דעמאָלט האָט זי געציטערט און געררויטלט זיך. פון אַנגסט און תענוג האָט איר פאַרפעלט אָטעם. זי האָט עס בשום־אופן נישט געקאָנט באַגרייפן. עס פלעגט באַלד ווידער פאַרשווינדן, פּונקט ווי ס׳איז געקומען. עס איז גאָרנישט געבליבן, נאָר אַ דינע זשומעריי, אַן אומבאַמערקבאַרע וויבראַציע, וואָס איז צעשוומען געוואָרן אין דער בלויער לופט. ס׳איז בלויז געווען זיכער, אַז עס קומט ווייט

פון הינטער די בערג, און אַז מען מוז אַהין דערלאַנגען וואָס־מעגלעך גיכער: דאָרט איז דאָס גליק. אַך, ווען מען קאָן נאָר דערלאַנגען אַהין.

כּל־זמן זי איז דאָרט נישט געווען, האָט זי געטראַכט וועגן די מאָדנע זאַכן, וואָס מען קאָן דאָרט געפינען; און דאָס קליין מיידעלע האָט זיך געשטעלט די שווערסטע אויפגאַבע, אויפצודעקן דעם דאָזיקן סוד. מיט איר חברטע אין איר עלטער, סימאָניע אַדאַם, האָט זי אָפט געשמועסט וועגן די דאָזיקע ערנסטע פראַגן. איינע האָט געהאָלפן דער אַנדערער מיט איר וויסנשאַפט און מיט דער גאַנצער דערפאַרונג פון צוועלף־יעריקע מיידלעך, וואָס האָבן אויפגעכאַפּט שטיקלעך געשפּרעכן און האָבן אַ ביסל געלייענט. זיי האָבןביידע געהאָרעוועט און האָבן זיך, דאַכט זיך, געשטעלט אויף די שפּיץ־פינגער און אָנגעהאַלטן זיך אָן וואַנט, כּדי צו זען, וואָס עס טוט זיך אויף יענער זייט מויער, ווו ס'איז געווען פאַרבאָרגן זייער צוקונפט. אָבער הגם זיי האָבן זיך אָנגעשטרענגט און האָבן געמיינט, אַז זיי זעען עפּעס דורך די שפּאַרעס, האָבן זיי באמת גאָרנישט געזען. דאָס איז געווען אַ מאָדנער געמיש פון ריינקייט, פּאָעטיש־פאַרקלערטער פרייד און פאַריזער לוסטיקייט און שפּאַס. זיי האָבן גערעדט שרעקלעכע זאַכן, נישט פאַרשטייענדיק אַליין, וואָס זיי רעדן, און פון דער פשוטסטער זאַך געבויט זיך גאַנצע וועלטן. זשאַקלין, וואָס האָט אומעטום געניש־טערט אומגעשטערט, האָט איבערגעוואָרפן אַלע ביכער פון איר פאָ־טער. צום גליק האָט איר אומשולד און ריינער מיידלשער איב־סטינקט געשיצט זי קעגן בייזע דערפאַרונגען: אַ גראָב וואָרט אָדער האַסטיקע באַנעמונג זענען געווען גענוג, כּדי זי אָפּצושרעקן. זי האָט באַלד געלאָזט ליגן דאָס בוך און אָפּגעטראָגן זיך פון דער בייזער געזעלשאַפט, ווי אַ צעשראָקענע קאַץ, וואָס שפּרינגט געשיקט אַדורך איבער אַ קאַלוזשע און שמירט זיך נישט איין.

ראָמאַנען האָבן זי בכלל נישט געצויגן: זיי זענען געווען פאַר איר צו דייטלעך און צו טרוקן. ס'איז נאָר געווען איין זאַך, ווו איר האַרץ האָט דורכגעלעבט מיטגעפיל און האָפנונג, ווייל דאָרט זענען געווען אַלע אירע סודות: ליבע־לידער. ליבע־פּאָעטן זענען איר געווען צום נאָענטסטן. זיי האָבן נישט געזען די זאַכן אַזוי, ווי אין דער ווירקלעכקייט, זיי האָבן אַלץ אויסגעטרוימט דורך באַגער און בענקשאַפט. ס'האָט זיך איר כּמעט אויסגעדאַכט, ווי זיי וואָלטן

אויף פונקט, ווי זי, אַריבערגעקוקט איבער דער אַלטער מויער, אָבער זיי האָבן געוווּסט פיל מער, זיי האָבן געוווּסט אַלץ און האָבן עס איינגעהילט אין אומענדלעך־צאַרטע, געהיימניספולע ווערטער, וואָס מען מוז פאַרזיכטיק דערגרונטעווען, כּדי צו געפינען... אַך! זי האָט גאָרנישט געפונען, און דאָך איז זי שטענדיק געווען נאָענט דערצו.

די ביידע נייגעריקע זענען נישט מיד געוואָרן זוכנדיק. מיט אַ האַלבער שטים און מיט אַ לייכטן שוידער האָבן זיי געלייענט אַלפרעד דע מוסע אָדער סולי פּרודאָם, אין וועלכע זיי האָבן געזוכט אָפּגרונטן פון פאַרדאָרבנקייט. זיי האָבן איבערגעשריבן זייערע ליי־דער און קעגנזייטיק זיך אויסגעפּרעגט וועגן דעם פאַרבאָרגענעם זין פון געוויסע שטעלן, וואָס האָבן אָפּט גאָרנישט פאַרבאָרגן. אומשול־דיק און צעלאָזן, האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט, האָבן די צוויי דרייצניעריקע קליינע פרויען, וואָס האָבן פון ליבע נישט געוווּסט, גערעדט וועגן ליבע און ליבע־תּענוגים; זיי האָבן געשריבן בעת די לעקציעס, אונטער דער פּאַטערלעכער השגחה פון דעם לערער, — אַ מילדן העפלעכן אַלטיטשקן — לידער אויף מעק־פּאַפּיר, ווי די פאָלגנדיקע שורות, וואָס ער האָט איינמאָל געכאַפּט און מיט דער־שטוינונג איבערגעלייענט:

„לאָז, אָך, לאָז מיך האַלטן דיך אין די אָרעמס,
אויסטרינקען פון דיינע קושן די ליבע
טראָפּנווייז און פּאַמעלעך!...“

זיי האָבן געלערנט אין אַן אינסטיטוט, וואָס איז געווען זייער אַ געזען אין די געזעלשאַפטלעכע קרייזן. די דאָרטיקע לערער זע־נען געווען אוניווערזיטעט־דאָצענטן. דאָ האָבן זיי געפונען דעם ריכ־טיקן באָדן פאַר זייערע בענקשאַפטס־געפילן. כּמעט אַלע מיידעלעך זענען געווען פאַרליבט אין זייערע לערער. ס׳איז גענוג געווען, זיי זאָלן זיין יונג און נישט זייער מיאוס, כּדי אַרויסצורופן אין זייערע הערצער אַ שטורם. זיי האָבן געאַרבעט מיט אַלע כּוחות, כּדי נושא־חן צו זיין ביי זייער סולטאַן. ווען אַן אויפגאַבע איז אויסגעפאַלן שלעכט, האָבן זיי זיך באַגאָסן מיט טרערן, בעת ביי אַן אַנדער לע־רער האָט עס זיי נישט געאַרט. ווען ער האָט געקרימט, איז מען געוואָרן רויט און בלאַס. מ׳האָט שיר נישט געהאַלטן ביים חלשן און געפילט צו אים אַ דאַנקבאַרקייט. ווען ער האָט צוגערופן צו זיך אַ שילערין, כּדי איר אַן עצה צו געבן אדער צו זאגן אַ פריינטלעך

וואָרט, איז זי געווען אויפֿן זיבעטן הימל. מ׳האט באמת נישט געדאַרפֿט זיין קיין גאון, כּדי זיי געפֿעלן צו ווערן. בעת איינמאָל, אויף אַ לעקציע פֿון גימנאַסטיק, האָט דער לערער אויפֿגעהויבן זשאַקלינען צום טראַפּעז, האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ פֿיבער. אָ, די ליידנשאַפֿטלעכע קנאה, די געהיימע געפֿילן פֿון אייפֿערזוכט! מיט וואָס פֿאַראַ הכנעהדיקע און שמייכלענדיקע בליקן האָט מען געוואָלט אַרויסרייסן דעם געליבטן פֿין אַ פֿרעכער קאָנקורענטין. ווען ער האָט באַר אויף דער לעקציע געעפֿנט דאָס מויל, זענען שוין אַרומגעלאָפֿן די פֿעדערס און בלייפֿעדערס איבערן פּאַפּיר. דער זין איז קיינעם נישט אָנגעגאַנגען, דער עיקר איז געווען נישט אָנצווערן קיין איין וואָרט. זיי האָבן געשריבן און געשריבן און פֿון צייט צו צייט געוואָרפֿן בליקן אויפֿן פּנים און אויף די באַוועגונגען פֿון זייער גאָט און בשעת־מעשה האָבן זיי געטראַכט:

— צי וואָלט אים געקליידט אַ קראַוואַט מיט בלויע פּינטעלעך?

אַן אַנדערש מאָל האָבן זיי זיך אויסגעטרוימט אַן אידעאַל פֿון בונטפֿאַרביקע בילדער, פֿון איבערגעטריבענע באַנאַלע לידער, פֿון פּאָעטישע קופּער־שטיכן, וואָס זענען געווען אין דער מאָדע. דאָס איז געווען אַ צייט פֿון חלומות וועגן אַקטיאָרן און ווירטואָזן, וועגן לעבעדיקע און טויטע קינסטלער, ווי מונע־סולי, סאַמען, דעביוסי. — מ׳האָט אויסגעטוישט בליקן מיט אומבאַקאַנטע יונגעלייט אויף קאָנצערטן, אין סאַלאָן, אויפֿן גאַס, און אין די געדאַנקען האָבן זיך באַלד דערוועקט לאַנדשאַפֿטן; ווייל זיי האָבן כּסדר געפֿילט אַ באַדערפֿעניש זיך מיט עפּעס צו באַגייסטערן, צו האָבן די געלעגנהייט צו ליבן. זשאַקלין און סימאָנע האָבן זיך איינע פֿאַר דער אַנדערער פֿאַרטרויט: אַ קלאָרער סימן, אַז זיי האָבן נישט טיף געפֿילט; עס איז אַפֿילו געווען דאָס בעסטע מיטל נישט צו לאָזן אויפֿקומען קיין טיפֿער געפֿיל. פֿון דער צווייטער זייט האָבן זיי זיך אויף אַזאַ אופֿן כּסדר געפֿונען אין אַ כראָנישן צושטאַנד פֿון קראַנקהייט, וואָס זיי האָבן געפֿלעגט און איבער איר זיך לוסטיק געמאַכט. זיי האָבן זיך קעגנזייטיק אָנגערעגט. סימאָנע, וואָס איז בטבע געווען ראָמאַנטישער־מיושבדיקער, האָט זיך געמאָלט אַלץ אין פֿאַנטאַסטישע פֿאַרבן. די רעאַלערע און ליידנשאַפֿטלעכערע זשאַקלין וואָלט עס בעסער געוואָלט איבערלעבן אין דער ווירקלעכקייט.

צוואַנציק מאָל האָט זי שוין געהאַלטן ביים באַגיין נאַרישקייטן.

זי איז עס אָבער נישט באַגאַנגען, ווייל אין דעם עלטער טוט מען עס נישט. דאָך טרעפן אַזעלכע שעהן, ווען די פאַרליבטע קינדער (ווי מיר זענען אַלע אַמאָל געווען) האַלטן אָדער ביים באַגיין זעלבסטמאָרד, אָדער ביים לאָזן זיך פאַרפירן פון דעם ערשטן בעסטן. צום גליק דערגייט עס נישט אַזוי ווייט. זשאַקלין האָט אָנגעשריבן צענדליקער ליידנשאַפטלעכע בריוו צו מענטשן, וואָס זי האָט זיי קוים געקענט. אָבער זי האָט קיין איינעם נישט אָפּגעשיקט, אויסער איין איינציקן באַגייסטערטן בריוו, אָן אַן אונטערשריפט, צו אַ מיאוסן צווייט־ראַנגיקן קריטיקער. זי האָט זיך אין אים פאַרליבט, ווייל זי האָט אין עטלעכע שורות זיינע אַנטדעקט, לויט איר מיינונג, אַן אוצר פון געפיל. זי האָט זיך אויך אָנגעצונדן צו אַ גרויסן אַקטיאָר. ער האָט געוווינט נישט ווייט פון זיי. יעדעס מאָל, ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען זיין הויז־טיר, האָט זי געטראַכט:

— ווען איך זאָל צו אים אַריינגיין!

און איינמאָל האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט און איז צוגעגאַנגען צו זיין שטוב, אָבער דאָרט האָט זי געכאַפּט אַ ציטער. וואָס וואָלט זי אים געזאָגט? זי האָט אים לחלוטין נישט געהאַט וואָס צו זאָגן. זי האָט אים נישט געליבט און עס גוט געוווסט. ס׳רוב זענען אירע משוגעתן באַשטאַנען אין פרייוויליקן אָפּנאַרן זיך אַליין, און טיילווייז אין דער אייביק־אַלטער תענוגלעכער ליידנשאַפטלעכער באַדערפעניש ליב צו האָבן. זשאַקלין איז געווען זייער אינטעליגענט און האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון פון אירע נאַרישקייטן. נאָר דאָס האָט זי נישט אָפּגעהאַלטן. זי האָט זייער אָפּט באַזוכט פאַרשידענע געזעלשאַפטן, געווען אַרומגערינגלט מיט יונגעלייט, וואָס איר חן האָט זיי צוגעצויגן, און נישט איינער פון זיי האָט זי ליב געהאַט. זי האָט אָבער נישט ליב געהאַט קיינעם, נאָר געפלירטעוועט מיט אַלע. וואָס האָט דערפון געקאָנט אַרויסקומען, איז איר נישט אָנגעגאַנגען. אַ שיין מיידל מאַכט פון דער ליבע אַ גרויזאַמע שפּיל. עס קומט ביי איר אויס נאַטירלעך, וואָס מען האָט זי ליב און זי גלויבט, אַז זי איז לגבי דעם פאַרליבטן לחלוטן נישט פאַרפליכטעט. ווען איינער האָט זי ליב, קומט ביי איר אויס, אַז דאָס אַליין איז שוין פאַר אים אַ גרויס גליק. מען מוז צוגעבן, אַז אַזאַ מיידל פאַרשטייט בכלל נישט, וואָס עס איז אַזוינס ליבע, אַפילו ווען זי טראַכט דערפון אַ גאַנצן טאָג. מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז אַ יונג מיידל פון דער געזעלשאַפט,

וואָס איז אויפגעוואַקסן אין דער גרויסער שטאָט, ווערט פריער רייף, ווי אַ קינד פון דאָרף. אָבער באמת איז עס פונקט פאַרקערט. דורך ביכער און שמועסן ווערט זי אַזוי היימיש מיט דער ליבע, אַז זי פילט אויס איר גאַנץ פוסט לעבן און דערגייט ביז אַ מאַניע; עס דאַכט זיך איר, אַז זי האָט שוין דאָס דאָזיקע בוך געלייענט, און זי קען יעדעס וואָרט אויף אויסנווייניק. אָבער זי פילט דערביי גאָרנישט. ווייל אין דער ליבע און אין דער קונסט דאַרף מען נישט לייענען דאָס, וואָס אַנדערע זאָגן, נאָר זאָגן דאָס, וואָס מען פילט אַליין. און ווער עס רעדט לייכטזיניק, איידער ער האָט, וואָס צו זאָגן, איז אין דער געפאַר—קיינמאָל נישט צו זאָגן עפּעס רעכטס.

אָט אַזוי האָט זשאַקלין געלעבט; ווי ס׳רוב יונגע מיידלעך אין אַן אַטמאָספער פון פרעמדע געפילן, וואָס האָבן זי געהאַלטן אין אַ צושטאַנד פון שטענדיקן פיבער: זי האָט געהאַט הייסע הענט, טרוקעניש אין האַלז און ברענענדיקע אויגן און איז נישט געווען בכוח צו זען די זאַכן ריכטיק, ווי זיי זענען. זי האָט געגלויבט, אַז זי קען זיי. קיין גוטער ווילן האָט איר נישט געפעלט. זי האָט אָן אויפהער געלייענט אָדער זיך צוגעהערט, פון שמועסן און ביכער האָט זי זיך אויסגעלערנט עפּעס. זי האָט אַפילו געפּרוווט לייענען אין זיך אַליין. זי איז געווען בעסער פון איר סביבה, ווייל — אויפריכטיקער.

נאָר איין פרוי האָט געהאַט אויף איר אַ גוטע השפעה. לייִדער, נאָר אַ קורצע צייט. דאָס איז געווען איר פאָטערס אַ שוועסטער, אַן אַלט מיידל פון אַ יאָר פערציק ביז פופציק. מאַרטאַ לאַנזשע איז געווען הויך, געהאַט אַ רעגלמעסיק פנים, אָבער אַן אומעטיקס און נישט קיין שיינס. זי האָט שטענדיק געטראָגן שוואַרצע קליידער. אין אירע מינעס און באַוועגונגען איז געלעגן אַ שטייפע עלעגאַנץ. זי האָט גערעדט ווייניק און זייער שטיל. מען וואָלט זי בכלל נישט באַמערקט, ווען נישט דער קלאָרער בליק פון אירע קלוגע, בלויע אויגן און דער גוטמוטיקער געלעכטער פון איר טרויעריקן מויל.

בײַ די לאַנזשעס פלעגט מען זי טרעפן נאָר אין באַשטימטע

טעג, ווען זיי זענען געווען אַליין. לאַנזשע האָט געפֿילט צו זיין
שוועסטער אַ יראת־הכּבֿוד געמישט מיט לאַנגווייליקייט. מאַדאַם לאַנ-
זשע האָט נישט פֿאַרהוילן פֿון איר מאַן, אַז די דאָזיקע באַזוכן פֿאַר-
שאַפֿן איר ווייניק פֿרייד. פֿונדעסטוועגן האָט מען זיך געהאַלטן בײַ
דער קאָנווענציאָנעלער פֿליכט זי איינצולאַדן רעגלמעסיק איינמאָל אַ
וואָך צו מיטאָג. מ׳האָט איר, אַגבֿ, נישט געגעבן צו פֿילן, אַז מען
טוט עס נאָר צוליב פֿליכט. לאַנזשע האָט בײַם טיש גערעדט וועגן
זיך, וואָס ער האָט שטאַרק ליב געהאַט. מאַדאַם לאַנזשע האָט גע־
טראַכט וועגן פֿאַרשידענע זאַכן, צוליב געוווינהייט געשמייכלט און
געענטפֿערט גלאַט אין דער וועלט אַריין. אָט אַזוי פֿלעגט דער מי-
טאָג דורכגיין העפֿלעך, און ס׳האָט נישט איינמאָל געטראָפֿן, אַז אַלע
זענען געווען פֿול מוט האַרציקייט, ווען די פֿיין-פֿילנדיקע מומע האָט
זיך אָפּגעטראָגן אַהיים פֿריער, ווי מען האָט זיך גערעכנט. אין באַ־
שטימטע טעג, ווען מאַדאַם לאַנזשע האָט זיך דערמאָנט אָן באַזונדערע
ליבע־זכרונות, האָט איר רייצנדער געלעכטער ממש געשטראַלט. די
מומע מאַרטאַ האָט עס אַלץ געפֿילט. זי האָט אַלץ געזען; און אין
איר ברודערס הויז זענען געווען זייער פֿיל זאַכן, וואָס האָבן זי
אָפּגעשטויסן און פֿאַראומערט, אָבער זי האָט עס קיינעם נישט אַרויס־
געוויזן: וואָס פֿאַרא נוצן וואָלט עס געבראַכט? זי האָט ליב געהאַט
איר ברודער, זי איז געווען שטאָלץ מיט זיין קלוגשאַפֿט און ערפֿאָלג,
גלייך ווי די איבעריקע פֿאַמיליע, וואָס פֿאַר איר איז נישט געווען
קיין שווערער קרבן, אַבי דער עלטסטער זון זאָל האָבן ערפֿאָלג.
אָבער זי האָט זיך נישט געלאָזט פֿאַרבלענדן די אויגן. זי איז גע-
ווען פּונקט אַזוי קלוג ווי ער, אָבער מאָראַליש איז זי געווען פֿעס־
טער, כּמעט מענלעכער. (בכלל שטייען אין פֿראַנקרייך די פֿרויען
פֿיל העכער, ווי די מענער), זי האָט אים געזען דורך־און־דורך, און
האָט אים אָפֿן געזאָגט איר מיינונג, בעת ער האָט זי געפֿרעגט.
אָבער ער האָט זי שוין זייער לאַנג נישט געפֿרעגט! ער האָט גע־
פֿונען פֿאַר קליגער נישט צו וויסן, אָדער — (ווייל ער האָט אַלץ
געוווּסט אַזוי גוט, ווי זי) — נישט צו וועלן וויסן. זי האָט זיך מיט
שטאָלץ צוריקגעצויגן. קיינער האָט זיך נישט אינטערעסירט מיט איר
אינערלעך לעבן. דאָס איז געווען פֿאַר אַלעמען באַקוועמער. זי האָט
געלעבט איינזאַם, איז ווייניק אַרויסגעגאַנגען פֿון שטוב און האָט גע־
האַט נאָר געציילטע פֿריינט. עס וואָלט זייער לייכט אָנגעקומען

אויסצונוצן די באַציונגען פון איר ברודער און אירע אייגענע פעי־קייטן; זי האָט עס אָבער נישט געטון. זי האָט אָנגעשריבן פאַר איי־נער פון די גרויסע פאַריזער צייטשריפטן אַ צוויי אָדער דריי אַר־טיקלען, היסטאָרישע און ליטעראַרישע פּאָרטרעטן, וואָס זייער גוטער, ניכטערער און טרעפלעכער סטיל זענען אַלעמען געפעלן געוואָרן. דערמיט האָט זיך עס אָבער געענדיקט. זי האָט געקאָנט אָנקניפּן אינ־טערעסאַנטע פריינטלעכע באַציונגען מיט בעסערע מענער און פרויען, וואָס האָבן איר אַרויסגעוויזן אינטערעס, און וואָס זי וואָלט זיך אַליין גערן בהקענט מיט זיי. נאָר זי איז לחלוטין נישט אַנטקעגנגעקומען זייער גוטן ווילן. עס איז פאָרגעקומען, אַז זי האָט געהאַט אַ בילעט אויף אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג; מ׳האָט געשפּילט אַ שיינע זאַך, וואָס זי האָט ליב געהאַט און דאָך איז זי נישט געגאַנגען; אָדער זי האָט געקאָנט מאַכן אַ רייזע, וואָס וואָלט איר פאַרשאַפט פרייד, — און דאָך איז זי געבליבן אין שטוב. איר נאַטור איז געווען אַ מאָדנער געמיש פון סטאָיציזם און נעווראַסטעניע. אָבער די דאָזיקע אייגנ־שאַפטן האָבן לחלוטין נישט קרענקלעך געמאַכט איר געזונטן אַרט דענקען. איר קערפּער איז געווען דערפון אָנגערירט, אָבער נישט איר גייסט. אָן אַלטן ווייטיק, וואָס נאָר זי אַליין האָט אים געקענט, האָט זי שטענדיק אַרומגעטראָגן מיט זיך. און נאָך טיפער, אומבאַוווסטער און איר אַליין אומבאַקאַנטער זענען געווען די שפּורן פונם גורל, די אײַנערלעכע יסורים, וואָס האָבן זי אַלץ מער גענאָגט. — דאָך האָט די משפּחה לאַנזשע געזען פון איר זייט נאָר דעם קלאָרן בליק, וואָס איז פאַר זיי טיילמאָל געווען פיינלעך.

זשאַקלין האָט כּמעט קיין אַלט נישט גלעגט אויף דער מומען, כּל־זמן זי איז געווען זאָרגלאָז און געלעבט גליקלעך, — און דאָס איז דאָך געווען איר געוויינלעכער צושטאַנד. דאָך, ווען זי איז גע־קומען אין דעם עלטער, ווען דער קערפּער און די נשמה ווערן באַ־הערשט פון אַ שטייגנדיקער אומרו, ווען דאָס גאַנצע וועזן ווערט באַ־הערשט פון עקל, פון צער, שרעק און האָפנונגסלאָזן טרויער; אין יענער צייט פון זינלאָזן אומדערטרעגלעכן טומל, וואָס האַלט לאַנג נישט אָן, ווען עס דאַכט זיך אויס, אַז אָט שטאַרבט מען, — האָט דאָס קינד, וואָס האָט געהאַלטן ביים דערטרונקען ווערן און נישט געהאַט קיין מוט צו רופן עמעצן צו הילף, זיך אָנפאַרטרויט דער מומען מאַרטאַ, וועלכע האָט איר דערלאַנגט איר האַנט. אַך, ווי ווייט

עס איז איר אויסגעקומען די גאַנצע פאַמיליע! ווי פרעמד זענען איר איצט געוואָרן טאַטע-מאַמע! זיי זענען געווען צו שטאַרק פאַרנומען מיטן אייגענעם צערטלעכן עגאָיזם, אַז קיינער פון זיי האָט קיין צייט נישט געהאַט צו פאַרנעמען זיך מיט די קליינע דאגות פון זייער פערצן-יעריקער פופע. אָבער די מומע האָט זי פאַרשטאַנען און מיטגעפילט. זי האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר שטיל געשמייכלט. זי האָט געטוישט איבערן טיש פריינטלעכע בליקן מיט זשאַקלינען. זשאַקלין האָט געפילט, אַז די מומע פאַרשטייט זי און זי האָט זיך צו איר געטוליעט. און מאַרטאַ האָט געלעגט איר האַנט אויף זשאַקלינס קאָפּ און שווייגנדיק געגלעט אירע האָר.

דאָס יונגע מיידל האָט זיך איר אָנפאַרטרויט. ווען איר האַרץ איז געווען איבערגעפולט, פלעגט זי באַזוכן איר גרויסע פריינדין. זי האָט געוווסט, אַז שטענדיק וועט זי דאָרט באַגעגענען די זעלבע פריינטלעכע אויגן, וואָס פון זיי שטראָמט אַראָפּ אויף איר רו. זי האָט כמעט קיינמאָל נישט גערעדט מיט איר מומע וועגן אירע איינגע-רעדטע, קליינע ליידנשאַפטן, זי האָט זיך געשעמט. זי האָט געפילט, אַז זיי זענען אויסגעטראַכט. דערפאַר האָט זי דערציילט וועגן אירע אומבאַשטימטע, טיפע ליידן, וואָס זענען געווען ערלעך, באמת ערלעך.

— מומע, — האָט זי טיילמאָל געזיפצט. — איך וויל אַזוי זיין גליקלעך.

— אָרעם קינד! — האָט מאַרטאַ מיט אַ שמייכל געזאָגט.

זשאַקלין האָט געלעגט איר קאָפּ אויף דער מומעס קני און גע-קושט אירע הענט.

— איך וועל זיין גליקלעך? מומע, זאָג! איך וועל זיין גליק-לעך?

— דאָס ווייס איך נישט, טייער קינד. דאָס איז אָפּהענגיק אַ ביסל פון דיר אַליין. אויב מען וויל, קאָן מען שטענדיק זיין גליקלעך.

דאָס האָט זשאַקלין נישט געגלויבט.

— ביסטו דען גליקלעך?

מאַרטאַ האָט אומעטיק אַ שמייכל געטון.

— יאָ.

— ניין, באמת, ביסטו טאַקע גליקלעך?

— גלויבסט נישט?

— יאָ... אָבער...

זשאַקלין האָט געשטאַמלט.

— אָבער וואָס ?

— יאָ. איך וויל גליקלעך זיין, אָבער אַנדערש, ווי דו.

— אָרעם קינד ! — האָט די מומע מאַרטאַ געזאָגט. — דאָס האָף איך אויך.

— ניין, — האָט זשאַקלין געזאָגט, שאָקלענדיק ענערגיש מיטן קאָפּ, — איך, זעסטו, איך וואָלט עס בשום אופן נישט געקאָנט פאַרטראָגן.

— איך האָב אויך נישט געגלויבט, אַז איך וועל עס קאָנען. דאָס לעבן לערנט אויס און צווינגט צו אַ סך זאַכן.

— אַך, אָבער איך וויל נישט געצווונגען ווערן, — האָט זיך זשאַקלין פאַרצווייפלט געוועהרט. — איך וויל זיין גליקלעך אויף מיין אייגענעם אופן.

— דו וואָלסט געווען אין אַ פאַרלעגנהייט, ווען מען פרעגט דיך, וואָס פאַר אַן אופן דאָס איז.

— איך ווייס זייער גענוי, וואָס איך וויל.

זי האָט געוואָלט זייער פיל. נאָר ווען ס'איז געקומען צום רעדן, האָט זי קיין אַנדער זאַך נישט געקאָנט געפינען ווי נאָר איינס :

— קודם-כל וויל איך מען זאָל מיך ליב האָבן !

מאַרטאַ האָט געשוויגן און ווייטער געניית.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי געזאָגט :

— און וואָס וואָלסטו דערפון געהאַט, ווען דו וואָלסט אַליין יענעם נישט ליב געהאַט ?

זשאַקלין איז געווען שטאַרק איבעראַשט.

— אָבער מומע ! — האָט זי אויסגערופן — נאַטירלעך רעד איך וועגן דעם פאַל ווען איך וועל ליב האָבן ! די איבעריקע פאַלן קאָן מען דאָך נישט רעכענען.

— און אויב דו וועסט קיינעם נישט ליב קריגן ?

— וואָס פאַר אַן איינפאַל ! מען מוז דאָך ליב האָבן.

מאַרטאַ האָט סקעפּטיש געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נישט שטענדיק ליבט מען. — האָט זי געזאָגט, — מען וויל נאָר ליבן. ליבע איז די גרעסטע ברכה פון גאָט. בעט אים, ער זאָל דיך דערמיט בענטשן.

— און אויב קיינער וועט מיך נישט ליב האָבן ?

— אַפילו אויב ער וועט דיך נישט ליב האָבן, אויך דעמאָלט קאָנסטו נאָך זיין זייער גליקלעך.

זשאַקלינס פּנים האָט זיך אויסגעצויגן. זי האָט זיך פאַרקרימט.

— דאָס וויל איך נישט. — האָט זי געזאָגט, — דאָס וועט מיר קיין פאַרגעניגן נישט אָנטון.

מאַרטאַ האָט הארציק אַ שמייכל געטון, און זי האָט אָנגעקוקט זשאַקלין, אָפּגעזיפצט און גענומען זיך ווידער צו דער אַרבעט.

— אָרעם קינד! — האָט זי נאָכאַמאָל געזאָגט.

— אָבער פאַרוואָס זאָגסטו כסדר „אָרעם קינד"? — האָט זשאַקלין אומרויק געפרעגט. — איך וויל נישט זיין קיין אָרעם קינד. איך וויל אַזוי שרעקלעך, שרעקלעך גליקלעך זיין.

— דערפאַר טאַקע זאָג איך „אָרעם קינד".

זשאַקלין האָט זיך נאָך אַ ביסל געקרימט, אָבער ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט. מאַרטאַס גוטער שמייכל האָט זי צענומען. זי האָט זיך געמאַכט ברוגז און דאָך זי אַרומגענומען. באמת פילט זיך אַ פּרנסה-יאָריק מיידל געשמייכלט שוין דורך דעם, וואָס מען זאָגט איר פאַר אויף דער צוקונפט טרויעריקע מעגלעכקייטן. פונדערווייטנס זעט דאָס אומגליק אויס העל און מען האָט נישט מורא אַזוי שטאַרק דער פאַר, ווי פאַר דער מיטלמעסיקייט פון לעבן.

זשאַקלין האָט נישט באַמערקט, ווי דער מומעס פּנים איז געוואָרן אַלץ בלייכער און בלייכער. ס׳איז איר געווען אויפפאַלנד, וואָס מאַרטאַ איז וואָס אַמאָל ווייניקער אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. נאָר זי האָט אין דעם געזען בלויז דער מומעס נייגונג צו איינזאַמקייט. אי-בער דעם האָט זי זיך אָפט לוסטיק געמאַכט. אַ פּאָר מאָל האָט זי בעתן קומען דאָ געטראָפן אַ דאָקטאָר, וואָס איז גראָד אַרויסגעגאַנגען. זי האָט געפרעגט די מומען:

— דו ביסט קראַנק?

אָבער מאַרטאַ האָט געענטפערט:

— ס׳איז אַ קלייניקייט.

אָבער אין גיכן האָט זי אויפגעהערט צו באַזוכן די לאַנזשעס יעדע וואָך, זשאַקלין איז געווען טיף געקרענקט און האָט איר געמאַכט ביטערע פאָרוווּרפן.

— טייער קינד, — האָט איר מאַרטאַ צאַרט געזאָגט, — איך פיל זיך עפּעס נישט מיט אַלעמען.

אָבער זשאַקלין האָט דערפון נישט געוואָלט וויסן. דאָס אַלץ זענען געווען נאָר אויסריידן.

— אויך מיר אַן אָנשטרענגונג צו קומען צו אונז אויף צוויי שעה אין דער וואָך! דו האָסט מיך נישט ליב. דו האָסט נאָר ליב דיין ווינקל און דיין קאַמין.

נאָר ווען זי האָט אין שטוב דערציילט מיט שטאָלץ, אַז זי האָט געמאַכט דער מומען מאַרטאַן פאָרווורפן, האָט איר לאַנזשע שטרענג אָנגעזאָגט:

— לאָז צורו דיין מומען. דו ווייסט דען נישט, אַז די אָרעמע פרוי איז שווער קראַנק געווען?

זשאַקלין איז געוואָרן בלייך ווי די וואַנט. מיט אַ ציטערנדיקער שטים האָט זי געפרעגט, וואָס עס איז דער מומען. מ'האָט איר נישט געוואָלט זאָגן. לסוף האָט זי אַרויסגעקריגן, אַז מאַרטאַ האָט אַ ראַק, אז מען קאָן זי שוין נישט ראַטעווען און אַז זי האָט קוים עטלעכע חדשים צו לעבן.

זשאַקלין האָט דורכגעלעבט שרעקלעכע טעג. זי האָט זיך ווידער אַביסל באַרויקט, ווען זי האָט געזען די מומען. צום גליק האָט מאַרטאַ קיין סאַך נישט געליטן. זי האָט אויפגעהאַלטן איר רויקן שבֿייכל, וואָס האָט אויף איר בלייכן פנים געלויכטן, ווי אַן אָפשיין פון אַן אינערלעכן לאָמפּ. זשאַקלין האָט זיך געטראַכט:

— ניין, ס'איז אוממעגלעך. זיי האָבן אַ טעות. זי וואָלט נישט געווען אַזוי רויק.

זי האָט ווידער אָנגעהויבן אָנפאַרטרויען מאַרטאַן אירע געדאַנקען, און מאַרטאַ האָט זיך דערמיט פאַראינטערעסירט נאָך מער ווי פריער. נאָר טיילמאָל פלעגט זי אינמיטן דעם שמועס פאַרלאָזן דאָס צימער, נישט אַרויסווייזנדיק לחלוטין, אַז עס טוט איר עפּעס וויי; און זי פלעגט צוריקקומען ערשט דעמאָלט, ווען דער אָנפאַל איז אַריבער און די שטריכן פון איר פנים זענען צוריק אויסגעלייטערט געוואָרן. זי האָט נישט ליב געהאַט צו הערן, ווי מען רעדט וועגן איר צושטאַנד, זי האָט עס געוואָלט באַהאַלטן. אפשר איז עס פאַר איר געווען אַ באַדערפעניש נישט צו טראַכטן דערפון: די קראַנקהייט האָט זי איבערגעשראָקן און אַרויסגעפירט זי פון גלייכגעוויכט. זי האָט נישט געוואָלט טראַכטן דערפון. איר גאַנצער פאַרלאַנג איז געווען אָפּצולעבן די לעצטע חדשים אין רויקייט און שטילקייט.

דער צושטאַנד האָט זיך פאַרערגערט פריער ווי מ'האָט זיך געריכט. איצט האָט זי נישט אויפגענומען קיינעם אַחוץ זשאַקלינען, אָבער אויך זשאַקלינס באַזוכן האָבן געמוזט פאַרקירצט ווערן. לסוף איז געקומען דער טאָג פון צעשיידונג. מאַרטאַ איז געלעגן אין בעט, שוין לאַנגע וואָכן, אין האַרציקע טרייסטנדיקע ווערטער האָט זי זיך געזעגנט מיט איר קליינער פריינדין און דאַן זיך פאַרמאַכט, כדי צו שטאַרבן.

זשאַקלין האָט דורכגעלעבט חדשים פון פאַרצווייפלונג. מאַרטאַס טויט איז אויסגעפאַלן אין די ערגסטע שעהן פון איר גייסטיקער צעבראָכנקייט, ווען מאַרטאַ וואָלט געווען די איינציקע איר צו העלפן און זי צו פאַרשטיין. זי איז געווען אין אַ צושטאַנד פון שרעקלע־כער פסטקייט און איינזאַמקייט. כדי צו האָבן אַן אָנהאַלט האָט זי זיך געגוויטיקט אין אַ שטאַרקן גלויבן. אייגנטלעך האָט זי אָט דעם אָנהאַלט געדאַרפט באַזיצן: זי האָט שטענדיק געמוזט דערפילן די רעליגיעזע פליכטן פונקט ווי איר מוטער. אָבער גראָד דאָ האָט איר געאַרט אַ קשיא: איר מוטער האָט דערפילט די רעליגיעזע פליכטן, אָבער די מומע מאַרטאַ נישט. ווי-זשע האָט זשאַקלין נישט געוואָלט דורכפירן אַ פאַרגלייך! קינדער־אויגן אַנטדעקן זייער פיל ליגן, וואָס די דערוואַקסענע באַמערקן גאָרנישט, זיי באַמערקן אויך זייער פיל שוואַכקייטן און מסירות. זשאַקלין האָט באַמערקט, אַז איר מוטער און אַנדערע כלומרשט-רעליגיעזע מענטשן פילן דעם זעלבן ציטער פאַרן טויט ווי די אומגלויביקע. ניין, דאָס איז געווען אַ צו שוואַ־כער אָנהאַלט... און צו דעם אַלעמען זענען נאָך צוגעקומען פערזענ-לעכע דערפאַרונגען, צעבונטעוועטקייט און ווידערשפרוכן, אַן אומגע־שיקטער ווידוי־גלח, וואָס האָט זי אָפגעשטויסן.... זי איז ווייטער געגאַנגען אין קירכע, אָבער אָן גלויבן, אָט אַזוי, ווי מען מאַכט אַ וויזיט, ווייל מען איז גוט דערצויגן. רעליגיע און געזעלשאַפט האָבן איצט נישט געהאַט פאַר איר קיין שום רייץ. איר איינציקער מק"ט איז געווען דער געדאַנק וועגן דער פאַרשטאָרבענער, אין וועלכן זי איז איינגאַנצן פאַרזונקען געוואָרן- זי האָט געהאַט צו זיך טענות, וואָס זי האָט אָפט פאַרנאַכלעסיקט, צוליב יוגנטלעכן עגאָיזם איר מומען, וואָס זי האָט היינט אָן אויפהער צוריקגערופן צום לעבן. דאָס בילד פון דער טויטער האָט געלויכטן, און דאָס איידעלע ביישפיל, וואָס מאַרטאַ האָט געגעבן מיט איר גייסטיק צוריקגעצויגן לעבן, האָט

געווירקט, אַז זי האָט דערפילט אַן עקל צום געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין ערנסט און קיין אויפריכטיקייט. זי האָט איצט געזען אין דעם נאָר נאַרישקייט, און די אַלע ליבנסווירדיקע שפּאַסן, וואָס האָבן זי אין אַן אַנדער צייט געוויילט, האָבן זי איצט צעבונטעוועט. זי האָט געלעבט אין אַ צושטאַנד פון גייסטיקער אויפרעגונג און זי האָט שטאַרק געליטן. איר נשמה איז איצט געווען נאַקעט. ס'האָבן זיך איר אַנטפּלעקט באַשטימטע זאַכן, וואָס זי האָט ביז דעמאָלט נישט געוווּסט. איין זאַך, למשל, האָט זי טיף געטראָפן.

איינמאָל נאָכמיטאָג איז זי געווען אין איר מוטערס סאַלאָן. מאַדאַם לאַנזשע האָט געהאַט אַ גאַסט — עפּעס אַ חוצפּהדיקן לץ, אַ מאָדע-מאַלער, וואָס איז אָפט צו זיי אַרייַנגעקומען, אָבער נישט געהערט צום קרייז פון די אינטימע באַקאַנטע. זשאַקלין האָט דערפילט, אַז איר געגנוואַרט איז זיי ביידן נישט אָנגענעם. נאָר אויף צו להכעיס איז זי געבליבן. גראָד האָט מאַדאַם לאַנזשע געליטן דעם טאָג פון קאָפּווייטיק און איז געווען צעטראָגן צוליב די מיגרען-פּילן, וואָס די דאַמען שלינגען, ווי צוקערלעך און וואָס שעפּן אויס די כוחות. אומבאַוווּסטערהייט האָט זי געזאָגט צו איר גאַסט „מיין ליבלינג".

זי האָט זיך באַלד געכאַפּט און האָט געמאַכט דערפון אַ שפּאַס. זיי האָבן ווייטער העפלעך געפירט דעם געשפּרעך. זשאַקלין, וואָס האָט גראָד דערלאַנגט טיי, האָט שיר נישט אַרויסגעלאָזן פון האַנט די טאַץ. זי האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז הינטער אירע פּלייצעס האָבן זיי זיך ביידע פאַרשטענדיקט מיט אַ שמייכל. זי האָט זיך שנעל אויסגעדרייט און געכאַפּט זייערע בליקן, זייערע שולדיקע בליקן, וואָס האָבן זיך באַלד אַראָפּגעלאָזט. — איר אַנטדעקונג איז געווען פאַר איר אַ שטאַרקער קלאַפּ. אָט דאָס יונגע פריי-דערצויגן מיידל, וואָס האָט אָפט געהערט רעדן וועגן אַזאַ מין באַציונג און האָט אַליין גערעדט דערפון מיט אַ שמייכל, האָט דערפילט אַן אומדערטרעגלעכן ווייטיק, בעת זי האָט באַמערקט, אַז איר מאַמע... איר מאַמע... ניין, דאָס איז נישט אַלץ איינס!... מיט איר שטענדיקער גוזמא איז זי אַריבער פון איין עקסטרעמקייט צו אַ צווייטער. ביז איצט האָט זי קיינעם נישט חושד געווען. איצט האָט זי חושד געווען אַלעמען.

זי האָט זיך גענומען פונאַנדערקלייבן אין די פאַרשידענע פרטים פון איר מאַמעס האַנדלונג, און מאַדאַם לאַנזשעס לייכטזיניקייט האָט איר געגעבן גענוג שטאָף פאַר דעם מין פאַרדאַכט. אָבער זשאַקלין האָט

עס נאָך מער צעבלאָזן. זי וואָלט זיך גערן איצט דערנענטערט צו איר פאָטער. ער איז איר שטענדיק געווען נעענטער מיט זיין קלוגן גייסט, וואָס האָט אויף איר געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס, זי וואָלט אים איצט נאָך שטאַרקער ליב געהאַט און באַדויערט. אָבער לאַנזשע האָט זיך, משמעות, נישט געניטיקט אין איר מיטלייד. און די צערייצטקייט פון דעם יונגן מיידל האָט נאָך מער געליטן פון אַן אַנדער פאַרדאַכט, וואָס איז געווען נאָך שרעקלעכער פונם ערשטן: דער פאָטער ווייס וועגן אַלץ, נאָר ס'איז אים באַקוועמער זיך צו מאַכן נישט ווייסנדיק. אגב, איז אים די גאַנצע געשיכטע גאַנץ גלייכגילטיק, אַבי ער קאָן נאָר לעבן ווי אים געפעלט. זשאַקלין איז געווען שרעקלעך פאַרצווייפלט. זי האָט נישט געהאַט קיין מוט צו פאַראַכטן אירע עלטערן, זי האָט זיי דאָך ליב געהאַט. אָבער זי האָט מער צוזאַמען מיט זיי נישט געקאָנט לעבן. אויך איר פריינטשאַפט מיט סימאָנע אַדאַם האָט איר קיין הילף נישט געבראַכט. מיט דער גאַנצער שטרענגקייט האָט זי געאורטיילט די שוואַכקייטן פון איר עלטערער שול-חברטע. אָבער זיך אַליין האָט זי אויך נישט געשוינט. זי האָט געליטן פון אַלץ, וואָס זי האָט געהאַלטן אין זיך פאַר מיאוס און געמיין. פאַרצווייפלט איז זי אַנטלאָפן צו די זכרונות וועגן מאַרטאַן. אָבער די ערינערונג האָט זיך אָפגעווישט. זי האָט געפילט ווי דער שטראָם פון דער צייט וואַשט אָפ די טייערע בילדער, ביז אַלע איינדרוקן ווערן פאַרשוווּנדן. דעמאָלט וועט קומען דער סוף. זי וועט ווערן, פונקט ווי אַנדערע, זי וועט דערטרונקען ווערן אין זומפ... אָ, זי מוז פאַר יעדן פרייז אַרויס פון דער דאָזיקער וועלט.

הילף! הילף!

גראָד אין יענער צייט פון פיבערדיקער איינזאַמקייט, ליידנשאַפטלעכן ווייטיק און געהיימניספולע האָפענונגען, ווען זי האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו אַן אומבאַקאַנטן רעטער, האָט זי באַגעגנט אָליוויערן. מאַדאַם לאַנזשע האָט נישט פאַרזאַמט איינצולאַדן קריסטאָפן, וואָס איז יענעם ווינטער געווען אין דער מאָדע, קריסטאָף איז געקומען און האָט זיך, ווי זיין שטייגער, לחלוטין נישט באַמיט נושא-חן

צו זיין. פונדעסטוועגן האָט מאַדאַם לאַנזשע געכאַפּט פון אים התפעלות: ער האָט זיך געמעגט אַלץ ערלויבן — מ'האָט אים סיי-ווי-סיי געהאַלטן פאַר רייצנד. אָבער דאָס האָט געדויערט קוים אַ פּאָר חדשים. זשאַקלין, וואָס האָט זיך איצט אויפמערקזאַמער צוגעקוקט צום לעבן, איז געווען ווייניקער באַגייסטערט, ווי איר סביבה, שוין דער פאַקט גופא, וואָס קריסטאָף איז געליבט געוואָרן, פון באַשטימטע מענטשן, איז גענוג געווען צו דערוועקן אין איר אומצוטרוי. אויסער דעם, האָט זי נישט געקאָנט פאַרטראָגן קריסטאָפס האַסטיקייט, זיין רעדן אויף אַ קול, זיין לוסטיקייט. אין איר איצטיקן גייסטיקן צושטאַנד איז איר אַזאַ לעבנספרייד געווען דערווידער. זי האָט איצט געזוכט אַ טרויעריקן בין השמשות צושטאַנד פון דער נשמה און האָט זיך איינגערעדט, אַז אין דעם וועט זי זיך פילן צום בעסטן. קריסטאָף איז געווען פאַר איר צו שטאַרק טאָג-ליכט. דאָך האָבן זיי טיילמאָל געשמועסט און קריסטאָף האָט איר דערציילט וועגן אָליוויערן: ער האָט געפילט אַ באַדערפעניש צו פאַרבינדן זיין פריינט מיט אַלץ, פון וואָס ער האָט אַליין הנאה געהאַט. ס'וואָלט געווען ביי אים עגאָיסטיש, ער זאָל נישט איבערטראָגן אויף אָליוויערן אַ טייל פון יעדער נייער סימפּאַטיע. ער האָט גערעדט וועגן אים אַזוי האַרציק, און זשאַקלין האָט זיך פאָרגעשטעלט מיט תענוג, אַז ס'איז פאַראַן אַ פרעמדע נשמה, וואָס איז זייער ענלעך צו איר. זי האָט איינגעלאַדן אָליוויערן. ער האָט זיך גלייך נישט באַשלאָסן און אַ דאַנק דעם האָבן קריסטאָף און זשאַקלין געהאַט די מעגלעכקייט צו שאַפן וועגן אים אַ בילד פון אַן אידעאַל, צו וועלכן ער האָט געמוזט זיין ענלעך, בעת ער איז לסוף געקומען צוגיין.

ער איז געקומען, נאָר כמעט גאָרנישט גערעדט. אָבער דאָס איז געווען איבעריק. זיינע קלוגע אויגן, זיין שמייכל, זיינע באַוועגונגען און די רויקייט, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט און אַרויסגעשטראַלט פון אים, האָבן געמוזט מאַכן אויף זשאַקלינען אַ טיפן איינדרוק. קריסטאָף האָט מיט זיין פּערזאָן נאָך בולטער געמאַכט אָליוויערס געשטאַלט. זשאַקלין האָט נישט געלעגט קיין אַכט אויף דאָס אומרויקע געפיל, וואָס האָט גענומען רעגן זיך אין איר, און זי האָט ווייטער געשמועסט מיט קריסטאָפן וועגן אָליוויערן. קריסטאָף, וואָס איז געווען גליקלעך צו רעדן וועגן זיין פריינט, האָט נישט באַמערקט וואָס פאַר אַ פרייד דער דאָזיקער שמועס איז פאַר זשאַקלינען, ער האָט גערעדט

אויך וועגן זיך און זי האָט זיך פריינטלעך צוגעהערט, הגם עס האָט זי לחלוטין נישט אינטערעסירט; אומבאַמערקטערהייט האָט זי ווידער אַרויפגעפירט דעם שמועס אויף קליינע פּרטים פון איר לעבן, אין וועלכע אָליוויער האָט געשפּילט אַ ראָלע.

די פריינטלעכע סימפּאַטיע פון זשאַקלין איז געווען געפּערלעך פאַר אַזאַ יונגן מענטשן, ווי קריסטאָף, וואָס איז געווען אַבסאָלוט אומפּאָרזיכטיק בנוגע מענטשן. ער האָט זיך אָן זיין אייגענעם וויסן פאַרליבט אין איר; ס'איז געווען פאַר אים אַ פרייד זי אָפּט צו באַזוכן; ער האָט נישט זיך זאָרגעווודיק אָנגעטון, און אַ געפיל וואָס ער האָט שוין לאַנג געקענט האָט אָנגעפילט אַלע זיינע געדאַנקען מיט פריי־לעכער צאַרטער בענקשאַפט.

אויך אָליוויער האָט זיך פאַרליבט אין זשאַקלינען באַלד אין די ערשטע טעג. ער האָט זיך געפילט אויף דעם צווייטן פּלאַן און ער האָט שווייגנדיק געליטן. קריסטאָף האָט עס נאָך פאַרערגערט, און קומענדיק אַהיים פון די לאַנזשעס פלעגט ער פריילעך דערציילן פון זיינע שמועסן מיט לאַנזשען. אָליוויערן איז אַפילו נישט איינגעפאַלן, אַז ער אַליין קאָן געפעלן ווערן זשאַקלינען. כאָטש קריסטאָפס סביבה האָט אים געמאַכט אָפּטימיסטישער, האָט ער דאָך אויך ווייטער נישט געהאַט צו זיך קיין צוטרוי, ער האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז עמעצער וועט אים אַמאָל ליב קריגן. ער האָט געקוקט אויף זיך מיט צו קריטישע אויגן. ווער איז בכלל געליבט געוואָרן, ווען עס איז, צוליב זיינע גוטע מעלות? האָט מען עס נישט צו פאַרדאַנקען נאָר דער צויבערדיקער ליבע, וואָס איז אויף אַלץ מוותר?

איינמאָל אין אָוונט, ווען ער איז געוואָרן איינגעלאַדן צו די לאַנזשעס, האָט ער געפילט, אַז ער קאָן זיך נישט געפינען כסדר אין דער אַטמאָספער, פון זשאַקלינס גלייכגילטיקייט. ער האָט זיך דעריבער געמאַכט מיד און געבעטן קריסטאָפן צו גיין אָן אים, קרי־סטאָף האָט גאָרנישט חושד געווען און איז פריילעך אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. אין זיין קינדערשן עגאָיזם האָט ער געפילט בלויז די פרייד, וואָס ער וועט האָבן זשאַקלין פאַר זיך אַליין. אָבער לאַנג האָט ער זיך נישט געפרייט. ווי נאָר זשאַקלין האָט דערהערט, אַז אָליוויער איז נישט געקומען, איז זי געוואָרן נערוועיש, גענומען זיך קרימען, געלאַנגווייליקט זיך און איז בכלל אַרויס פון גלייכגעוויכט; זי האָט זיך איצט לחלוטין נישט באַמיט געפעלן צו ווערן, נישט

געהערט, וואָס קריסטאָף רעדט, און געגעבן צעטומלטע תשובות, און צו קריסטאָפס חרפה, האָט זי פאַרצווייפלט געקעמפט מיט איר גע-נעצן. זי וואָלט זיך צעוויינט. פלוצלינג האָט זי פאַרלאָזן די געזעל-שאַפט און איז מער נישט צוריקגעקומען.

קריסטאָף איז געגאַנגען אַהיים שרעקלעך נידערגעשלאָגן, אויפן גאַנצן וועג האָט ער געפרווט זיך דערקלערן די אומגעריכטע ענ־דערונג און ביסלעכוויז האָט אויפגעלויכטן פאַר זיינע אויגן דער אמת. אין שטוב האָט ער געטראָפן אָליוויערן, וואָס האָט אויף אים געוואַרט און מיט געמאַכטער גלייכגילטיקייט אויסגעפרעגט אים וועגן זיין באַזוך. קריסטאָף האָט אים דערציילט וועגן זיין מפלה; וואָס מער ער האָט גערעדט, אַלץ מער האָט געשטראַלט אָליוויערס פנים.

— און דיין מידקייט, — האָט קריסטאָף געפרעגט, — פאַרוואָס האָסטו זיך נישט געלעגט שלאָפן?

— אָ, ס'איז מיר שוין בעסער. — האָט אָליוויער געענטפערט.— איך בין שוין נישט מיד.

— יאָ, מיר דאַכט זיך אויך, אַז ס'געוועזן פאַר דיר בעסער, וואָס דו ביסט נישט מיטגעגאַנגען אַהין. — האָט קריסטאָף באַדיי-טונגספול געזאָגט.

ער האָט אים שפּאָטיש און גלייכצייטיק צערטלעך אָנגעקוקט און איז אַוועק צו זיך אין צימער. ווען ער איז געבליבן אַליין, האָט ער גענומען לאַכן, פריער פּאַמעלעך, דערנאָך שטאַרקער און לסוף האָט ער אַזוי געלאַכט, אַז עס זענען אים געשטאַנען טרערן אין די אויגן.

— שלעכט מיידל! — האָט ער געטראַכט. — זי האָט געטריבן מיט מיר שפּאַס און אויך ער האָט געלאַכט הינטער מיינע פּלייצעס. ווי גוט זיי האָבן זיך עס ביידע פאַרשטעלט!

פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך אַרויסגעשלאָגן פון קאָפּ יעדן געדאַנק וועגן זשאַקלין; ווי אַ זאָרגעוודיקע הון וואַרט אייפערזיכטיק איבער אירע אייער, אַזוי האָט ער איצט געוואַרט איבערן ראָמאַן פון ביידע פאַרליבטע. ער האָט נישט אַרויסגעוויזן, אַז ער ווייס זייער סוד, ער האָט זיך נישט פאַרראַטן פאַר קיינעם פון זיי און איז זיי געשטאַנען צו הילף אָן זייער וויסן.

ער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב צו דערקענען געגוי זשאַק־לינס כאַראַקטער, כדי צו זען, צי וועט מיט איר אָליוויער זיין גליקלעך;

און אַזוי ווי ער איז בעיוען אומגעלומפּערט, האָט ער אָפּט אויפגערעגט זשאַקלינען מיט זיינע פראַגן וועגן אירע נייגונגען, זיטלעכע מיינונגען און דאָס גלייכן.

— דאָס איז שוין איינמאָל אַ פּגע-רע. וואָס פאַלט אים איין?— האָט זשאַקלין אויפגערעגט געטראַכט. זי האָט אים נישט געענטפערט און אים געלאָזט שטיין.

און אָליוויער האָט געשטראַלט פאַר גליק, ווייל ער האָט געזען, אַז זשאַקלין לעגט נישט מער קיין אַכט אויף קריסטאָפן. און קריסטאָף האָט געשטראַלט, ווייל ער האָט געזען, אַז אָליוויער איז גליקלעך. ער האָט אַפילו אַרויסגעוויזן זיין פרייד אַסאַך שטאַרקער, ווי אָליוויער. נאָר אַזוי ווי קיינער האָט נישט געוווסט די סיבה דערפון, האָט זשאַקלין נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז געשען; ווייל זי האָט נישט געוווסט, אַז קריסטאָף זעט איר ליבע קלאָרער, ווי זי אַליין. זי האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס אָליוויער האָט זיך אויסגעקליבן אַזאַ פּראָסטן שווערן פריינט. דער גוטער קריסטאָף האָט זי געזען דורך-און-דורך, און ער האָט געפילט אַ ביי֗זוויליקן פאַרגעניגן אַריינצוברענגען זי אין כּעס. באַלד האָט ער זיך אינגאַנצן צוריקגעצויגן, גענומען זיך צו דער אַרבעט, אָפּגעזאָגט די איינלאַדונגען ביי די לאַנזשעס און געלאָזט זשאַקלינען מיט אָליוויערן אַליין.

אָבער דער געדאַנק וועגן דער צוקונפט האָט אים באַאומרויקט. ער האָט געפילט אויף זיך אַ גרויסע אַחריות פאַר דעם דאָזיקן מעגלעכן שידוך. ווייל ער האָט געהאַט אַ ריכטיקע מיינונג וועגן זשאַקלין און ער האָט מורא געהאַט פאַר אַסאַך זאַכן: פאַר איר רייכקייט, פאַר איר סביבה און פאַר אירע שוואַכקייטן. ער האָט זיך נישט ווילנדיק דערמאָנט אָן זיין אַלטער פריינדין קאָלעט. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז זשאַקלין איז ערלעכער, אויפריכטיקער און ליידנשאַפטלעכער פון איר. זי האָט פאַרמאָגט אַ ברענענדיקן פאַרלאַנג צו לעבן טעטיק, עפּעס אַ העלדישער פאַרלאַנג האָט געוווינט אין דעם דאָזיקן מיידל.

— אָבער דער פאַרלאַנג אַליין איז נאָך ווייניק — האָט קריסטאָף געטראַכט און דערמאָנט זיך אָן דעם וויך פון דעם אַלטן דעדעכאָ. — מען מוז אויך ווי געהעריק געבויט זיין.

ער האָט געוואָלט וואָרענען אָליוויערן פאַר דער געפאַר. דאָך ווען ער האָט געזען, ווי אָליוויער קערט זיך אום פון זשאַקלינען

פאַרשיכורט פון גליק, האָט ער נישט געהאַט קיין האַרץ אים צו זאָגן. ער האָט געטראַכט:

— די קינדער זענען גליקלעך. איך וויל נישט שטערן זייער גליק.

מיט דער צייט האָט זיך זיין ליבע צו אָליוויערן איבערגע־טראָגן אויף זשאַקלין, און ער האָט באַקומען צו איר צוטרוי. ער איז ווידער געוואָרן זאָרגלאָז און לסוף געגומען גלויבן, אַז זשאַקלין איז באמת אַזאַ, ווי אָליוויער זעט זי און ווי זי וויל זיך באמת זען. זי פאַרמאָגט דאָך אַזוי פיל גוטן ווילן! זי האָט ליב אָליוויערן צוליב אַלץ, וואָס שיידט אים אונטער פון דער אַרומיקער וועלט: זי האָט אים ליב צוליב זיין אָרעמקייט, צוליב זיינע שטרענגע מידות, און אַפילו צוליב זיין אומגעשיקטן פאַרהאַלטן זיך אין געזעלשאַפט. זי האָט אים ליב אַזוי ריין און אויסשליסלעך, אַז זי וואָלט געוואָלט אָרעם ווערן, ווי ער. יאָ, אין געוויסע מאָמענטן האָט זי אַפילו געוואָלט מיאוס ווערן, כדי צו זיין זיכער, אַז ער האָט זי ליב נאָר צוליב איר אַליין, צוליב דער ליבע, וואָס פילט אויס איר האַרץ...

אָך, טיילמאָל, ווען ער איז געוועזן. האָט זי געפילט, ווי זי ווערט בלייך און עס ציטערט איר די הענט. זי האָט זיך באַמיט צו באַהאַלטן איר אויפרעגונג, זי האָט זיך כלומרשט פאַרנומען מיט אַנ־דערע זאַכן, קוים באַמערקט אָליוויערן און גערעדט מיט חוזק. פלוצלינג האָט זי אָבער איבערגעריסן און אַנטלאָפן צו זיך אין צימער. דאָרט האָט זי זיך געזעצט הינטער דער פאַרשלאָסענער טיר און אַראָפּגעלאָזט די פאַרהאַנגען, צוזאַמענגעדריקט די קני, צוגע־פרעסט די עלנבויגנס צום לייב און די אָרעמס געקרייצט אויף איר ברוסט, כדי צו דערשטיקן דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ. אַזוי איז זי געבליבן זיצן צוזאַמענגעקאָרטשעט, אָן באַוועגונג, אָן אָטעם און נישט דערוועגט זיך אַ ריר צו טון צוליב מורא, אַז זי וועט ביי דער מינדסטער באַוועגונג פאַרלירן איר גליק. זי האָט זיך שטיל איינגע־וויקלט אין איר ליבע.

איצט האָט זיך קריסטאָף ליידנשאַפטלעך פאַרנומען מיט אָלי־וויערס ערפאָלג. ער האָט געזאָרגט פאַר אים ווי אַ מוטער. פאַרנומען זיך מיט זיין קליידונג, אַפילו געגעבן אים עצות, ווי זיך אָנצוטון. יאָ, אַפילו אים פאַרבונדן דעם קראַוואַט (אָבער ווי!) אָליוויער האָט

אים אַלץ געלאָזט טון, און אויף די טרעפּ, ווען קריסטאָף איז שוין נישט געווען דערביי, איבערגעבונדן זיך דעם קראַוואַט. ער האָט אין האַרצן געלאַכט פון זיין גרויסער פאַרזיכטיקייט. אָבער גלייכצייטיק האָט עס אים שטאַרק גערירט. פון דער צווייטער זייט, האָט אים די ליבע געמאַכט אומדרייסט און אומבאַהאָלפן; ער האָט כּסדר געפרעגט ביי קריסטאָפן אַן עצה און אויספירלעך אים דערציילט וועגן זיינע באַזוכן. קריסטאָף איז געווען גערירט, פונקט ווי אָליוויער אַליין און טיילמאָל איז ער געלעגן לאַנגע שעהן אין דער נאַכט און געטראַכט וועגן אַ מיטל, ווי אויסצוגלייכן דעם וועג פון זיין פריינטס ליבע.

נישט ווייט פון פּאַריז, אין דעם וויליע-פּאַרק פון די לאַנזשעס, וואָס איז געלעגן אין אַ שיינער געגנט ביים וואַלד-ראַנד פון איל-אַדאַם, איז פאָרגעקומען צווישן אָליוויער און זשאַקלינען אַ שמועס, וואָס האָט אַנטשיידעט זייער לעבן.

קריסטאָף האָט אַרויסבאַגלייט זיין פריינט, נאָר ער האָט באַלד דערזען אין שטוב אַ פּיאַנינאָ, האָט ער זיך באַלד גענומען צום שפּילן און געלאָזט די צוויי פאַרליבטע רויק שפּאַצירן אין גאָרטן. אייגנטלעך האָבן זיי נישט געוואָלט בלייבן אַליין, זיי האָבן מורא געהאַט דער-פאַר. זשאַקלין איז געווען שווייגנדיק און אַביסל פיינטלעך געשטימט. שוין בעת זיין לעצטן באַזוך האָט אָליוויער באַמערקט אין איר אַן ענדע-רונג. אַ פּלוצלינגדיקע קאַלטקייט, עפּעס אַ מאָדנעם בליק, וואָס איז כמעט געווען פיינטלעך. ער האָט געפילט, ווי ער ווערט פאַרגליווערט אונטער די דאָזיקע בליקן. ער האָט זיך אָבער נישט דערוועגט אָנצו-הויבן אַ שמועס, ווייל ער האָט מורא געהאַט טאָמער באַקומט ער פון זיין געליבטער אַ שרעקלעכן ענטפער. ער האָט זיך דעריבער דער-שראָקן, ווען קריסטאָף איז אַוועקגעגאַנגען. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז קריסטאָפס געגנוואַרט קאָן אים פאַרהיטן פון דעם קלאַפּ, וואָס עס דראָט אים.

זשאַקלין האָט אָבער ליב געהאַט אָליוויערן נישט ווייניקער ווי פריער. זי האָט אים ליב געהאַט נאָך מער. אָבער גראָד צוליב דעם איז זי געווען פיינטלעך געשטימט. אָט די ליבער מיט וועלכער זי האָט

זיך אַמאָל געשפּילט און שפּעטער געבענקט נאָך איר, איז לסוף באמת דאָ. פּונקט ווי אַ תהום האָט זיך געעפנט אונטער איר טריט, און זי האָט זיך דערשראָקן צוריקגעצויגן. זי האָט איצט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. זי האָט געפרעגט ביי זיך:

— פאַרוואָס? פאַרוואָס? וואָס זאָל עס באַדייטן?

דעמאָלט האָט זי אַ קוק געטון אויף אָליוויערן מיט יענעם בליק, וואָס האָט אים ווייַ געטון און געטראַכט:

— ווער איז ער אָט דער מענטש?

זי האָט עס נישט געוווּסט, ער איז איר געווען פרעמד.

— פאַרוואָס האָב איך אים ליב?

זי האָט עס נישט געוווּסט.

— צי ליב איך אים באמת?

זי האָט עס נישט געוווּסט... זי האָט עס נישט געוווּסט; זי האָט נאָר געוווּסט, אַז אַלנפאַלס איז זי געפאַנגען... די ליבע האָט זי פעסט געהאַלטן, זי איז אין איר פאַרזונקען געוואָרן, אינגאַנצן פאַרזונקען געוואָרן, מיט איר ווילן, מיט איר פרייהייט, איר בענקשאַפט, אירע צוקונפטס חלומות, אָט די אַלע חלומות וועלן פאַרשלונגען ווערן פון דעם דאָזיקן מולך? זי האָט זיך געבונטעוועט. אויף איין אויגנבליק האָט זי געפילט צו אָליוויערן אַ מין האַס.

זיי זענען צוגעקומען צום סוף פּאַרק און זענען צריין אין דעם גאָרטן פון גרינס, וווּ עס זענען געדיכט געשטאַנען אַלטע בוימער ביי די וועגן. מיט קליינע שריט זענען זיי דורכגעגאַנגען די וועגן באַזייט מיט פרוכטבוימער, וואָס זענען געווען באַהאָנגען מיט רויטע און העל־גאָלדענע ווייַנפערלעך. זייער ריח האָט אָנגעפילט די לופט. עס איז געווען יוני, אָבער דער שטורם האָט אָפּגעפרישט די לופט. דער הימל איז געווען גרוי, דאָס ליכט טונקל. נידעריק הענגען די וואָלקנס, וואָס זענען געטריבן געוואָרן פון ווינט. אָבער פון דעם שטאַרקן ווינט האָט זיך אויף דער ערד גאָרנישט באַוועגט. קיין בלאַט האָט קיין ציטער נישט געטון. און דאָך איז די לופט געווען זייער פריש. אַ טיפער אומעט האָט אַרומגענומען אַלץ און אויך די הערצער, וואָס זענען געווען פול מיט גליק. און ווייט פון גאָרטן, דורך די האַלב־אָפענע פענסטער פון דער ווילע האָבן זיך געטראָגן די טענער פון דעם פאָרטעפּיאַן, די פוגן און ע־מאָל פון יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַך. בלייך, נישט רעדנדיק קיין וואָרט, האָבן זיי זיך געזעצט אויפן ראַנד

פון אַ שטיינערנעם ברונעם און אָליוויער האָט געזען, ווי איבער זשאַקלינס פּנים פליסן טרערן.

— איר וויינט? — האָט ער מיט פאַרזאָרגטער שטים ליפּן געמורמלט און דערפילט, ווי די אויגן ווערן אים פול מיט טרערן. ער האָט זי גענומען פאַר דער האַנט. זי האָט אָנגעשפּאַרט איר בלאָנדן קאָפּ אויף זיין אַקסל. זי האָט מער נישט געקעמפּט מיט זיך: זי איז געווען באַזיגט. אַ ווי לייכט עס איז געוואָרן... זיי האָבן שטיל געוויינט און געהערט די מוזיק. אַזוי זענען זיי געזעסן אונטערן באַוועגלעכן באַלדאַכים פון שווערע וואָלקנס, וואָס האָבן שטיל געגלעט די בוימער-שפּיצן. זיי האָבן געטראַכט וועגן אַלץ, וואָס זיי האָבן דורכגעליטן, און — ווער ווייס — אפשר אויך וועגן דעם, וואָס זיי וועלן ליידן שפּעטער. עס טרעפן מינוטן, ווען די מוזיק טרייבט אַרויס אויף דער אויבערפלאַך דעם גאַנצן אומעט, וואָס וועבט אַרום אַרום דעם מענטשנס לעבן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זשאַקלין אויסגעווישט די אויגן און אַ קוק געטון אויף אָליוויערן. און פּלוצלינג זענען זיי זיך געפאַלן אין די אָרעמס. אָ, גליק, וואָס האָט קיין ווערטער נישט! הייליק גליק! אַזוי זיס און טיף, אַז עס טוט כמעט וויי!

— צי איז דיין שוועסטער געווען ענלעך צו דיר? — האָט געפרעגט זשאַקלין.

אָליוויער איז דערשראָקן געוואָרן. ער האָט געזאָגט:

— פאַרוואָס רעדסטו וועגן איר, האָסט זי דען געקענט?

זי האָט געענטפערט.

— קריסטאָף האָט מיר דערציילט וועגן איר. דו האָסט פיל דורכגעמאַכט?

אָליוויער האָט צוגעשטימט. ער האָט פון אויפרעגונג נישט גע־קאָנט ענטפערן.

— איך האָב אויך פיל דורכגעליטן, — האָט זי געזאָגט.

זי האָט דערציילט וועגן איר פאַרשטאָרבענער פריינדין, דער ליבער מאַרטאַ. זי האָט דערציילט, ווי זי האָט געוויינט, ווי זי האָט כמעט צום טויט אויסגעוויינט אירע אויגן.

— דו וועסט מיר העלפֿן. — האָט זי געזאָגט מיט אַ וויינענ־דיקער שטים. — דו וועסט מיר העלפֿן, צו לעבן, גוט צו זיין, צו ווערן אַ ביסל ענלעך צו איר. ווערסט אויך אַ ביסל ליב האָבן די אָרעמע מאַרטאַ, יאָ?

— מיר וועלן זיי ביידע ליב האָבן, מיר וועלן, ווי זיי האָבן זיך עס ביידע ליב.

— כ׳וואָלט בעסער געוואָלט, אַז זיי זאָלן דאָ זיין.

— זיי זענען דאָ.

זיי האָבן זיך געזעצט צוגעדרוקט איינער צום צווייטן. זיי האָבן קוים געאָטעמט און געפילט, ווי עס קלאַפּן זייערע הערצער. אַ קליינער דינער רעגן האָט גענומען פאַלן. זשאַקלין האָט אַ ציטער געטון.

— לאָמיר גיין, — האָט זי געזאָגט.

אונטער די ביימער איז געווען כמעט נאַכט. אָליוויער האָט געקישט זשאַקלינס פייכטע האָר. זי האָט אויפגעהויבן צו אים דעם קאָפּ און ער האָט צום ערשטן מאָל דערפילט אויף זיינע ליפּן איר מויל, אירע פיבערנדיקע, אַ ביסל אָנגעשוואָלענע, קליינע מיידלשע ליפּן. זיי האָבן שיר דעם זינען נישט פאַרלוירן.

ווען זיי זענען צוגעקומען נאָענט צום הויז זענען זיי ווידער געבליבן שטיין.

— ווי איינזאַם מיר זענען פריער געווען, — האָט ער געזאָגט.

ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן קריסטאָפֿן.

לסוף האָבן זיי זיך ווידער אָן אים דערמאָנט, די מוזיק האָט אויפגעהערט. זיי זענען אַריין אין שטוב. אויך קריסטאָף מיט די אָרעמס אויפן פּיאַנינאָ און מיטן קאָפּ צווישן די הענט איז טרוימעריש פאַרזונקען געווען אין דער פאַרגאַנגנהייט. ווען די טיר האָט זיך געעפנט, האָט ער דערוואַכט פון זיינע חלומות און האָט אַ קוק געטון אויף זיי מיט זיין האַרציקן, ערנסטן און צערטלעכן שמייכל. זיין פּנים האָט געשטראַלט. ער האָט געלייענט אין זייערע אויגן, וואָס צווישן זיי איז געשען. ער האָט זיי ביידן געדריקט די האַנט און געזאָגט:

— זעצט אייך דאָרטן, איך וועל אייך עפּעס פאָרשפּילן.

זיי האָבן זיך געזעצט און ער האָט געשפּילט אַלץ, וואָס איז אים דורכגעפלאָסן דורכן האַרצן. ער האָט געשפּילט די ליבע, וואָס

ער האָט צו זיי געפּילט. ווען ער האָט געענדיקט זענען זיי אַלע דריי געבליבן זיצן שווייגנדיק. דערנאָך איז קריסטאָף אויפגעשטאַנען און האָט אַ קוק געטון אויף זיי. ער האָט אויסגעזען גוטמוטיק, און אַזוי עלטער און שטאַרקער פון זיי. צום ערשטן מאָל האָט זשאַקלין דערקענט, וואָס ער איז באמת. ער האָט זיי ביידן אַרומגענומען און געזאָגט צו זשאַקלין.

— איר וועט אים זייער ליב האָבן, אמת? איר וועט זיך ליב האָבן פון גאַנצן האַרצן?

אַ טיפע דאַנקבאַרקייט האָט זיי דורכגענומען. ער האָט אָבער באַלד איבערגעריסן דעם שמועס, צעלאַכט זיך, צוגעגאַנגען צום פענ-סטער און אַרויסגעשפרונגען אין גאָרטן.

נאָך די דאָזיקע געשעענישן האָט קריסטאָף גערעדט אָליוויערן, ער זאָל בעטן זשאַקלינס האַנט. אָבער אָליוויער האָט דערצו קיין מוט נישט געהאַט, ער האָט מורא געהאַט פאַר אַן אָפּזאָג. און קריסטאָף איז אויך צוגעשטאַנען, ער זאָל זוכן עפּעס אַ שטעלע; ווייל ווען לאַנזשע זאָל מסכים זיין קאָן ער דאָך נישט אָננעמען זשאַקלינס פאַר-מעגן, אויב ער זאָל אַליין נישט פאַרדינען אויף ברויט. אָליוויער האָט געהאַט די זעלבע מיינונג, הגם קריסטאָפס באַציונג צו חתונה איז גע-ווען אומגערעכט און אַביסל קאָמיש. קריסטאָף האָט געהאַט די פאָר-שטעלונג, אַז עשירות מאַכט אַ תל פון גייסט. ער האָט דעריבער אי-בערגעחזרט דעם שפּאַס, וואָס אַ וויציקער קבצן האָט אַמאָל געזאָגט אַ רייכער דאַמע, וועלכע האָט געטראַכט וועגן יענער וועלט:

— סטייטש, געערטע פרוי, איר פאַרמאָגט מיליאָנען און איר ווילט נאָך האָבן אַן אומשטערבלעכע נשמה?

— היט זיך פאַר דער פרוי, — האָט קריסטאָף האַלב אין שפּאַס, האַלב ערנסט געלערנט אָליוויערן; היט זיך פאַר דער פרוי. אָבער צוואַנציק מאָל מער, היט זיך פאַר אַ רייכער פרוי. די פרוי קאָן אפשר ליב האָבן די קונסט, אָבער דעם קינסטלער דערשטיקט זי. די רייכע פרוי פאַרסמט ביידן. עשירות איז אַ קראַנקהייט, וואָס אַ פרוי האַלט זי גיכער אויס, ווי אַ מאַן. יעדער רייכער מענטש איז אַ באַשעפעניש,

דאָס שטייט אין אַ סתּירה צו דער נאַטור... דו לאַכסט? מאַכסט חוזק פון מיר? ווי, זאָג אַליין, צי האָט דען דער רייכער אַ באַגריף, וואָס עס באַדייט דאָס לעבן? האָט ער עפּעס אַ נאָענטע שייכות מיט דער רויערווירקלעכקייט? פילט ער דען דעם קאַלטן אָטעם פון דער נויט אויף זיין פּנים? אָטעמט ער דען אַריין דעם ריח פון ברויט, וואָס ער האָט אַליין פאַרדינט, דעם ריח פון דער ערד, וואָס ער האָט אַליין געמוזט דורכאַקערן? צי קאָן ער פאַרשטיין די וועלט און די מענטשן; צי קאָן ער זיי איבערהויפּט ריכטיק זען?.. אַמאָל, ווען איך בין געווען אַ קליין ייִנגל, האָט אַ פּאָר מאָל געטראָפן, אַז מען האָט מיך מיטגענומען אויף אַ שפּאַציר אין דער קאַרעטע פונם גרויספירשט. דער וואָגן איז געפאָרן דורך לאָנקעס, ווו איך האָב געקענט יעדעס גרעזעלע, דורך וועלדער, וואָס כ'האָב אַליין דורכגעוואַנדערט און ליב געהאַט. און אָט, שטעל זיך פאָר, אַז איך האָב דעמאָלט גאָרנישט געזען. די גאַנצע באַקאַנטע לאַנדשאַפט האָט אויסגעזען אַזוי שטייף און אומפּערזענלעך, ווי יענע לצים, וואָס זענען מיט מיר געפאָרן. צווישן די לאָנקעס און מיין האַרץ האָט זיך אַראָפּגעלאָזן דער פאָרהאַנג פון זייערע פאַרשטייפטע נשמות. די פיר ברעטער אונטער מיינע פיס, דער באַוועגלעכער טרעפּ איבער דער ערד, זענען געווען אַלץ. אויב איך דאַרף פילן, אַז די ערד איז מיין מוטער, מוזן מיינע פיס זיין איינגעוואָרצלט אין מיין שויס, ווי ביים נייגעבוירענעם קינד, וואָס גייט אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין. עשירות צעשניידט די סטענגע, וואָס פאַרייניקט דעם מענטשן מיט דער ערד און פאַרבינדט אַלע קינדער פון דער ערד. און ווי ווילסטו ביי דעם אַלעמען נאָך בלייבן אַ קינסטלער? דער קינסטלער איז די שטים פון דער ערד. אַ רייכער מענטש קאָן קיין עכטער קינסטלער נישט זיין. כּדי צו זיין אַ קינסטלער, מוז ער צוליב זיינע אומגינסטיקע באַדינגונגען באַזיצן טויזנט מאָל מער טאַלענט. און אַפילו ווען ער באַזיצט אים, איז ער אויך נישט מער ווי אַ קינסטלעך-געוואַרעמטע שטוב-פלאַנץ. דער גרויסער געטהע, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק אָנגעשטרענגט, פאַרמאָגט אויך צעקאַליעטשעטע אברים; עס פעלן אים די נויטיקסטע אָרגאַנען: ווייל די רייכקייט האָט אים געממיתט. דו, וואָס דו פאַרמאָגסט נישט די קראַפט פון אַ געטהע, וועסטו איינטריקענען פון עשירות, און קודם כּל פון דער רייכער פרוי, — וועלכע געטהע האָט לפּחות אויסגעמיטן. אַליין קאָן נאָך דער מאַן קעמפן מיט דעם אומגליק. ער פאַרמאָגט

אין זיך אַזוי פיל איינגעבוירענע רויקייט, אַזאַ נאַטירלעכן אוצר פון פרוכטבאַרע אינסטינקטן, וואָס בינדן אים צו דער ערד, אַז ער אַליין האָט נאָך מעגלעכקייטן זיך אַן עצה צו געבן. אָבער די פרוי איז ווידערשטאַנדס-לאָז קעגן דעם סם און טראָגט אים איבער אויף אַנ-דערע. זי פילט זיך גוט אין דער פאַרפומירטער שטיקנדיקער לופט פון דער רייכקייט, אָן וועלכער זי קאָן זיך מער נישט באַגיין. אַ פרוי, וואָס איז רייך און פאַרמאָגט נאָך אַ גוט האַרץ, איז פונקט אַזאַ וווּנדער, ווי אַ מיליאָנער, וואָס איז אַ זשעני... און בכלל פאַרטראָג איך נישט קיין אומנאָרמאַלקייטן. ווער עס פאַרמאָגט מער, וויפיל ער דאַרף צום לעבן, איז אומנאָרמאַל — אַ מענטשלעכער ראַק, וואָס פרעסט אויף די איבעריקע מענטשן.

אָליווער האָט געלאַכט:

— וואָס זאָל איך טון? — האָט ער געזאָגט, — איך קאָן דאָך נישט אויפגעבן מיין ליבע צו זשאַקלין, נאָר דערפאַר, וואָס זי איז רייך, און בלויז דערפאַר, וואָס זי ליבט מיך, קאָן איך זי נישט צווינ-גען צו נויט.

— נו, אויב דו קאָנסט זי נישט ראַטעווען, ראַטעווע לפחות זיך אַליין. אויף אַזאַ אופן וועסטו איר אויך קאָנען קומען צו הילף. האַלט זיך ריין. אַרבעט.

אָבער ס'איז געווען איבעריק קריסטאָפס וואָרנונג. אָליווערס נשמה איז געווען זייער עמפינדלעך. קריסטאָפס טענות וועגן געלט האָט ער נישט גענומען איבעריק ערנסט. ער איז דאָך אַמאָל אַליין רייך געווען. רייכקייט איז אים נישט געווען אומאָנגענעם, און ער האָט איינגעפונען, אַז זי פּאַסט זייער גוט צו זשאַקלינס שיין פנימל! נאָר ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם געדאַנק, אַז מען קאָן חושד זיין זיין ליבע אין אייגננוצן. ער האָט דעריבער געוואָלט זיך אומקערן צוריק צו זיין אוניווערזיטעט שטעלע. אין דעם מאָמענט האָט ער געקאָנט האָפן נאָר אויף אַ מיטלמעסיקער שטעלע אין אַ פראָווינץ גימנאַזיע. דאָס וואָלט געווען אַ טרויעריקע חתונה-מתנה. ער האָט געפרוווט מיט איר רעדן וועגן דעם. זשאַקלינען איז אין אָנ-הויב געווען שווער צו פאַרשטיין זיינע טענות. זי האָט געזען אין זיי אַן איבערגעטריבענעם שטאָלץ, וואָס קריסטאָף האָט אים אַריינגע-קלאַפּט אין קאָפּ אַריין. ס'האָט איר אויסגעזען לעכערלעך. צי איז עס נישט געווען גאַנץ נאַטירלעך צו טיילן מיטן געליבטן רייכקייט אָדער

נויט? און איז עס נישט געווען קליינלעך נישט אָנצונעמען פון יע־ נעם די מתנה, וואָס פאַרשאַפט אים אַזוי פיל פרייד?.. פונדעסטוועגן האָט זשאַקלין מסכים געווען צו אָליוויערס פּלאַן, גראָד דערפאַר, וואָס אין דעם איז געווען עפּעס אַסקעטישעס. אָט אַזוי האָט זיך איר לסוף געמאַכט די געלעגנהייט צו שטילן דעם פאַרלאַנג פון דער נשמה. אין דעם צושטאַנד פון שטאָלצער צעבונטעוועטקייט קעגן איר סביבה, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך איר טרויער און איז נאָך שטאַרקער געוואָרן דורך איר ליבע, האָט זי אונטערדריקט אין איר נאַטור אַלץ, וואָס איז געשטאַנען אין אַ סתירה צו יענער גע־ היימניספולער בענקשאַפט. מיט אמתער אויפריכטיקייט האָט זי אויס־ געצויגן איר גאַנץ וועזן, ווי אַ בויגן, צו אַן אומענדלעך ריינעם און גליקלעכן לעבנס־ציל, די שווערקייטן, די נויט פון איר קינפטיקער לאַגע, — דאָס אַלץ איז געווען פאַר איר אַ פרייד. ווי גוט און ווי שיין וועט אַלץ זיין!

מאַדאַם לאַנזשע איז געווען צו שטאַרק פאַרנומען מיט זיך אַליין, כדי זיך אַרומצוקוקן, וואָס אַרום איר קומט פאָר. זינט אַ גע־ וויסער צייט איז זי געווען פאַרנומען מיט איר געזונט. גאַנצענע טעג האָט זי גערופן איין דאָקטאָר נאָכן צווייטן, כדי צו היילן אירע איינגערעדטע קראַנקהייטן. יעדער נייער דאָקטאָר, וואָס איז צו איר געקומען, האָט אויסגעזען ביי איר, ווי אַן אויסלייזער. דאָס האָט גע־ דויערט צוויי וואָכן. דערנאָך האָט זי גערופן אַ פרישן דאָקטאָר. לאַנגע חדשים איז זי געווען ווייט פון שטוב און האָט זיך אויפגע־ האַלטן אין זייער טייערע סאַנאַטאָריעס, ווו זי האָט פרום דערפילט די לעכערלעכסטע פאָרשריפטן. וועגן איר מאַן און איר טאָכטער האָט זי אינגאַנצן פאַרגעסן.

הער לאַנזשע, וואָס איז בטבע געווען ווייניקער גלייכגילטיק, האָט זיך סוף־כל־סוף אַרומגעזען, אַז עפּעס קומט דאָ פאָר. זיין פאָ־ טערלעכע אייפערזוכט האָט אים געהייסן זיין וואַכזאַם. ער האָט גע־ פילט צו זשאַקלינען יענע אומרויקע, ריינע צערטלעכקייט, וואָס יע־ דער פאָטער פילט צו זיין טאָכטער, נאָר ער וויל זיך דערצו נישט מודה זיין. יענץ אומבאַשטימטע געפיל, יענער געהיימנישפולער, ליידנ־ שאַפטלעכער און טיילווייז געהייליקטער פאַרלאַנג אויפצולעבן נאָך אַמאָל אין דער באַשעפעניש פון דעם אייגענעם בלוט, וואָס מען פילט, ווי דעם אייגענעם איך, און וואָס ציט צו זיך מיט איר פרוילעכ־

קייט. אין די פאַרבאָרגענע ווינקעלעך פון האַרצן איז פאַראַן אַ סך שאָטן און ליכט, וואָס דאָס געזונטע געפיל וויל זיי בשום אופן נישט זען. ביז דעמאָלט האָט ער זיך געאײַלט צו זען, ווי די יונגעלייט פאַרליבן זיך אין זײַן טאָכטער. אָט אַזוי האָט ער זי ליב געהאַט. קאָקעטיש, ראָמאַנטיש און דאָך פּראַקטיש, ווי ער איז געווען אַליין. נאָר ווען ער האָט זיך געכאַפּט, אַז דער ענין ווערט ערנסט, איז ער געוואָרן אומרויק. ער האָט אָפּטמאָל חוזק געמאַכט אין זשאַקלינס געגנוואַרט פון אָליוויערן און אים גאַנץ שאַרף קריטיקירט. זשאַקלין האָט געלאַכט און געזאָגט:

— רעד נישט אויף אים אַזוי פיל שלעכטס, פּאַפּאַ, ס'קאָן דיך נאָך אַמאָל פאַרדריסן, אויב איך זאָל וועלן מיט אים חתונה האָבן.

הער לאַנזשע האָט אויפגעהויבן אַ שרעקלעכן פּראָטעסט און געשריגן, אַז זי איז משוגע. דאָס איז געווען דאָס בעסטע מיטל, זי באמת משוגע צו מאַכן. ער האָט דערקלערט, אַז זי וועט קיינמאָל נישט חתונה האָבן מיט אָליוויערן. זי, ווידער, האָט דערקלערט, אַז זי וועט יאָ חתונה האָבן מיט אים.

אָט אַזוי איז די לאַגע אויפגעקלערט געוואָרן צווישן זיי. דער פאָטער האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער האָט איצט פאַר איר קיין שום באַדײַטונג נישט, און דאָס האָט אים זייער וויי געטון. זײַן פאָטערלעכער עגאָיזם האָט עס קיינמאָל נישט פאָרויסגעזען. ער האָט געשווירן, אַז נישט אָליוויער און נישט קריסטאָף וועלן מער נישט אײַבערטרעטן זײַן שוועל. זשאַקלין איז געווען אויסער זיך. און אין אַ שיינעם פרימאָרגן, ווען אָליוויער האָט אויפגעמאַכט די טיר פון זײַן צימער, איז ווי אַ שטורם אַרײַנגעפאַלן דאָס מיידל, בלייך און אַנטשלאָסן אויף אַלץ, שרײַענדיק:

— פאַרפיר מיך! מײַנע עלטערן ווילן נישט, אָבער איך וויל! פשוט, נעם קאָמפּראָמיטיר מיך!

אָליוויער איז געווען אַזוי דערשראָקן און גלײַכצײַטיק אַזוי גערירט, אַז ער האָט אפילו נישט געפרווט אַרומצורעדן דעם ענין רויק. צום גליק איז קריסטאָף געווען אין שטוב. ער, וואָס איז שטענדיק געווען אומבאַרעכנט, האָט זיי ווידער אַרײַנגעבראַכט אין גלײַכגעוויכט. ער האָט זיי אויפגעקלערט, ווי שטאַרק זיי וועלן לײַדן צוליבן סקאַנדאַל, וואָס זיי ווילן מאַכן

זשאַקלין האָט זיך אויפגערעגט געביסן די ליפּן און געזאָגט:

— נו גוט, וועלן מיר זיך דעמאָלט ביידע דאָס לעבן נעמען.

די דאָזיקע דערקלערונג האָט אָליוויערן נישט איבערגעשראָקן, נאָר געמאַכט אים נאָך מער אַנטשלאָסן, קריסטאָפן האָט געקאָסט אַ סך מי צו באַרויקן די צוויי משוגעים. ער האָט געטענהט, אַז איידער זיי נעמען אָן פאַרצווייפלטע שריט, דאַרפן זיי פריער פרווון אַנדערע מיטלען. זשאַקלין דאַרף זיך אומקערן אַהיים. ער אַליין וועט אויפזוכן דעם הער לאַנזשע און זיך דורכרעדן וועגן דער זאַך.

אַ מערקווירדיקער פאַרמיטלער! ביי די ערשטע ווערטער האָט אים הער לאַנזשע געוואָלט אַרויסוואַרפן הינטערן טיר. דערנאָך האָט אים פלוצלינג די געשיכטע אויסגעזען אַזוי לעכערלעך, אַז ער איז כמעט פריילעך געוואָרן. ביסלעכווייז האָט דער ערנסטער שמועס און קריסטאָפס ערנסטע און איבערצייגנדיקע רייד געמאַכט אויף אים אַן איינדרוק, הגם ער האָט אויך ווייטער נישט אויפגעגעבן און געוואָרפן איראָנישע פיילן. קריסטאָף האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק. נאָר דערנאָך האָט ער זיך געפילט געטראָפן. ס׳האָט אין אים אויפגעקאָכט דער כעס. ער האָט ווידער גענומען רעדן. ער האָט אַ קלאַפּ געטון מיטן פויסט אין טיש און געשריגן:

— איר קאָנט מיר גלויבן, אַז דער דאָזיקער באַזוך איז פאַר מיר אַ קנאַפּער פאַרגעניגן: איך מוז מיר אָנטון אַ כוח נישט צו ענטפערן אייך מיט די זעלבע שאַרפע ווערטער, וואָס איר באַנוצט. נאָר איך האַלט פאַר מיין חוב צו רעדן מיט אייך, און דעריבער טו איך עס. האַלט זיך איין, פונקט ווי איך האַלט מיך איין, און באַטראַכט מיינע ווערטער

הער לאַנזשע האָט גענומען הערן. ווען ער האָט געהערט די געשיכטע מיטן זעלבסטמאָרד, האָט ער געהויבן מיט די אַקסלען און באַמיט זיך צו שמייכלען. אָבער באמת איז ער געוואָרן שרעקלעך צערודערט. ער איז געווען צו מיושבדיק, אָנצונעמען די דראָונגען פאַר אַ שפּאַס. ער האָט געוווסט, אַז מען מוז זיך רעכענען מיט דער משוגעת פון אַ יונג פאַרליבט מיידל. איינע פון זיינע געליבטע, אַ רויק, מילד מיידל, וואָס ער האָט אירע רייד קיינמאָל נישט גע-נומען ערנסט, האָט זיך איינמאָל אין זיינע אויגן געשאָסן. זי איז נישט באַלד געשטאָרבן. ער האָט געזען איר מאַטערניש... ניין, מיט

די משוגענע פרויען טאָר מען זיך נישט אָנהויבן. דאָס האַרץ איז אים אַנטפאַלן...

— זי וויל אים דווקא? נו, פון מיינעטוועגן! ס'וועט זיין ערגער פאַר איר!

ער האָט גיכער צוגעשטימט, איידער צו דערפירן זיין טאָכטער צו זעלבסטמאָרד. אויסערדעם האָט ער געפרוווט האַנדלען דיפּלאָמאַטיש: לפנים מסכים צו זיין, כדי צו געווינען צייט, און ביסלעכווייז אָפּצוּווענדן זשאַקלין פון אָליוויערן. נאָר ער האָט זיך דערפון באַלד געמוזט אָפּזאָגן. ס'וואָלט אים געקאָסט צופיל מי, און ער איז געווען צו שוואַך. אויסער דעם האָט ער שוין איינמאָל געזאָגט זשאַקלינען „ניין", — איז ער איצט דווקא געניטיגט געווען צו זאָגן „יאָ". און בכלל, וואָס קאָן מען וויסן אין לעבן? אפשר איז די קליינע גערעכט. דער עיקר איז דאָך, וואָס זיי האָבן זיך ליב. הער לאַנזשע האָט זייער גוט געוווּסט, אַז אָליוויער איז אַן אָרבעטזאַמער יונגערמאַן, וואָס פאַרמאָגט אפשר אויך טאַלענט... און ער האָט געגעבן זיין הסכמה.

ערב דער חתונה האָבן ביידע פריינט שפּעט פאַרבראַכט צוזאַמען. זיי האָבן נישט געוואָלט פאַרלירן קיין איין שעה פון זייער טייערער פאַרגאַנגנהייט, אָבער זייער פריינטשאַפט האָט שוין באמת געהערט צו דער פאַרגאַנגנהייט. עס איז געווען, פּונקט ווי אין יענער אומעטיקער צעשיידונגס-שעה אויפן וואָקזאַל, ווען דער צוג פאַרשפּעטיקט זיך. מען צווינגט זיך צו בלייבן, זיך נאָך אַ ביסל אָנצוקוקן און נאָך אַ ביסל צו שמועסן. אָבער דאָס האַרץ איז שוין ווייט, דער פריינט איז שוין אַוועקגעפאָרן...

קריסטאָף האָט געפרוווט פּלוידערן. נאָר אין מיטן זאַץ איז ער אַנטשוויגן געוואָרן, ווייל ער האָט געזען אָליוויערס צערודערטן בליק. ער האָט מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— ווי ווייט דו ביסט שוין אַוועק!

אָליוויער האָט זיך אין פאַרלעגנהייט פאַרענטפערט. ס'האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער איז אַזוי צערודערט אין די לעצטע מינוטן מיט

זיין פריינט. אָבער קריסטאָף האָט אים געדריקט די האַנט און געזאָגט:

– לאָז אָפּ, צווינג זיך נישט, איך בין גליקלעך. טרוים זיך, מיין יינגל!

אָט אַזוי זענען זיי געבליבן שטיין, אָנגעשפּאַרט אין פענסטער, צוגעדריקט צו זיך, און האָבן אַרויסגעקוקט אין פינסטערן גאָרטן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט קריסטאָף געזאָגט צו אָליוויערן:

– אַנטלויפסט פון מיר? דו מיינסט, אַז דו וועסט זיך פון מיר אַרויסדרייען? דו טראַכסט וועגן דיין זשאַקלין, אָבער איך וועל דיך באַלד דעריאָגן. איך טראַכט אויך וועגן איר.

– מיין טייערער, — האָט אָליוויער געזאָגט — כ'האָב אויך געטראַכט וועגן דיר. און כ'האָב אפילו...

ער האָט איבערגעריסן.

קריסטאָף האָט מיט אַ שמייכל פאַרענדיקט דעם זאַץ:

— און כ'האָב אפילו שטאַרק זיך אָנגעשטרענגט צו טראַכטן וועגן דיר.

קריסטאָף איז געווען צו דער חתונה זייער שיין, כמעט עלעגאַנט. קיין קירכלעכער צערעמאָניאַל איז נישט פאָרגעקומען. זיי האָבן עס ביידע נישט געוואָלט: אָליוויער צוליב גלייכגילטיקייט און זשאַקלין צוליב צו־להכעיס. קריסטאָף האָט צו דער ציוויל־חתונה קאָמפּאָנירט אַ סימפאָניש ווערק; נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט ער עס צוריקגעצויגן, ווייל ער האָט זיך קלאָר געמאַכט, וואָס אַזוינס עס איז אייגנטלעך אַ ציוויל־חתונה. די פייערלעכקייט איז אים אויסגעקומען לעכערלעך. כדי זי צו נעמען ערנסט, האָט מען געדאַרפט זיין נישט קיין פריידענקער און נישט קיין גלויביקער. ווען אַ גוטער קאַטאָליק באַמיט זיך צו ווערן אַ פרייגייסט, טוט ער עס נישט מן הסתם, כדי אַ געוויסן מלוכה־באַאַמטן אָפּצוגעבן כבוד, ווי אַ פּריסטער. צווישן גאָט און דעם פרייען געוויסן איז נישטאָ קיין אָרט פאַר מלוכה־רעליגיע. די מלוכה מאַכט אַ פּראָטאָקאָל, אָבער זי פאַרייניקט נישט.

אָליוויערס און זשאַקלינס חתונה האָט קריסטאָפן נישט פאַרשאַפט

קיין עגמת-נפש. אָליוויער האָט מיט אַן אָפּגעווענדטן בליק און אַן איראָנישער מינע אויסגעהערט דעם מלוכה-באַאַמטן, וואָס האָט געחנפעט דעם יונגן פּאָר, דער רייכער פאַמיליע און די מיט אָרדערס באַפּוצטע עדות. זשאַקלין האָט בכלל נישט געהערט. איינמאָל האָט זי אַפילו אַרויסגעשטעקט אַ צונג צו סימאָנע אַדאַם, וואָס האָט זי שטאַרק אָב־סערווירט. זי האָט זיך מיט איר געוועט, אַז די חתונה וועט אויף איר קיין שום איינדרוק נישט מאַכן און האָט געהאַט די בעסטע שאַנסן דעם געוועט צו געווינען, ווייל זי האָט זיך קוים אָפּגעגעבן א דין-וחשבון, אַז דאָס האָט זי טאַקע אַליין חתונה. דער געדאַנק האָט זי געווײַלט. די איבעריקע האָבן זיך געהאַלטן שטייף, ווי מען דאַרף זיך האַלטן פאַר דער גאַלעריע. און די גאַלעריע האָט גענוי אָבסער־ווירט. הער לאַנזשע האָט זיך געבלאָזן, ווי אַן אינדיק. הגם ער האָט זייער אויפריכטיק ליב געהאַט זיין טאָכטער, איז אָבער דער עיקר געווען פאַר אים אָנצוקוקן די מינעס פון די געסט און איבערצוציילן, צי ער האָט נישט פאַרגעסן אַמאָל עמעצן איינצולאַדן- נאָר איין קרי־סטאָף איז געווען גערירט. ער אַליין האָט פאַרטרעטן די עלטערן, דאָס יונגע פּאָר און דעם מלוכה-באַאַמטן. ער האָט קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזן פון אָליוויערן, וועלכער האָט אים נישט געזען.

אין אָוונט איז דאָס יונגע פּאָר אָפּגעפאָרן קיין איטאַליען, קרי־סטאָף און הער לאַנזשע האָבן זיי באַגלייט צום באַן. זיי זענען ביידע געווען גליקלעך. נישט אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן טרויער צוליב דער צעשיידונג און נישט באַהאַלטן זייער אומגעדולד וואָס-שנעלער אָפּצו־פאָרן. אָליוויער האָט אויסגעזען ווי אַ סטודענטל, און זשאַקלין ווי אַ מיידעלע. וואָס פאַראַ טרויעריקע און צאַרטע זיסקייט ליגט אין אַזאַ צעשיידונג! דער פאָטער איז אַביסל טרויעריק, וואָס אַ פרעמדער פירט אַוועק זיין קליינע ערגעץ ווייט! לכל-הדעות נעמט ער זי פון אים אויף אייביק אַוועק. אָבער די יונגע פילן אין זיך נאָר אַ באַרוישנדיקע באַפרייאונג. דאָס לעבן ליגט פאַר זיי אָפן. קיין זאַך שטייט זיי נישט אין וועג. זיי פילן זיך, ווי זיי וואָלטן דערגרייכט עפּעס אַ שפּיץ: איצט קאָן מען שטאַרבן, מען האָט אַלץ, מען האָט פאַר קיין זאַך נישט קיין מורא... באַלד וועלן זיי זיך אַרומזען, אַז דאָס איז געווען נאָר אַ קורצער אָפּרו אין קאַמף. דער וועג גייט ווייטער און פירט לענג-אויס דעם באַרג, און גאָר ווייניק מענטשן דערלאַנגען צום צווייטן רו-פּלאַץ...

דער צוג האָט זיי אַוועקגעטראָגן אין דער נאַכט אַריין. קריסטאָף און הער לאַנזשע זענען צוזאַמען געגאַנגען צוריק, קריסטאָף האָט געזאָגט מיט אַ תמימותדיקן שפּאַס:

— אָט זענען מיר ביידע געבליבן אַלמנים!

הער לאַנזשע האָט זיך צעלאַכט, ער האָט ליב געקריגן קריסטאָפן, זינט ער האָט אים נענטער דערקענט. זיי האָבן זיך געזאָגט „אַדיע“ און האָבן זיך צעשיידט. עס איז זיי געווען טרויעריק. אָבער אין דעם דאָזיקן אומעט האָט זיך צוגעמישט אַ געוויסע זיסקייט. ווען קריסטאָף האָט זיך געפונען אין זיין צימער, האָט ער געטראַכט:

— מיין בעסערער איך איז גליקלעך.

אין אָליוויערס צימער האָט זיך גאָרנישט געענדערט, ס'איז געווען אָפּגעמאַכט צווישן די פריינט, אַז ביז אָליוויער וועט צוריקקומען און זיך אַריבערציען אין אַ נייער דירה, זאָלן זיינע מעבל און אָנדענקענס בלייבן ביי קריסטאָפן. ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געווען אין שטוב. קריסטאָף האָט לאַנג באַטראַכט אַנטואַנעטס בילד, ער האָט עס געשטעלט פאַר זיך אויפן טיש און געפליסטערט:

— ביסט צופרידן, ליבסטע?

ער האָט אָפט — שוין אַביסל צו אָפט — געשריבן צו אָליוויערן, און באַקומען האָט ער פון אים קוים אַ פּאָר קורצע צעטרודערטע בריוו, וואָס זענען געוואָרן אַלץ זעלטענער און האָבן קריסטאָפן אַלץ מער אַנטוישט. ער האָט זיך געטראַכט, אַז אַזוי מוז זיין, און ער האָט נישט געזאָרגט פאַר דער צוקונפט פון זייער פריינטשאַפט.

די איינזאַמקייט האָט אים נישט געדריקט. פאַרקערט, ער וואָלט נאָך געלעבט איינזאַמער. ווען אַלץ וואָלט געגאַנגען כשורה. די ראָל פון אַ באַשיצער, וואָס דער „גראַנד־זשורנאַל“ האָט גענומען אויף זיך, איז אים ביסלעכווייז געוואָרן צו לאַסט. אַרסען גאַמאַש האָט זיך איינגערעדט, אַז ער האָט אייגנטום־רעכט אויף די באַרימטקייטן, וואָס ער האָט זיך מטריח געווען צו אַנטדעקן: ס'איז אים אויסגעקומען זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע באַרימטקייטן זאָלן זיך דעקן מיט זיין

אייגענער גרויסקייט. פונקט ווי לואי דער פּרעזידענט האָט אַרומגע-זעצט אַרום זיין טראָן מאָליערן, לעברונען און לולי. קריסטאָף האָט איינגעזען, אַז דער קאָמפּאָזיטאָר פון „געזאַנג צו עגירן" איז נישט מאַיעסטעטישער און נישט שעדלעכער פאַר דער קונסט, ווי זיין באַשיצער פון „גראַנד זשורנאַל". ווייל דער זשורנאַליסט, וואָס האָט פאַרשטאַנען די קונסט נישט מער, ווי דער קייזער, האָט לכל-הפּחות געהאַט פונקט אַזעלכע באַגרענעצטע מיינונגען וועגן דער קונסט, ווי ער. ווען עפּעס איז אים נישט געפעלן געוואָרן, האָט ער אָפּגענומען ביי דער זאַך איר עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג און דערקלערט דאָס ווערק פאַר שלעכט און שעדלעך אין נאָמען פון די אַלגעמיינע אינטערעסן. די זאַך איז באמת געוואָרן געפערלעך ביי די דאָזיקע מבינים, אומגעשליפענע און קולטורלאָזע מענטשן, וואָס האָבן נישט-נאָר איבערגענומען די הערשאַפט איבער דער קונסט, נאָר אויך איבערן גייסט; וואָס די קונסט איז געווען פאַר זיי פונקט ווי אַ הוט, אַ האַלז-טוך אָדער אַ פוטער; וואָס האָבן געוואָלט מאַכן פון דער קונסט אַ געהאָרכזאַמען הונט! — קריסטאָף איז נישט געווען דער מענטש, וואָס זאָל זיך לאָזן פירן פאַר דער נאָז. ס'איז אים ביי אים אויסגעקומען לעכערלעך, אַז אַן אייזל זאָל אים זאָגן, וואָס ער האָט צו טון אין דער מוזיק. און ער האָט עס אָפן געזאָגט, אַז אין דער מוזיק מוז מען זיין געשולט אַ ביסל בעסער, ווי אין דער פּאָליטיק. ער האָט, נאַטירלעך אָפּגעזאָגט אין קלאָרע דיבורים דעם פאָרשלאַג צו שאַפן מוזיק צו אַן אומגעשיקטן טעקסט, וואָס זיין מחבר, איינער פון די בעסטע מיטאַרבעטער אין דער צייטונג, האָט גערן אונטערגעטראָגן. דער דאָזיקער פאַל האָט אַ ביסל אונטערגעגראָבן זיינע גוטע באַציונגען מיט גאַמאַשן. קריסטאָפן האָט עס נישט געאַרט. נאָכדעם, ווי ער איז אַרויס פון דער טונקלקייט, האָט ער געפילט אַ באַדערפעניש ווידער אין איר פאַרזונקען צו ווערן. ער האָט מורא געהאַט, אַז אויף דער ליכטיקער שיין וועט ער פאַרלוירן ווערן צווישן די אַנדערע מענטשן. צופיל מענטשן האָבן זיך מיט אים פאַראינטערעסירט. ער האָט זיך געמוזט דערמאָנען אָן געטהעס ווערטער: „ווען אַ גוטער קאָפּ ציט אויף זיך, אַ דאַנק אַ פאַרדינסטפול ווערק, די אויפמערקזאַמקייט פון דעם עולם, טוט מען אַלץ אין דער וועלט זיך צו באַוואָרענען, אַז ער זאָל נאָך אַמאָל אַזאַ ווערק נישט שאַפן... מען צ— אָפּ זיין קאָנצענטרירטן טאַלענט און מען צעברעקלט אים, ווייל

יעדער איינער טראַכט, אַז ער וועט קאָנען עפּעס אָפּצופּן פון זיין פּערזענלעכקייט און מאַכן עס פאַר זיין אייגנטום".

ער האָט פאַרשפּאַרט זיינע טירן פאַר דער אויסערלעכער וועלט און האָט זיך עפּעס געטראָפן אין זיינע אייגענע ד' אמות מיט אַ פּאָר אַלטע פריינט. ער האָט ווידער באַזוכט די אַרנאָס, וועלכע ער האָט אַ ביסל פאַרנאַכלעסיקט. מאַדאַם אַרנאָ, וואָס האָט אַ גרויסן טייל פון טאָג פאַרבראַכט אַליין, האָט געהאַט גענוג צייט זיך צו פאַרנעמען מיט פרעמדע דאגות. זי האָט געטראַכט וועגן דעם חלל, וואָס אָליוויערס אָפּפאָרן האָט געשאַפן אַרום קריסטאָפן; זי האָט גובר געווען איר שעמעוודיקייט און אים איינגעלאַדן צום טיש. ווען זי שעמט זיך נישט, וואָלט זי אים פאָרגעלעגט צו קומען נאָכצוען פון צייט צו צייט זיין באַלעבאַטישקייט, אָבער דערצו האָט זי קיין מוט נישט געהאַט און ס'איז געווען בעסער אַזוי: ווייל קריסטאָף האָט נישט ליב געהאַט, מען זאָל זיך מיט אים פאַרנעמען. ער האָט אָבער אָנגענומען די איינלאַדונג צום עסן און ער האָט זיך איינגעוווינט צו קומען צו די אַרנאָס יעדן אָוונט.

זייער שטוב האָט ער געפונען פונקט אַזוי האַרמאָניש און אָנגעפילט מיט דער אַטמאָספער פון אומעטיקער פאַרשלאָפענער צערטלעכקייט, וואָס איז נאָך געווען פאַרבלאָזער ווי פריער. אַרנאָ האָט דורכגעמאַכט אין יענער צייט אַ גייסטיקע איבערלעבעניש, וועלכע ס'האָט געבראַכט מיט זיך זיין לערער-פּראָפעסיע: דאָס דערמידנדיקע אַרבעטס-לעבן, וואָס האָט זיך יעדן טאָג אויפן זעלבן אופן איבערגעחזרט, פונקט ווי אַ ראָד, וואָס בלייבט קיינמאָל נישט שטיין און גייט קיינמאָל נישט פאָרויס. נישט געקוקט אויף זיין געדולד, האָט דער גוטער מענטש דורכגעלעבט אַ צייט פון שטאַרקער נידערגעשלאָגנקייט. ער האָט זיך גענומען צום האַרצן יעדע אומגערעכטיקייט און ברוטאַלקייט. מאַדאַם אַרנאָ האָט אים געטרייסט, ווי זי האָט געקאָנט. זי האָט אויסגעזען רויק ווי אַמאָל, אָבער דאָס פּנים איז איר איינגעפאַלן. קריסטאָף האָט אַמאָל אין איר געגנוואַרט גראַטולירט אַרנאָן, אַז ער האָט אַ קלוגע פרוי.

— יאָ, — האָט געזאָגט אַרנאָ, — זי איז אַ גוט קינד. קיין זאַך פירט איר נישט אַרויס פון גלייכגעוויכט. ס'איז פאַר איר אַ גליק, און פאַר מיר אויך, ווייל אויב זי האָט אַפילו אין לעבן געליטן, איז

זי נישט געפֿאַלן ביי זיך; ווען נישט דאָס, וואָלט איך אונטערגע־גאַנגען.

מאַדאַם אַרנאָ האָט זיך פֿאַררויטלט און האָט געשוויגן. דער־נאָך האָט זי גענומען רעדן מיט איר מילדער שטים עפּעס אַנדערש. קריסטאָפֿס באַזוכן האָבן געווירקט זייער גוט. ער האָט פֿאַרשפּרייט ליכט. און אויך אויף אים האָט גוט געווירקט צו פֿילן די גוטסקייט פֿון די דאָזיקע האַרציקע מענטשן.

אָבער אין יענער צייט האָט קריסטאָף געפֿונען אַ נייע פֿריינ־דין. אייגנטלעך האָט ער זי אַליין צוגעצויגן; ווייל הגם זי האָט אים זייער געוואָלט דערקענען, וואָלט זי דאָך אַליין נישט קיין מוט גע־האַט זיך צו אים צו דערנענטערן. זי איז געווען אַ יונג מיידל פֿון אַ יאָר פֿינף און צוואַנציק, אַ מוזיקערין, וואָס האָט באַקומען דעם ערשטן פּריז פֿאַר פּיאַנינאָ אין קאָנסערוואַטאָריום. זי האָט געהייסן סעסיל פֿלערי. זי איז געווען גאַנץ נידעריק און צוגעזעצט, געהאַט געדיכטע ברעמען, שיינע גרויסע אויגן מיט אַ פֿייכטן בליק, אַ קליין דיק, רויטלעך נעזל, גוטע, צערטלעכע ליפּן, אָן ענערגישן, פֿעסטן, פֿולן קין און אַ נידעריקן, אָבער ברייטן שטערן. די האָר אויף איר רוקן זענען געווען געפֿלאָכטן אין אַ דיקן צאָפּ. זי האָט געהאַט שטאַרקע אָרעמס און גרויסע פּיאַניסטין-הענט, מיט אַ גרויסן מיטלסטן פֿינגער און ברייטע פֿינגער־שפּיצן. איר גאַנצע געשטאַלט האָט אויס־געדריקט אַ שווערע לעבנס־קראַפֿט און געזונטקייט. זי האָט געלעבט צוזאַמען מיט איר מוטער, וועלכע זי האָט האַרציק ליב געהאַט. אַ גוטע פֿרוי, וואָס האָט זיך אַבסאָלוט נישט אינטערעסירט מיט מוזיק. נאָר אַזוי־ווי זי האָט אָן אויפֿהער געהערט רעדן דערפֿון, האָט זי זיך אויך באַטייליקט אין די געשפּרעכן און געוווּסט אַלץ, וואָס עס קומט פֿאָר אין דער מוזיקאַלישער וועלט. סעסיל האָט געפֿירט אַ באַ־שיידן לעבן, געגעבן אַ גאַנצן טאָג לעקציעס און טיילמאָל אויך קאָנ־צערטן, וואָס קיינער האָט זיי נישט דערמאָנט. אַהיים האָט זי זיך אומגעקערט צופֿוס אָדער מיטן אָמניבוס און איז שטענדיק געווען גוט געשטימט; זי האָט מיט דער זעלבער לייכטקייט געמאַכט פֿינגער־איבונגען און געגייט זיך היט, אַ סך געפּלוידערט, גערן געלאַכט און אָפֿט געזונגען אָן אַ שום סיבה.

זי האָט קיינמאָל קיין גרינג לעבן נישט געהאַט. נישט געוווּסט פֿון קיין באַקוועמלעכקייטן; זי האָט נאָר געשעצט די באַקוועמלעכ־

קייט, וואָס מען שאַפט זיך מיט אייגענער מי. זי האָט געקענט דעם ווערט פון דער פרייד, וואָס קומט נאָך יעדער ענדערונג, נאָך יעדער קליינער אומבאַמערקטער פאַרבעסערונג אין איר לאַגע אָדער אין איר טאַלענט. ווען זי האָט אין אַ חודש פאַרדינט מיט פינף פראַנק מער, ווי פריער, אָדער זי האָט זיך אויסגעלערנט גלאַטיק צו שפילן שאָפענס אַ זאַך, ביי וועלכער זי האָט זיך געמאַטערט לאַנגע וואָכן, — איז זי געווען צופרידן. איר געמאָסטענע אַרבעט האָט אויסגעצייכנט אַנטשפראָכן אירע פעיקייטן און האָט אַרויסגערופן ביי איר דעם זעלבן פאַרגעניגן, ווי קערפערלעכע באַוועגונג. שפילן, זינגען און לערנען האָבן איר פאַרשאַפט אַן אָנגענעם געפיל פון פולשטענדיק באַפרידיקטער, באָרמאַלער און רעגלמעסיקער אַרבעט, און גלייכצייטיק די מיטלען צו אַ דערטרעגלעך באַקוועם לעבן און רויקן ערפאָלג. זי האָט געהאַט אַ גוטן אַפעטיט, גוט געגעסן. גוט געשלאָפן און קיינמאָל נישט געווען קראַנק. אין איר קלוגן, באַשיידענעם, פולשטענדיק גלייכוויכטיקן אַרט דענקען, האָט זי זיך קיין זאַך נישט גענומען צום האַרצן: ווייל זי האָט אינגאַנצן געלעבט אין דער געגנוואַרט און נישט געזאָרגט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט אָדער צוקונפט. און אַזוי-ווי זי איז געווען געזונט, און איר לעבן איז פאַרהעלטניסמעסיק געווען באַוואָרנט פון איבעראַשונג, איז זי שטענדיק געווען צופרידן. צו שפילן פיאַנינאָ איז פאַר איר געווען די זעלבע פרייד, ווי צו פירן די ווירטשאַפט אָדער רעדן וועגן דער באַלעבאַטישקייט און גאָרנישט צו טון. זי האָט פאַרשטאַנען, ווי צו לעבן, נישט אויסנוצנדיק דעם טאָג (זי איז געווען שפאָרזאַם און מיושבדיק) נאָר געניאָסן פון מינוט צו מינוט. זי האָט נישט פאַרמאָגט קיין שום אידעאַליזם; איר אידעאַליזם איז געווען, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, בירגערלעך און שטיל פאַרטיילט איבער איר גאַנצן טאָג, איבער אַלע אויגנבליקן פון איר לעבן. ער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַלץ, וואָס זי האָט געטון, האָט זי געטון גערן. זונטיק איז זי געגאַנגען אין קירכע. אָבער קיין רעליגיעזע געפילן האָט זי כמעט נישט פאַרמאָגט. זי האָט באַוואונדערט אַזעלכע פייערדיקע נשמות, ווי קריסטאָף, וואָס באַזיצן גלויבן אָדער זשעני; אָבער זי האָט זיי נישט מקנא געווען: וואָס וואָלט זי געטון מיט דער שטענדיקער אומרו און מיט דעם זשעני?

ווי-זשע איז עס געשען, וואָס זי האָט פונדעסטוועגן גענומען פילן די מוזיק פון אַזאַ מענטשן? זי וואָלט עס אַליין נישט געקאַנט

דערקלערן. אַלנפאַלס האָט זי געוווסט, אַז זי פילט. פון אַנדערע ווירטואָזן האָט זי זיך אונטערגעשיידט מיט איר שטאַרקער קערפעדלעכער און גייסטיקער גלייכגעוויכט. און גראָד אין אָט דער שפע פון אומפערזענלעכע ליידנשאַפטן, האָבן פרעמדע ליידנשאַפטן געפונען אַ רייכן באָדן. דאָס האָט זי נישט באַאומרויקט. די שרעקלעכע ליידנשאַפטן, וואָס האָבן אויפגעטרייסלט דעם קינסטלער, האָט זי געבראַכט צום אויסדרוק מימ דער גאַנצער קראַפט און דערביי זיך נישט אָנגעשטעקט מיט זייער סם; זי האָט געפילט נאָר די קראַפט און די געזונטע מידקייט פון נאָך דער אַרבעט. ווען ס'איז אַריבער, איז זי געווען אויסגעשעפט און געבאָדן זיך אין שווייס. זי האָט שטיל געשמייכלט און איז געווען צופרידן. קריסטאָף, וואָס האָט זי אַ געוויסן אָוונט געהערט שפילן איז געוואָרן מיטגעריסן. נאָכן קאָנצערט איז ער אַריבערגעגאַנגען צו איר און איר געדריקט די האַנט. זי איז אים געווען דאַנקבאַר: דער קאָנצערט איז געווען שוואַך באַזוכט, און זי איז נישט געוווינט געווען צו קיין חניפה. זי איז געווען צו ווייניק בויגעוודיק זיך צו לאָזן מיטשלעפן פון אַ מוזיקאַלישער כנופיה, און גענוג ראַפינירט, נישט באַכצושלעפן נאָך זיך אַ מחנה באַוווּנדערער. זי האָט נישט אָנגענומען קיין באַזונדערע פאָזע, אָבער אויך נישט געפרווּוט ציען די אויפמערקזאַמקייט דורך טעכנישע קונץ-שטיק אָדער איבערגעשפיצטע נאָכקרימענישן פון אָנערקענטע ווערק. זי האָט אויך נישט מאָנאָפאָלירט קיין איין גרויסן מייסטער, ווי, למשל יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַך אָדער בעטהאָווען; זי האָט נישט געוואָלט איבערגעבן זייער גייסט אין אַ טעאָרעטישער פאָרם. זי איז געווען צופרידן צו שפילן זייערע ווערק אַזוי, ווי זי האָט עס געפילט. דעריבער האָט קיינער פון איר קיין וועזן נישט געמאַכט, און די קריטיקער האָבן זיך מיט איר נישט פאַרנומען, ווייל קיינער האָט זיי נישט געזאָגט, אַז זי שפילט גוט און אַליין האָבן זיי עס נישט באַמערקט.

קריסטאָף האָט זיך מיט איר אָפט געטראָפן. דאָס שטאַרקע, רויקע מיידל האָט אים צוגעצויגן צו זיך, ווי אַ רעטעניש. זי איז געוועזן פול מיט קראַפט — און דאָך הויל. ער איז געווען אַזוי אויפגעבראַכט, וואָס זי איז נישט באַקאַנט, אַז ער האָט איר פאָרגעלעגט צו ווירקן אויף זיינע פריינט פון דעם „גראַנד זשורנאַל", זיי זאָלן וועגן איר שרייבן. נאָר הגם עס איז איר געווען ניחא צו הערן שבחים אויף זיך, האָט זי אים דאָך געבעטן, ער זאָל נישט אונטערנעמען צו

דעם צוועק דעם מינדסטן שריט. זי האָט נישט געוואָלט פירן קיין קאַמף, נישט אָנשטרענגען זיך, נישט אַרויסצורופן קיין קנאה. זי האָט געוואָלט לעבן רויק. מ׳האָט פון איר נישט גערעדט? איז אוודאי גוט! זי האָט נישט פאַרמאָגט קיין שום אַמביציע און קיין קנאה, און האָט זיך די ערשטע באַגייסטערט מיט דער טעכניק פון אַנדערע ווירטואָזן. זי האָט נישט געוווסט פון קיין תאווה צו כבוד און נישט געהאַט קיין גרויסע פאַרלאַנגען. און דערצו איז זי געווען צו פויל. ווען זי איז נישט געווען פאַרנומען מיט עפּעס אַ באַשטימטער זאַך, וואָס איז איר געלעגן פאַר די אויגן, האָט זי גאָרנישט געטון, פשוט גאָרנישט. זי האָט קיינמאָל נישט געטרוימט, אַפילו נישט ביינאַכט אין איר בעט. זי איז געשלאָפן אָדער געלעגן אָן שום געדאַנקען. זי איז נישט געווען באַהערשט, פונקט ווי אַנדערע מיידלעך, וואָס ציטערן פאַרן גרויען צאָפּ, פון די געדאַנקען וועגן חתונה. ווען מ׳האָט זי געפרעגט, צי זי וואָלט נישט חתונה געהאַט מיט אַ פיינעם מאַן, האָט זי געענטפערט:

— נאָך וואָס? פאַרוואָס נישט באַלד מיט פופציק טויזנט יאָר צינזן? מ׳דאַרף נעמען דאָס לעבן אַזוי, ווי עס איז. ווען מען וואָלט עס מיר אָנגעבאָטן, איז גאַנץ פיין! נאָר אויב נישט, מעג עס גיין אַזוי. ווען מען האָט נישט קיין קיכל, איז פרישער ברויט אויך געשמאַק, בפרט, ווען מען האָט אַ לאַנגע צייט געגעסן האַרטן.

און איר מאַמע האָט צוגעגעבן:

— וויפיל מענטשן האָבן דאָס אויך נישט.

סעסיל האָט געהאַט אַ סך סיבות נישט צו טרויען די מענער. איר פאָטער, וואָס איז געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק, איז געווען אַ שוואַכער, פוילער מענטש. ער האָט גורם געווען זיין פרוי און זיינע אייגענע אַ סך עגמת נפש. זי האָט אויך געהאַט אַ ברודער, אַן אמתן אויסוואורף. מ׳האָט נישט געוווסט גענוי, מיט וואָס ער פאַרנעמט זיך. נאָר פון צייט צו צייט איז ער אַרויסגעשווומען און פאַרלאַנגט געלט. מ׳האָט מורא געהאַט פאַר אים, געשעמט זיך און געציטערט, טאָמער דערוויסט מען זיך אַ געוויסן טאָג עפּעס שרעקלעכס. און דאָך האָט מען אים ליב געהאַט. קריסטאָף האָט אים איינמאָל באַגעגנט. ער

איז גראָד געווען בײַ דער שוועסטער און האָט געשאָלטן, בעת זײַן מוטער איז געגאַנגען עפֿענען די טיר. אין צווייטן צימער איז פֿאָרגעקומען אַ שמועס און ס'זענען געפֿאַלן הויכע ווערטער. סעסיל איז, משמעות, געוואָרן זייער אויפֿגערעגט, איז אַרויסגעגאַנגען און געלאָזן קריסטאָפֿן אַליין. מ'האָט זיך דאָרט ווײַטער געאַמפּערט, און די פֿרעמדע שטים איז געוואָרן אַלץ דראָענדיקער. קריסטאָף האָט געהאַלטן פֿאַר זײַן חוב זיך אַרײַנצומישן און געעפֿנט די טיר. ער האָט קוים באַוויזן צו זען אַ יונגן, אַ ביסל פֿאַרוואַקסענעם מענטשן, וואָס האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן. סעסיל איז אַרויסגעלאָפֿן קריסטאָפֿן אַנטקעגן און אים פֿאַרשווירן, ער זאָל אַרויסגיין. זי איז צוזאַמען מיט אים אַרויס פֿון צימער. שווײַגנדיק האָבן זיי זיך געזעצט. אין צווייטן צימער האָט דער גאַסט נאָך אַ פּאָר מינוטן געשריגן, דערנאָך איז ער אַרויסגעגאַנגען און צוגעקלאַפּט די טיר הינטער זיך. סעסיל האָט אַ זיפֿץ געטון און געזאָגט צו קריסטאָפֿן:

— יאָ... דאָס איז מײַן ברודער.

קריסטאָף האָט פֿאַרשטאַנען.

— אַך, — האָט ער געזאָגט. — איך פֿאַרשטיי, איך האָב אויך אַזאַ ברודער.

סעסיל האָט אים מיט האַרציקן מיטלייד אָנגעכאַפּט פֿאַר דער האַנט.

— איר אויך?

— יאָ, — האָט ער געזאָגט. — דאָס איז די פֿאַמיליען-פֿרייד.

סעסיל האָט זיך צעלאַכט, און זיי האָבן גענומען רעדן פֿון עפּעס אַנדערש. ניין, די פֿאַמיליען-פֿרייד האָט זי נישט גערייצט, און דער געדאַנק וועגן חתונה אויך נישט. וועגן די מענער האָט זי געהאַט נישט קיין איבעריק-גוטע מיינונג. זי האָט געוווּסט, אַז זייער אומאָפּהענגיק לעבן פֿאַרמאָגט אַ סך גוטס: איר מוטער האָט לאַנג געבענקט נאָך אַזאַ פֿרייהייט. און זי אַליין האָט נישט געהאַט קיין שום חשק זיך אָפּצוזאָגן דערפֿון. דער איינציקער לופֿט-שלאָס, וואָס זי האָט זיך געבויט, איז געווען אויפֿצוהערן אַמאָל — ווען, דאָס ווייס איין גאָט! — צו געבן לעקציעס און צו וווינען אין דאָרף. אָבער זי האָט זיך קיינמאָל נישט מטריח געווען זיך פֿאָרצושטעלן די פּרטים פֿון דעם דאָזיקן לעבן. ס'איז פֿאַר איר געווען לאַנגווײַליק צו טראַכטן וועגן אומבאַשטימטע זאַכן; שוין גלײַכער צו שלאָפֿן אָדער צו טון איר טאָג-

טעגלעכע אַרבעט... פּל-זמן זי האָט דעם דאָזיקן לופט-שלאָס נישט גע-האַט, האָט זי זיך געדונגען אויפֿן זומער אין אַ פּאַריזער פֿאָרשטאָט אַ הייזל, ווו זי האָט געוווינט אַליין מיט איר מוטער. מ׳איז אַהין גע-פֿאָרן צוואַנציק מינוט מיטן צוג. און די דירה איז געלעגן גאַנץ ווייט פֿונם וואָקזאַל, איינזאַם צווישן די אומבאַגרענעצטע בוי-פּלעצער, האָס מען האָט גערופֿן פֿעלדער. סעסיל איז אָפֿט געקומען שפּעט ביינאַכט אַהיים. אָבער זי האָט נישט קיין מורא געהאַט. זי האָט בכלל נישט געגלויבט אין קיין געפֿאַר. זי האָט געהאַט אַ רעוואָלווער, אָבער שטענ-דיק אים פֿאַרגעסן אין שטוב. אגב, האָט זי נישט געוווּסט, ווי זיך מיט אים צו באַנוצן. ווען קריסטאָף האָט זי באַזוכט, האָט ער זי גע-צוווּנגען צו שפּילן. איר טיפֿע אויפֿפֿאַסונג פֿון אַ מוזיקאַליש ווערק האָט אים שטאַרק געפֿרייט, דער עיקר דעמאָלט, ווען ער האָט איר מיט איין וואָרט געוויזן, ווי מען דאַרף צום בעסטן אויסדריקן דאָס געפֿיל. ער האָט אַנטדעקט אין איר אַ פּראַכטפֿולע שטימע, וועגן וועל-כער זי האָט קיין אַנונג נישט געהאַט, און ער איז צוגעשטאַנען צו איר, זי זאָל בילדן איר שטים. ער האָט איר געהייסן זינגען אַלטע דייטשע לידער אָדער זיינע קאָמפּאָזיציעס. דאָס איז איר געפֿעלן גע-וואָרן, און זי האָט געמאַכט פֿאָרשריטן צו זייער ביידנס איבעראַשונג. זי איז געווען באַגאַבט ביז דערשטוינט-צו-ווערן. ווי דורך אַ נס איז דער מוזיקאַלישער פֿונק געפֿאַלן אין דער נשמה פֿון אַ קינד פֿון אַ פּאַריזער קליינבירגערלעכער משפּחה, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום חוש פֿאַר קונסט. פֿילאָמעלע (אַזוי האָט ער זי גערופֿן) האָט אָפֿטמאָל געפּלוידערט מיט קריסטאָפֿן וועגן מוזיק, אָבער שטענדיק פּראַקטיש, אָן געפֿיל. ס׳האָט אויסגעוויזן, אַז זי אינטערעסירט זיך נאָר מיט פּיאַ-נינאָ און געזאַנג-טעכניק. ווען זיי זענען געווען צוזאַמען און זיך נישט פֿאַרנומען מיט קיין מוזיק, האָבן זיי ס׳רוב גערעדט וועגן קליינ-בירגערלעכע ענינים: וועגן באַלעבאַטישקייט, קיך, וועגן טאָג-טעגלעכן לעבן. און קריסטאָף, וואָס האָט נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן די דאָזיקע שמועסן מיט אַ באַלעבאָסטע, האָט געהאַלטן פֿאַר גאַנץ נאַטירלעך צו רעדן דערפֿון מיט פֿילאָמעלען.

זיי האָבן פֿאַרבראַכט גאַנצע אָוונטן צוזאַמען, און אָט אַזוי האָט זיך געשאַפֿן צווישן זיי אַ רויקע, כמעט קאַלטע, אָבער אויפֿריכטיקע סימפּאַטיע. איינמאָל אין אָוונט, ווען ער איז געקומען צום עסן און האָט זיך פֿאַרפּלוידערט מער ווי שטענדיק, איז אויסגעבראָכן אַ שטאַרקער

שטורם. ווען ער האָט געוואָלט לויפן צום לעצטן צוג, איז אַראָפּ אַ רעגן, און אַ שטאַרקער ווינט האָט אויסגעבראָכן. זי האָט צו אים געזאָגט:

— איר וועט איצט נישט פאָרן, איר פאָרט מאָרגן אינדערפרי.

ער האָט איבערגענעכטיקט אין קליינעם צימער אויף אַ שנעל־צורעכטגעמאַכטן געלעגער, אַ דינע וואַנט האָט אים אָפּגעטיילט פון סעסילס שלאָפצימער. די טיר איז אפילו נישט געווען פאַרמאַכט, ער האָט געהערט, ווי דאָס בעט סקריפּעט אין שכנותדיקן צימער און ווי זי אָטעמט רויק. אין פינף מינוט אַרום איז זי אַנטשלאָפן געוואָרן; און ער איז אויך איינגעשלאָפן אָן דעם מינדסטן אומרויקן געדאַנק.

אין דער זעלבער צייט האָט קריסטאָף געפונען נייע פריינט, וואָס זיינע ווערק זענען זיי שטאַרק געווען צום האַרצן. ס'רוב האָבן זיי געוווינט איינגאַנצן אָפּגעשלאָסן פון דער שטאָט, און ער וואָלט זיי זיכער קיינמאָל אין לעבן נישט געטראָפן. ערפאָלג, אפילו אויב נאָר אויסערלעכער, פאַרמאָגט אויך זיינע גוטע זייטן: ער דערפירט דעם קינסטלער צו טויזנטער גוטע מענטשן, וועלכע ער וואָלט אָן די נאַרישע צייטונגס-אַרטיקלען קיינמאָל נישט געקענט. מיט עטלעכע פון זיי האָט קריסטאָף פאַרבונדן נענטערע באַציונגען דאָס זענען געווען איינזאַמע יונגעלייט, וואָס האָבן געפירט אַ לעבן פול מיט מאַטערניש, וואָס האָבן מיטן גאַנצן ווייזן געשטרעבט צו אַן אומבאַשטימטן אידע־אַל און האָבן איצט איינגעזויגן אין זיך קריסטאָפס קרובהשע נשמה. עס זענען געווען צווישן זיי עטלעכע יונגע פּראָווינצער, וואָס האָבן איבערגעלייענט זיינע „לידער" און האָבן, פּונקט ווי דער אַלטער שולץ, אָנגעשריבן צו אים, ווי צו אַ מייסטער, וואָס דריקט אויס זיי־ערע געפילן. דאָס זענען געווען אָרעמע קינסטלער — צווישן זיי אויך איין קאָמפּאָזיטאָר —וואָס האָבן גאָרנישט דערגרייכט און האָבן נישט געקאָנט דערגרייכן נישט קיין ערפאָלג און נישט קיין אייגענעם אויסדרוק, און וואָס זענען געווען גליקלעך, וואָס זייער געדאַנקן־וועלט איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דורך קריסטאָפן. צים ליבסטן זענען אים געווען די, וואָס האָבן אים געשריבן אָן אונטערשריפטן. זיי זע־נען געווען אויפריכטיק. פול מיט קינדערישן צוטרוי, ווי צו אַן על־טערן ברודער. ס'האָט אים וויי געטון דער געדאַנק, אַז ער וועט אָט די אַלע ליבע מענטשן, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיין האַרצן, קיינמאָל נישט קענען. און ער האָט געקושט די אומבאַקאַנטע בריוו—

פּונקט ווי די, וואָס האָבן זיי געשריבן האָבן געקושט זייערע לידער. יעדערער פון זיי האָט געטראַכט:

— טייערע בעטער! ווי גוט עס איז, וואָס איר זענט דאָ!

אָט אַזוי האָט זיך לויטן ריטמישן געזעץ פונם וועלטאַל געשאַפן אַרום קריסטאָפן אַ קרייז פון קרובהשע נשמות, וואָס שאַרן זיך אַרום דעם זשעני, דערנערן זיך פון אים און שטאַרקן אים, אַזוי אַז ער וואַקסט אויס און ווערט לסוף אַ גרויסע קאָלעקטיווע נשמה, וואָס איר פייער־קערן איז פּונקט ווי אַ שטערן־קרייז ענלעך צו אַ גייסטיקן פּלאַנעט — אַ פּלאַנעט, וואָס שטרעבט אין דעם וועלט־רוים צו דער זון און צום ברודערלעכן כאָר פון דער ספערן־האַרמאָניע.

וואָס פעסטער דער געהיימנישפולער קאָנטאַקט איז געוואָרן צווישן קריסטאָפן און זיינע אומגעזעענע פריינט, אַלץ מער האָבן זיך געשטאַלטיקט זיינע קינסטלערישע געדאַנקען פון דער טיפעניש אַרויס, אַלץ ברייטער זענען זיי געוואָרן און מענטשלעכער. ער האָט שוין מער נישט געוואָלט וויסן פון קיין מוזיק, וואָס איז ענלעך צו אַ מאָנאָלאָג, צו אַ רעדע, וואָס האָט פאַר קיינעם קיין באַדייטונג נישט נאָר פאַר זיך אַליין. ער האָט זיך אויך אָפּגעזאָגט פון געלערנטער מוזיק, וואָס איז באַשטימט נאָר פאַר פאַכלייט. ער האָט געוואָלט שאַפן מוזיק פאַר אַלע מענטשן. נאָר אַ לעבנספעיקע מוזיק טיילט זיך מיט אַנדערע מענטשן. יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַך איז אין די ערגסטע שעהן פון זיין אייגזאַמקייט געווען פאַרבונדן מיט אַנדערע מענטשן דורך זיין רעליגיעזן גלויבן, וואָס ער האָט אויסגעדרוקט אין זיין קונסט. הענדעל און מאָצאַרט האָבן מחמת נויטווענדיקייט געשריבן פאַר אַן עולם און נישט פאַר זיך אַליין. אפילו בעטהאָווען האָט זיך געמוזט רעכענען מיטן פּובליקום. דאָס איז אַ ישועה פאַרן גרויסן קינסטלער. עס איז גוט, ווען די מענטשהייט רופט פון צייט צו צייט דעם זשעני:

— וואָס ברענגסטו מיר מיט דיין קונסט? אויב דו האָסט פאַר מיר גאָרנישט, וויל איך דיך נישט קענען.

אָט דער צוואַנג איז אַ גרויסע טובה פאַרן זשעני. עס זענען דאָ, וואָס אַן אמת, גאָר גרויסע מוזיקער, וואָס דריקן אויס נאָר זיך אַליין. אָבער די גרעסטע פון זיי זענען די, וואָס זייער האַרץ שלאָגט פאַר אַלעמען. ווער עס וויל זען דעם לעבעדיקן גאָט פּנים אל פּנים, זאָל ער אים נישט זוכן אין דעם פּוסטן פירמאַמענט פון זיין געדאַנקען־וועלט, נייערט אין דער מענטשן־ליבע.

די קינסטלער פון אונזער צייט זענען זייער ווייט פון דער דאָזיקער ליבע, זיי שרייבן נאָר פאַר מער אָדער ווייניקער אַנאַרכיסטיש געשטימטע, אויסדערוויילטע יחידים, וואָס האָבן נישט קיין וואָרצלען אין סאָציאַלן לעבן און האַלטן פאַר נידעריקער פון זייער כּבוד, צו טיילן די פּאָראורטיילן און די ליידנשאַפטן פון דער איבעריקער מענטשהייט. ס'איז אַ שיינער רום, ווען מען באַרויבט זיך אַליין פון יעדן לעבנסווערט. אַבי נאָר נישט צו זיין ענלעך צו די אַנדערע! זיי מעגן זיך באַגראָבן! מיר, די אַנדערע, שטייען אויף דער זייט פון די לעבעדיקע, מיר וועלן טרינקען פון די בריסטן פון דער ערד, מיר וועלן זיך באַטייליקן אין אַלץ, וואָס איז טיף און הייליק אין אונזערע געשלעכטער, אין זייער ליבע צו פאַמיליע און צו אייגענער ערד. אין די פרייהייטלעכע יאָרהונדערטער, אין דעם פאָלק, וואָס האָט געפּראַוועט דעם לעבעדיקסטן קולט פון דער שיינהייט, האָט דער יונגער פירשט פון דעם איטאַליענישן רענעסאַנס — ראַפאַעל פאַרהערלעכט די מוטערלעכקייט אין זיינע רוימישע מאַדאָנעס. ווער ברענגט אונז היינט אַ, מאַדאָנאַדעלא סעדיאַ" אין דער מוזיק? ווער שאַפט אונז מוזיק פאַר אַלע שעהן פון אונזער לעבן? אין פראַנקרייך איז עס נישטאָ. ווען איר ווילט געבן אייער פאָלק לידער, מוזט איר שעפּן פון דער מוזיק פון די אַלטע דייטשע מייסטער. אין אייער קונסט מוז אַלץ געשאַפן ווערן אָדער איבערגעשאַפן פון אלף ביז תיו.

קריסטאָף איז געשטאַנען מיט אָליוויערן, וואָס האָט איצט געלעבט אין אַ פּראָווינץ שטאָט, אין שריפטלעכע באַציונגען. ער האָט געפּרוּווט דורך די בריוו אויפהאַלטן צווישן זיי די צוזאַמענאַרבעט, וואָס איז אין משך פון זייער שותּפותדיקן לעבן געווען אַזוי פּרוכטבאַר. ער וואָלט מיט פאַרגעניגן באַקומען פון אים שיינע דיכטערישע טעקסטן, וואָס זענען צוגעפּאַסט צום געדאַנקען־קרייז און צו די אַלטעגלעכע מעשים, פּונקט ווי יענע טעקסטן, וואָס זענען געווען דער שטאָף פון די דייטשע אַלטע לידער פון די פאַרגאָנגענע צייטן. ער האָט געזוכט קורצע פראַגמענטן פון דער ביבל, פון דער אינדישער דיכטונג, פון די אַלטע גריכישע פילאָזאָפן, קליינע רעליגיעזע אָדער באַלערנדיקע אָדעס, קליינע נאַטור־בילדער, ליבע־אָדער פאַמיליען־געפילן, מאָרגן־אָוונט־און נאַכט־געזאַנגן און בכּלל אַלץ וואָס רעדט צו פראָסטע געזונטע הערצער. פיר אָדער זעקס שורות פאַר אַ ליד

איז געווען. די אײנפאַכסטע אויסדרוקן, אָן געלערנטער אָנגעבלאָזנקייט און איבעראַפינירטע האַרמאָניעס, וואָס פאַר אַ שייכות האָב איך מיט אייערע עסטעטן? האָט ליב מיין לעבן, העלפט מיר עס ליב צו האָבן און עס אויסצולעבן. שותפותדיק וועלן מיר זוכן דעם קלאָרסטן מוזיק־זאַץ. ווי אַ מגפה מוזן מיר אויסמיידן די קינסטלערישע שפּראַך פון אַ קאַסטע, וואָס רופט זיך היינט קינסטלער, און וואָס צו איר געהערן היינט אַזוי פיל פראַנצויזישע מוזיקער. מען דאַרף האָבן דעם מוט צו רעדן ווי מענטשן און נישט ווי „קינסטלער", מען מוז שעפּן פון די טיפענישן, וואָס זענען שותפותדיק ביי אַלעמען, און אָן בושה באַנוצן די באַקאַנטע פאָרמען, וואָס אויף זיי ליגט דער שטעמפּל פון דורות און וואָס זענען פול מיט זייער נשמה. קוקט, וואָס אונזערע פאָטערס האָבן געשאַפן. פון דעם צוריקקער צו דער מוזיקאַלישער שפּראַך, וואָס איז פאַר אַלעמען פאַרשטענדלעך, איז אַנטשטאַנען די קונסט פון די דייטשע קלאַסיקער פון אַכצנטן יאָרהונדערט. די מעלאָדישע טאָגזאַצן פון גלוק, דעם שעפער פון סימפאָניעס, ווי אויך פון די קאָמפּאָזיטאָרן פון יענער צייט, זענען טיילמאָל פּשוט און פּראָסט אין פאַרגלייך צו די ראַפינירטע אָדער געלערנטע זאַכן פון באַך אָדער ראַמאָ. אָבער גראָד אָט דער ערדישער ריח האָט געגעבן די גרויסע קלאַסיקער אָט די אומגעהויערע קראַפט און די פאָלקסטימלעכקייט. זיי האָבן זיך גענומען פון די איינפאַכסטע מוזיקאַלישע פאָרמען. פון דעם ליד פון דעם זינג־שפּיל. אָט די קליינע בלומען פון דער טאָגטעגלעכקייט האָבן אָנגעפילט מיט זייער ריח די קינדהייט פון אַ מאָצאַרט אָדער אַ וועבער. — מאַכט אויך אַזוי, שאַפט לידער פאַר יעדערן! אויף דעם וועט איר שפּעטער קענען אויפבויען קוואַרטעטן און סימפאָניעס. צו וואָס טויג אייך איבערצושפּרינגען די צווישן־מדרגות? מען הויבט נישט אָן בויען קיין פּיראַמידע פון שפּיץ. אייערע היינטיקע סימפאָניעס, זענען קעפּ אָן גופים, געדאַנקען אָן אינגעווייד! — אָ! איר שיינגייסטער, ווערט לייב! מיר נויטיקן זיך אין גאַנצע גענעראַציעס געזונטע מוזיקער, וואָס זאָלן זיך פרום און פריילעך פאַרברודערן מיט זייער פאָלק. אין איין טאָג ווערט די מוזיקאַלישע קונסט נישט געשאַפן.

אָבער פאַר קריסטאָפן איז געווען ווייניק אויפצושטעלן אַזעלכע פּרינציפּן פאַר דער מוזיק; ער האָט געוועקט אָליוויערן צו שטעלן זיך אין דער שפּיץ פון אַזאַ מין באַוועגונג אין דער ליטעראַטור. די

היינטיקע שריפטשטעלער, האָט ער געזאָגט, באַמיען זיך צו באַשרייבן דאָס מענטשלעך-זעלטענע, וווּנדערלעכע און אומנאָרמאַלע, וואָס קומט פאָר אויסער דער גרויסער געזעלשאַפט פון געזונטע טעטיקע מענטשן. אויב זיי האָבן זיך אַליין געשטעלט פאַר דער טיר פון לעבן, לאָז זיי שטיין און גיי אַהין ווו עס געפינען זיך מענטשן. דעם טאָג-טעג-לעכן מענטשן איז דאָס טאָג-טעגלעכע לעבן: עס איז טיפער און ווייטער ווי דער ים. דער קלענסטער צווישן אונז טראָגט אין זיך די אומענדלעכקייט. די אומענדלעכקייט לעבט אין יעדן מענטשן, וואָס איז גענוג איינפאַך צו זיין אַ מענטש אַלס געליבטער, אַלס פריינט אַלס פרוי, וואָס באַצאָלט מיט אירע ווייטיקן פאַר דער שטראַלן-גלאָריע פון דער מענטשן-באַשאַפונג; זי לעבט אין אַלעמען, ווער ס׳איז זיך מקריב אין דער שטיל און קיינער ווייס נישט פון אים; דאָס איז די כוואַליע פון לעבן, וואָס שטראָמט פון איינעם צום אַנדערן אין צוריק... באַשרייב דאָס פשוטע לעבן פון די פשוטע מענטשן. באַשרייב דאָס חיהקע ווערק פון די טעג און נעכט, וואָס גייען איינע נאָך דער אַנדערער, וואָס זענען גלייך ווי די קינדער פון איין מוטער און דאָך שיידן זיי זיך אונטער צווישן זיך, ווי עס איז און עס איז געווען זינט דעם אָנהייב פון דער וועלט. שרייב עס איינפאַך, אַזוי ווי עס שטראָמט, מאַטער זיך נישט צו זוכן אַן אויסדרוק, פיינע פרייזן אין וועלכע עס שעפט זיך אויס די קראַפט פון די קינסטלער. דו רעדסט צו אַלע: דעריבער באַנוץ אויך די שפּראַך פון אַלעמען. עס זענען נישטאָ נישט קיין איידעלע און נישט קיין געוויינלעכע ווערטער. עס איז נישטאָ נישט קיין געשליפענער נישט קיין אומריינער סטיל. עס זענען נאָר פאַראַן מענטשן וואָס זאָגן גענוי וואָס זיי פילן און אַזעלכע, וואָס טוען עס נישט. לעג אַריין דיין גאַנץ וועזן אין אַלץ וואָס דו טוסט: דענק, וואָס דו דענקסט און פיל, וואָס די פילסט. דעם ריטם פון דיין האַרצן זאָל מיטרייסן דיין ווערק! דער סטיל איז די נשמה!

אָליוויער האָט קריסטאָפן געגעבן גערעכט, נאָר ער האָט אים געענטפערט מיט אַ געוויסער איראָניע:

— אַזאַ ווערק וואָלט געווען שיין, אָבער עס וואָלט קיינמאָל נישט דערגאַנגען צו יענע וואָס קענען עס פאַרשטיין. די קריטיק וואָלט עס אונטערוועגס דערשטיקט.

— אין דעם דערקען איך דעם פראַנצויזישן קליינבירגער.— האָט קריסטאָף געענטפערט.

— ער קאָן נישט פּטור ווערן פון דעם געדאַנק, וואָס די קרי־טיק וועט טראַכטן אָדער נישט נישט טראַכטן וועגן זיין ווערק... די קריטיקער, מיין ליבער, זענען באַשאַפן נאָר דערצו, כּדי צו פאַר־שרייבן אין בוך דעם נצחון אָדער די מפּלה. ווער נאָר פריער אַ זיגער... איך בין זיך באַגאַנגען אויך אָן זיי. דו קאָנסט זיך לערנען פון מיר!

אָבער אָליוויער האָט זיך דערווייל אויסגעלערנט אויסצוקומען אָן אַ סך אַנדערע זאַכן. אָן דער קונסט אָן קריסטאָפן און אָן דער גאַנצער איבעריקער וועלט. אין יענעם מאָמענט האָט ער נישט גע־טראַכט וועגן קיין אַנדער זאַך אויסער זשאַקלין. און זשאַקלין — וועגן אים.

זייער עגאָיסטישע ליבע האָט געשאַפן אַרום זיי אַ חלל. אומבאַ־רעכנט האָבן זיי פאַרברענט אַלע קינפטיקע הילפס־מיטלען. אָ! ליבע־רויש פון די ערשטע וואָכן, ווען די צונויפגעשמאָלצענע וועזנס בענקען נישט נאָך קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אויפצוגיין איינער אין דעם צווייטן. אַלע פיבערן פון זייערע גופים און נשמות באַרירן זיך, געניסן און דרינגען אַדורך איינער דעם צווייטן. זיי זענען אָן אוני־ווערזום אָן געזעצן, אַ ליבנדיקער כאַאָס, ווו די אַרומקרייזנדיקע כּוחות ווייסן נאָך נישט וואָס עס שיידט זיי אונטער, און זיי ווילן זיך צונויפשמעלצן. אַלץ אין דעם געליבטן אַנטציקט זיי. מען איז אַליין דער געליבטער. וואָס גייט זיי אָן די וועלט? ווי דעם אַלטן אַנדראָגין וועלכן ס'הילט אַרום אַ טרוים פון ריינעם דופט זענען זייערע אויגן געשלאָסן פאַר דער וועלט. אָ טעג, אָ נעכט, וואָס שאַפן אַן איינאונ־איינציק טרוים געוועב! שעהן, וואָס פליען אַוועק ווי שיינע ווייסע וואָלקנס איבערן הימל, וואָס פון זיי טוילט נישט אַרויס דער באַוווסט־זיין, קיין שום זאַך אויסער דעם פאַרבלענדנדיקן ליכט פון אַ לויכטנדיקן שפּור, פון אַ זיסן אָטעם, וואָס איז פול מיט פרילינג־בענקשאַפט! — אָ, שטראַלנדיקע וואַרעמקייט פון דעם קערפּער, זוניקער ליבע־געזאַנג, אומשעמעוודיקייט, אומאָרימונג, נאַרישקייטן, זיפצן, גליקלעכער געלעכ־טער, טרוימען געבענטשטע — וואָס בלייבט פון אייך איר שטויב קער־

נער פון דעם גליק? קוים וואָס דאָס האַרץ דערמאָנט זיך אָן זיי, ווייל ווען זיי זענען געווען האָט די צייט נישט עקזיסטירט.

איר טעג וואָס איר זענט ענלעך איינער צום צווייטן... זיסע באַגינען... גלייכצייטיק טויכן אַרויס פון דעם אָפּגרונט פון שלאָף די בייזע פאַרזונקענע קערפּער. די שמייכלענדיקע קעפּ, וואָס זייער אָטעם מישט זיך צונויף, עפענען צוזאַמען די אויגן, קוקן זיך אָן און קושן זיך... יונגע פרישקייט פון די מאָרגן-שעהן. יונג פריילעכע לופט, ווו ער קילט זיך דער פיבער פון די גליענדיקע לייבער... שמעקנדיקע אַטמאָספער פון די אומענדלעכע טעג, אין וועלכע עס זשומט דער ריטם פון די נעכט... זומער-נאָכמיטאָגן, טרוימען אין די פעלדער אויף ווייטע לאָנקעס, אונטערן שאָרך פון די הויכע ווייס-זיידענע בעאָרזעס. שיינע אָוונטן, ווען מען קערט זיך אום פאַרטרוימט מיט פאַרשלונגענע אָרעמס און פאַרשלונגענע הענט אונטער דעם לייכטנדיקן הימל צום ליבע-געלעגער, די קוסטעס ציטערן אין ווינט, אינם לויטערן וואַסער פון דעם הימל שווימט, ווי אַ ווייסער פלוים די זילבערנע לבנה, אַ שטערן פאַלט אַראָפּ און ער שטאַרבט, — אַ שוידער נעמט דורך דאָס האַרץ,—שטיל איז אויסגעגאַנגען אַ וועלט. איילִיק און שטום פויזן אַרום שאָטנס איבערן וועג. די גלאָקן פון שטאָט קלינגען צום יום-טוב פון דעם מאָרגנדיקן טאָג. זיי בלייבן אַ ווײַלע שטיין, זי דריקט זיך צו צו אים, זיי שטייען אָן איין וואָרט...אַך, ווען דאָס לעבן בלייבט אַזוי שטיין אומבאַוועגלעך, ווי די דאָזיקע רגע! זי זיפצט און זאָגט:

— פאַרוואָס ליב איך דיך אַזוי?

נאָך אייניקע וואָכן פון זייער רייזע קיין איטאַליען האָבן זיי זיך באַזעצט אין אַ שטאָט אין מזרח־פראַנקרייך, ווו אָליוויער האָט באַקומען אַ לערער־שטעלע, זיי האָבן כמעט קיינעם נישט אָנגעזען. זיי האָבן זיך אין קיין זאַך נישט באַטייליקט. ווען זיי האָבן געמוזט מאַכן עמעצן אַ באַזוך, האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַזוי פיל גלייכגילטיקייט, אַז אַנדערע האָבן זיך געפונען באַליידיקט און אַנדערע האָבן געשמייכלט. יעדעס וואָרט האָט זיך געגליטשט איבער זיי און איז נישט דערגאַנגען צו זייער באַוווסטזיין. זיי זענען געגאַנגען מיט

'ענער אומפאַרשעמטער וויכטיקייט. פון אַ יונג פּאָרפּאָלק, וואָס זעען אויס פּונקט ווי זיי וואָלטן געזאָגט:

— איר אַלע ווייסט בכלל גאָרנישט.

אויף זשאַקלינס שיינעם פּאַרטרוימטן, אַביסל אָנגעשוואָלן פּנים, און אָליוויערס גליקלעכע, צעטומלט־גלאַנציקע אויגן האָט מען גע־קאָנט לייענען:

— ווען איר זאָלט וויסן ווי איר לאַנגווייליקט אונז! ווען וועלן מיר ווידער זיין אַליין?

אפילו ווען זיי זענען געווען צווישן מענטשן האָבן זיי זיך געהאַלטן אַזוי פריי, ווי זיי וואָלטן געווען אַליין. זיי האָבן אויפגע־כאַפּט זייערע בליקן, וואָס האָבן גערעדט צווישן זיך איבער דעם אַלגעמיינעם שמועס. זיי האָבן זיך נישט געדאַרפט אָנקוקן, כּדי זיך צו זען און זיי האָבן געשמייכלט, ווייל זיי האָבן געוווּסט, אַז אין דער זעלבער צייט טראַכטן זיי ביידע איין זאַך. ווען זיי זענען נאָך אַ געצווונגענעם באַזוך ווידער געבליבן אַליין, האָבן זיי געשריגן פון אַנטציקונג און אָפּגעטון כלערליי קינדערשע נאַרישקייטן. זיי האָבן זיך געהאַלטן און געפּלוידערט ווי אַכטיעריקע קינדער. זיי האָבן זיך איבערגערופן מיט די משונהדיקסטע נעמען. זי האָט אים גערופן: אָליווע, אָליוועט, אָליפאַנט, פאַני, מאַמי, מימע, מינאָ, קינאָ, קוויניץ, קאַסימאָ, קאָבורג, פאַנאָ, נאַקאָ פאָנעט, נאַקעט און קאַנאָ.

זי האָט זיך געהאַלטן ווי אַ קליין מיידעלע. און דאָך האָט זי געוואָלט פאַרייניקן אין זיך אַלע מיני ליבע. זי האָט אים געוואָלט זיין אַ מוטער, אַ שוועסטער, אַ פרוי און אַ געליבטע. זי האָט זיך אָן אויפהער באַטייליקט אין זיין פרייד. אָבער דאָס האָט זי נישט צופרידנגעשטעלט: זי האָט זיך אויך געוואָלט באַטייליקן אין זיין אַרבעט. אָבער אויך דאָס איז געווען אַ שפּיל. די ערשטע צייטן האָט זי זיך געזעצט צו דער אַרבעט מיט דער פרייד פון אַ פרוי, וואָס פאַר איר איז אַרבעט עפּעס נייעס. ס'האָט אויסגעזען, ווי די אומ־דאַנקבאַרסטע אויפגאַבן וואָלטן פאַר איר געווען אַ שפּאַס. למשל אָפּשריפטן אין ביבליאָטעקן. איבערזעצונגען פון לאַנגווייליקע ביכער: דאָס אַלץ האָט געהערט צו איר לעבנס־פּלאַן, צו איר אומענדלעך־ריינעם און העכסט־ערנסטן לעבנס־פּלאַן, וואָס האָט געזאָלט זיין גאַנץ און געווידמעט נאָר הויכע געדאַנקען און שותפותדיקע אַרבעט. דאָס איז געגאַנגען אויסגעצייכנט, כל זמן אין זיי האָט געלויכטן די

ליבע: ווייל זי האָט געטראַכט נאָר וועגן אים און נישט וועגן דער אַרבעט. ס׳איז געווען מערקווירדיק, אַלץ וואָס זי האָט אויף אַזאַ אופן געמאַכט, איז געווען גוט. איר גייסט האָט אָן דער מינדעסטער אָנשטרענגונג איבערגעגעבן זיך אַבסטראַקטע אָפּהאַנדלונגען, וואָס זי וואָלט אין אַן אַנדער צייט פון איר לעבן געמאַכט מיט גרויס מי. איר וועזן האָט זי אויפגעהויבן איבער דער ערד. זי האט עס אפילו נישט באַמערקט: ווי אַ שלאָף־וואַנדלערין, וואָס גייט איבער די דעכער, איז זי רויק, נישט זעענדיק גאָרנישט, נאָכגעגאַנגען איר פייערלעכן, שמייכלענדיקן טרוים.

און פלוצלינג האָט זי דערזען די דעכער. זי האָט זיך נישט דערשראָקן, נאָר ס׳האָט זיך געשטעלט די פראַגע, וואָס זי טוט דאָרט אויבן — און זי האָט זיך אומגעקערט צו דער ערד... די אַרבעט איז איר געוואָרן לאַנגווייליק. זי האָט זיך איינגערעדט, אַז איר ליבע איז צוליב דעם געשטערט געוואָרן. דאָס איז בלויז זיכער געווען, אַז איר ליבע איז שוין נישט געווען אַזוי שטאַרק, אָבער מען האָט עס נישט באַמערקט. זיי האָבן זיך קיין איין רגע נישט געקאָנט באַגיין איינער אָן דעם צווייטן. זיי האָבן זיך פאַרמויערט פאַר דער וועלט, פאַרקלאַפּט די טירן און מער קיין שום איינלאַדונגען נישט אָנגענומען. זיי זענען געוואָרן אייפערזיכטיק אויף דער סימפּאַטיע פון אַנדערע מענטשן, אפילו אויף זייער אייגענע אַרבעט — מיט איין וואָרט, אויף אַלץ וואָס האָט זיי אָפּגעצויגן פון זייער ליבע. דער בריוו אויסטויש מיט קריסטאָפן איז געוואָרן זייער נישט רעגלמעסיק. זשאַקלין האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן קריסטאָפן; ער איז געווען פאַר איר אַ קאָנקורענט. ער איז געווען אַ גאַנץ קאַפּיטל אין אָליוויערס פאַרגאַנגענהייט, אין וועלכן זי האָט זיך נישט באַטייליקט. און וואָס מער אָרט ער האָט פאַרנומען אין אָליוויערס לעבן, אַלץ מער האָט זי זיך באַמיט אים אַרויסצושטויסן. אָן אַ באַשטימטן חשבון איז די באַציונג פון אָליוויערן צו זיין פריינט לויז געוואָרן. זשאַקלין האָט געמאַכט חוזק פון קריסטאָפן, פון זיין פנים, פון זיין אַרט שרייבן, פון זיינע קינסטלערישע פּלענער. זי האָט עס געטון אָן בייזוויליקייט, אָן כיטרע כוונות, די נאַטור האָט עס פאַר איר געטון. אָליוויערן האָבן אירע באַמערקונגען געוויילט. ער האָט נישט געזען אין דעם קיין שום בייז. ער האָט געגלויבט, אַז ער האָט נאָך ליב קריסטאָפן פונקט ווי פריער; אָבער ער האָט נאָר ליב געהאַט

זיין פערזענלעכקייט — און דאָס באַדייט אין דער פריינטשאַפט גאַנץ ווייניק. ער האָט נישט באַמערקט, אַז ביסלעכווייז הערט ער אים אויף צו פאַרשטיין. אַז ער האָט זיך אויפגעהערט צו באַטייליקן אין קריסטאָפס געזאַנגען־וועלט. אין דעם העלדישן אידעאַליזם, אַ דאַנק וועלכן זיי האָבן זיך פאַרבונדן... די ליבע פאַרמאָגט פאַר אַ יונג האַרץ אַ באַרוישנדיקע זיסקייט. וואָס פאַר אַן אַנדער גלויבן וואָלט זי געקאָנט איבערוויגן? אין דעם קערפער פון די געליבטע, אין זייער נשמה, וואָס מען פליקט אָפ, ווי אַ בלום פונם געהייליקטן לייב, ליגט די גאַנצע וויסנשאַפט און דער גאַנצער גלויבן. מיט וואָס פאַר אַ שמייכל פון מיטלייד באַטראַכט מען דעמאָלט דאָס, וואָס אַנדערע האָבן ליב, וואָס מען האָט אַליין פריער ליב געהאַט! פון דעם מעכטיקן לעבן און פון זיין לעבעדיקער קראַפט בלייבט נישט מער, ווי די בלום וואָס לעבט איין שעה, כאָטש מען גלויבט, אַז זי איז אומשטערבלעך... אָליוויער איז אינגאַנצן געווען באַהערשט פון דער ליבע. אין אָנהויב האָט זיין גליק נאָך געפונען די קראַפט זיך אויסצודריקן אין אויפריכטיקע לידער. דערנאָך האָט ער דאָס אויך געהאַלטן איבעריק. אַ שאָד די צייט, וואָס מען גנבעט אָפ ביי דער ליבע... און זשאַקלין האָט אים געוואָלט איבעריאָגן אין חרוב מאַכן יעדן לעבנס-אינהאַלט, אין אונטערשניידן דעם לעבנס-בוים, וואָס אָן אים מוז די ליבע אונטערגיין. אָט אַזוי האָבן זיי ביידע געפירט זייער גליק צום אונטערגאַנג.

אַך, ווי גיך מען געוווינט זיך צו צום גליק! ווען דאָס עגאָיסטישע גליק איז דער איינציקער לעבנס-ציל, ווערט דאָס לעבן זייער גיך ציללאָז. עס ווערט אַ רגילות, אַ סך, אָן וועלכן מ'קאָן זיך שוין נישט באַגיין. און ווי נויטיק עס וואָלט געווען זיך צו באַגיין אָן דעם!... דאָס גליק איז אַן אויגנבליק אין דעם וועלט־ריטם. איינער פון די פאַלן, וואָס צווישן זיי שווינגט די וואָג פונם לעבן אַהין און צוריק. ווען מען זאָל פאַרהאַלטן די וואָג מוז זי זיך צעברעכן.

זיי האָבן זי באַלד דערקענט, די איבערזעטיקונג פון תענוג, וואָס ציט אָן צו שטאַרק די פעיקייט פון געפיל. די גליקלעכע שעהן

זענען פאַמעלעך געלאָפן, געוואָרן מאַט און פאַרוויאַנעט, ווי בלומען אָן וואַסער. נאָך אַלץ איז דער הימל בלוי געווען, אָבער די פרישע מאָרגן־לופט האָט מער נישט געווייט. אַלץ איז געבליבן אָן לעבן, די נאַטור איז אַנטשוויגן געוואָרן. זיי זענען געווען אַליין. זיי האָבן דאָך עס געוואָלט. אָבער די הערצער זענען זיי פאַרקלעמט געוואָרן.

ס׳האָט זיי באַהערשט אַן אומקלאָר געפיל פון פוסטקייט, אַן אומבאַשטימטע לאַנגווייליקייט, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ געוויסן רייץ. זיי האָבן זיך עס נישט געקאָנט ערקלערן. נאָר אין האַרצן זענען זיי געוואָרן אומרויק. זיי זענען געוואָרן קרענקלעך נערוועיש. זייערע נערוון, וואָס זענען געוויינט געווען צו שטילקייט האָבן געציטערט, ווי בלעטער ביים לייכטסטן, אומגעריכטן ווינטל פון לעבן. זשאַקלין האָט זיך באַגאַנגען מיט טרערן אָן אַ שום סיבה. הגם זי וואָלט מיטן גאַנצן האַרצן געגלויבט, אַז נישט די ליבע האָט אַרויסגערופן איר געוויין. ווען זי האָט זיך אַרומגעזען, אַז עס זענען אַוועק די בענק־שאַפטס־יאָרן פון פאַר איר חתונה, איז זי געוואָרן מאָדנע צערודערט, וואָס זי האָט פלוצלינג אויפגעהערט בענקען צום דערגרייכטן, שוין אַפילו איבערגעשפּאַנטן ציל, וואָס האָט איצט אויסגעזען נישטיק, ווי יעדע דערגרייכונג. זי האָט זיך נישט געוואָלט מודה זיין דערצו, און זיך איינגערעדט, אַז דאָס נעמט זיך פון נערוועזער אָנשטרענגונג. זי האָט זיך באַמיט צו לאַכן, אָבער איר געלעכטער איז נישט געווען ווייניקער נערוועיש, ווי אירע טרערן. זי האָט זיך מוטיק ווידער גע־נומען צו דער אַרבעט. אָבער שוין ביים ערשטן פּרווו האָט זי ווי־דער נישט געוואָלט פאַרשטיין, ווי אַזוי זי האָט זיך געקאָנט צעוואַ־רעמען ביי די דאָזיקע נאַרישע אויפגאַבן. מיט אַ ווידערווילן האָט זי זיי אָפּגעוואָרפן. זי האָט ווידער באַשלאָסן אָנצוקניפּן געזעלשאַפטלעכע באַציונגען, נאָר ס׳איז איר נישט געלונגען. זי איז געשטאַנען פאַר דעם פאַקט, אַז זי האָט זיך שוין אָפּגעוווינט פון די מענטשן און זייער נישטיקער פלוידעריי, וואָס דאָס לעבן וואַרפט אָן, ס׳איז געווען אַן אומזין. זי האָט זיך צוריקגעצויגן אין איר שותּפותדיקער איינזאַמ־קייט און געזוכט אין די אומגליקלעכע פּרווון די ראיה, אַז ס׳איז באמת נישטאָ קיין בעסערע זאַך ווי די ליבע. און אַ געוויסע צייט האָט זי באמת אויסגעזען מער פאַרליבט ווי פריער. אָבער ס׳האָט זיך גענומען בלויז פון איר ווילן.

אָליוויער, וואָס איז געווען ווייניקער ליידנשאַפטלעך און רייכער

אין צערטלעכקייטן, איז געווען באַשיצט קעגן אַזאַ שרעק־צושטאַנד. נאָר אַמאָל האָט ער אויך געפילט אַן אומבאַשטימטן שוידער. אגב, איז זיין ליבע אין אַ געוויסער מאָס געווען באַוואָרנט דורך דער נויט־ווענדיקייט פון זיין טאָג־טעגלעכער אַרבעט און דורך זיין באַרוף. נאָר אַזוי־ווי ער איז געווען זייער עמפינדלעך און יעדער ציטער פון זיין געליבטערס האַרץ האָט זיך אָפּגערופן אויך אין אים, דעריבער האָט זיך אויף אים איבערגעטראָגן זשאַקלינס אומרו.

אין אַ שיינעם נאָכמיטאָג האָבן זיי צוזאַמען שפּאַצירט הינטערן שטאָט. זיי האָבן זיך שוין פּאָרויס געפרייט מיט דעם דאָזיקן שפּאַציר. אַלץ אַרום זיי האָט געאָטעמט מיט פרייד. אָבער באַלד ביי די ערשטע שריט איז זיי באַפאַלן אַ געפיל פון שווערן, דומפּן אומעט. זיי האָבן זיך געפילט פאַרגליווערט און נישט געקאָנט רעדן קיין וואָרט. פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך געצוווּנגען צו רעדן. אָבער יעדעס וואָרט האָט אָפּגעקלונגען אין דער פוסטקייט, וואָס האָט זיי אַרומגע־רינגלט. אויטאָמאַטיש האָבן זיי פאַרענדיקט דעם שפּאַציר, נישט זעענ־דיק און נישט פילנדיק גאָרנישט. מיט אַ שווער געמיט האָבן זיי זיך אומגעקערט אַהיים. ס'איז געווען בין־השמשות. די דירה איז געווען פוסט, טונקל און קאַלט. זיי האבן נישט אָנגעצונדן באַלד קיין ליכט. כדי איינער דעם אַנדערן נישט צו זען, זשאַקלין איז אַוועק אין איר צימער; אָנשטאָט אויסצוטון איר הוט און מאַנטל, האָט זי זיך שטום געזעצט ביים פענסטער, אַליוויער האָט זיך געזעצט אין צווייטן צימער, אָנגעשפּאַרט די אָרעמס אָן טיש. די טיר צווישןביידע צימערן איז אָפן געווען, זיי זענען געזעסן אַזוי נאָענט, אַז זיי האָבן געקאָנט הערן איינער דעם צווייטנס אָטעם, און אין דער שטילער האַלב־טונקלקייט האָבן זיי ביידע ביטער געוויינט. זיי האָבן צוגעדריקט די האַנט צום מויל, מען זאָל נישט דערהערן דעם געוויין. לסוף האָט אַליוויער מיט אַ פאַרשטיקטער שטים געזאָגט:

— זשאַקלין!

זשאַקלין האָט אַראָפּגעשלונגען די טרערן און געזאָגט:

— וואָס?

— קום אַריין.

— איך גיי.

זי האָט זיך אויסגעטון און אויסגעוואַשן די אויגן. ער האָט אָנגעצונדן אַ לאָמפּ. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז זי אַריין אין צימער.

זיי האָבן זיך נישט אָנגעקוקט; זיי האָבן געוווּסט, אַז ביידע האָבן געוויינט. און טרייסטן האָבן זיי זיך נישט געקאָנט, ווייל זיי האָבן געוווּסט פאַרוואָס. ס'איז געקומען דער מאָמענט, ווען זיי האָבן מער נישט געקאָנט באַהאַלטן זייער אומעט, און אַזוי-ווי קיינער האָט נישט געוואָלט אויסגעבן די אמתע סיבה, האָבן זיי אויסגעזוכט אַנדערע סיבות, וואָס עס איז נישט שווער געווען צו געפינען. זיי האָבן אַרויפגעוואָרפן די שולד אויף דער לאַנגווייליקייט פונם פּראָווינץ־לעבן און פון דער סביבה, אין וועלכער זיי האָבן זיך געפונען. דאָס האָט זיי אַ ביסל לייכטער געמאַכט. הער לאַנזשע, וואָס האָט באַקומען אַ ידיעה פון זיין טאָכטער, איז נישט געווען איבעראַשט, וואָס זי איז מיד געוואָרן פון איר העלדישקייט. ער האָט אויסגענוצט זיינע גוטע פּאָליטישע באַציונגען און האָט געפועלט, מען זאָל איבערטראָגן זיין איידעם אין פּאַריז.

ווען די גוטע ידיעה איז אָנגעקומען, האָט זשאַקלין גענומען שפּרינגען פאַר פרייד און צוריק געוואונען איר פריערדיק גליק. איצט איז זיי טייער געוואָרן דאָס קליין שטיקעלע ערד, וואָס זיי האָבן געדאַרפט פאַרלאָזן, זיי האָבן אַזוי פיל ליבע־זכרונות איבערגעלאָזט אין דעם שטעטל! די לעצטע טעג האָבן זיי פאַרבראַכט אויף די אַלטע שפּורן פון זייער גליק. אַ צאַרטער אומעט האָט געשוועבט אַרום דעם דאָזיקן וואַנדל. די שטילע געגנט האָט זיי געזען גליקלעכע. אַן איבערלעכע שטים האָט געפליסטערט צו זיי:

— דו ווייסט, וואָס דו פאַרלאָזט; ווייסטו אָבער, וואָס דו וועסט געפינען?

אין אָוונט פאַרן אָפּפאָרן האָט זשאַקלין געוויינט.

אָליוויער האָט זי געפרעגט פאַרוואָס. זי האָט נישט געוואָלט זאָגן. זיי האָבן גענומען אַ שטיק פּאַפּיר און געשריבן, ווי זייער שטייגער, און דער קלאַנג פון די ווערטער האָט זיי געשראָקן:

— מיין ליבער, קליינער אָליוויער!

— מיין ליבע, קליינע זשאַקלין!

— עס איז מיר אַזאַ שאָד אָוועקצוגיין.

— פון וואַנען?

— פון דאַנען, וווּ מיר האָבן זיך ליב געהאַט.

— און וווּהין צו גיין?

— אַהין, וווּ מיר וועלן שוין נישט זיין אַזוי יונג.

— מיר העלן זיין צוזאַמען.
— אָבער נישט אַזוי שטאַרק אין דער ליבע.
— נאָך שטאַרקער.
— ווער ווייס!
— איך ווייס עס.
— און איך וויל עס!

זיי האָבן געמאַכט צוויי קליינע קרייזן אונטן אויפן פּאַפּיר, וואָס האָט געזאָלט באַדייטן אַ קוש. דעמאָלט האָט זי זיך אויסגעווישט די אויגן, זיך צעלאַכט און אויסגעפּוצט אַליוויערן: זי האָט אים אַרויפגעזעצט אויפן קאָפּ איר הייבל און אים איינגעהילט אין איר ווייסן ראָק, מיט אַ הויך איבערגעלעגטן קראַגן, אַזוי, אַז ער האָט געשטעקט אין דעם, ווי אין אַ האַלדז־קרייז.

אין פּאַריז האָבן זיי ווידער געפונען די מענטשן, וואָס זיי האָבן פאַרלאָזן, אָבער שוין נישט די אייגענע, וואָס פריער. קריסטאָף איז געקומען צולויפן, שטראַלנדיק פון פרייד. און אַליוויער האָט אויך געפילט די זעלבע פרייד, זיך ווידער צו זען. אָבער גלייך ביי די ערשטע בליקן האָבן זיי דערפילט אַן אומגעריכטע פאַרלעגנהייט.ביידע האָבן געפּרוווט עס גובר צו זיין. אומזיסט. עפּעס האָט זיך אין אָליוויערן געענדערט. קריסטאָף האָט עס געפילט. אַ פריינט, וואָס האָט חתונה געהאַט, מעג טון אַלץ אין דער וועלט, אָבער דער זעלבער אַלטער פריינט איז ער שוין נישט. די נשמה פון דעם מאַן איז איצט שטענדיק באַגלייט פון דער נשמה פון דער פרוי. קריסטאָף האָט עס געזען אין אָליוויערן אויף טריט און אויף שריט. אין אַן אוממערקבאַרן שימער פון זיין בליק, אין דער לייכטסטער באַוועגונג פון זיינע ליפּן, וואָס ער האָט ביז איצט נישט געקענט. אין יעדער נייער בויגונג פון זיין שטים און פון זיין געדאַנקען־גאַנג. אָליוויער האָט דאָס אַלץ נישט געוווסט, נאָר ער האָט זיך געוווּנדערט, ווי אַנדערש דער איצטיקער קריסטאָף איז פון דעם פריערדיקן. ער איז נישט אַוועק אַזוי ווייט, צו גלויבן, אַז קריסטאָף האָט זיך געענדערט. ער איז געווען גענייגט צו גלויבן, אַז

אין אים אַליין איז פֿאָרגעקומען די ענדערונג. אָבער ס׳איז ביי אים אויסגעקומען נאָרמאַל. די דאָזיקע אַנטוויקלונג האָט אַנטשפּראָכן זיין עלטער. און ער איז געווען דערשטוינט, וואָס ער געפינט נישט ביי קריסטאָפן די זעלבע אַנטוויקלונג. ער האָט אים פֿאָרגעוואָרפן, אַז ער איז פֿאַרגליווערט געוואָרן אין זיינע געדאַנקען, וואָס זענען אים אַמאָל געווען אַזוי טייער און איצט זענען זיי אים פֿאָרגעקומען קינדיש און אַלט־מאָדיש. דאָס האָט זיך געװנומען דערפֿון, וואָס די דאָזיקע געדאַנקען האָבן שוין נישט מער אַנטשפּראָכן יענער פֿרעמ־דער נשמה, וואָס האָט איצט. אָן זיין וויסן, געוווינט אין אים. דאָס געפֿיל איז נאָך בולטער געוואָרן, בעת זשאַקלין איז געווען דערביי, ווען זיי האָבן געשמועסט: דעמאָלט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צווישן אָליוויערס און קריסטאָפס אויגן אַ שלייער פֿון איראָניע. זיי האָבן זיך ביידע באַמיט צו באַהאלטן זייערע געפֿילן. קריסטאָף איז ווי־טער געקומען צו זיי אין שטוב, און זשאַקלין האָט צוליב נאַיוויטעט צוגעוואָרפֿן קריסטאָפֿן שאַרפֿע שטעכווערטלעך. ער האָט זיך נישט פֿאַרטיידיקט. נאָר ווען ער איז געקומען אַהיים, איז ער געווען ני־דערגעשלאָגן.

די ערשטע חדשים אין פּאַריז זענען געווען פֿאַר זשאַקלין, און במילא אויך פֿאַר אָליוויערן, אַ גליקלעכע צייט. קודם־כּל איז זי געווען פֿאַרנומען מיט איינאָרדענען די שטוב. זיי האָבן געפֿונען אויף אַן אַלטער גאַס אין פּאַריז אַ ווויל דירהלע, וואָס האָט אַרויס־געקוקט צו אַ גאָרטן. דער אויסוואַל פֿון דעם מעבל און טאַפּעטן האָט פֿאַרנומען אַ שיינע פּאָר וואָכן. זשאַקלין האָט אַריינגעלעגט אין דעם אַסאַך איבערגעטריבענע, כּמעט ליידנשאַפֿטלעכע, ענערגיע. ס׳האָט אויסגעזען, ווי די אויסלייזונג פֿון איר נשמה וואָלט געווען אָפּהענגיק אָן די פֿאַרבן פֿון אַ פֿאָרהאַנג אָדער אָן דעם פּראָפֿיל פֿון אַן אַלטער קאָמאָדע. דערנאָך האָט זי ווידער אָנגעקניפּט באַציונגען מיט איר פֿאָטער, מוטער און פֿריינדינס. אַזוי־ווי זי האָט זיי אין משך פֿון ליבע־יאָר לחלוטין פֿאַרגעסן, איז עס געווען פֿאַר איר אַן אמת נייע אַנטדעקונג. צונויפֿגעשמאָלצן מיט אָליוויערן, האָט זי אין אַ געוויסער מאָס אויך איינגעזאַפּט אין זיך אַ טייל פֿון איר גייסט און זי האָט איצט געזען די אַלטע פֿריינט מיט גאַנץ נייע אויגן. זי האָט אין זיי געפֿונען ענדערונגען צום גוטן. אין אָנהויב האָט אָלי־וויער דערויף קיין סך נישט פֿאַרלוירן. די זיסלעכע שטאַרקייט, די

פּאעטישע העל־טונקלקייט אַרום אָליוויערן האָבן געלאָזט זשאַקלינען געפינען מער פאַרגעניגן אין די דאָזיקע וועלט־מענטשן, וואָס האָבן קיין זאַך נישט פאַרלאַנגט, אויסער צו געניסן פון לעבן, צו גלאַנצן און געפעלן צו ווערן. און די פאַרפירערישע און די געפערלעכע שוואַכקייטן פון דער וועלט, וועלכע זי האָט גוט געקענט, ווייל זי האָט צו איר געהערט, האָבן איר באַזונדערס בולט געמאַכט דעם ווערט פון איר מאַן. זי האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם דאָזיקן פאַרגלייך און האָט גערן איבערגעטריבן איר פרייד כּדי צו באַווייזן, אַז איר אויסוואַל איז געווען אַ ריכטיקער, זי האָט אַזוי שטאַרק מגזם געווען, אַז זי האָט אין געוויסע מאָמענטן אויפגעהערט קלאָר צו פאַרשטיין, פאַרוואָס זי האָט אייגנטלעך אויסגעקליבן אַזוי און נישט אַנדערש. צום גליק האָבן די דאָזיקע געדאַנקען נישט לאַנג געדויערט, און אַזוי־ווי זי האָט געהאַט געוויסנסביסן, איז זי קיינמאָל נישט געווען אַזוי צערטלעך צו אים, ווי פריער. אָבער גראָד דערפאַר האָט זי באַלד ווידער אָנגעהויבן צו פאַרגלייכן דיביידע וועלטן. צוליב געוווינהייט האָט זי באַלד אויפגעהערט פילן די פריערדיקע פרייד, און די אונטערשיידן זענען אַלץ בולטער אַרויס: אָנשטאָט זיך צו דערגאַנצן, האָבן זיך ביידע קעגנזעצלעכע וועלטן באַקעמפט. זי האָט געפרעגט בײַ זיך, פאַרוואָס באַזיצט נישט אָליוויער די גוטע מעלות אָדער, בעסער געזאָגט, די חסרונות, וואָס זי האָט איצט מיט פאַרגניגן געפונען בײַ אירע פאַריזער פריינט. זי האָט עס אים נישט געזאָגט, אָבער אָליוויער האָט געפילט דעם שטרענג־אָבסערווירנדיקן בליק פון זיין ווייב. ס'האָט אים באַאומרויקט און וויי געטון. באמת האָט ער נאָך נישט פאַרלוירן איבער זשאַקלין די מאַכט, וואָס די ליבע האָט אים געגעבן. און דאָס יונגע פּאָר־פּאָלק וואָלט נאָך לאַנג פאַרבראַכט אין צערטלעכן האַרמאָנישן צוזאַמענלעבן, ווען נישט באַזונדערע אומשטענדן, וואָס האָבן געענדערט די אויסערלעכע לעבנס באַדינגונגען און דערמיט איז צעשטערט געוואָרן דאָס גלייכגעוויכט, וואָס האָט זיך שוין פון פריער געוואַקלט.

Quivi trovamo Pluto il gran nemico...

אין יענער צייט איז געשטאָרבן אַ שוועסטער פון מאַדאַם לאַנזשע. אַן אַלמנה נאָך אַ רייכן אינדוסטריעלער, וואָס האָט נישט געלאָזן נאָך זיך קיין קינדער. איר גאַנץ האָב און גוטס איז אַריבער צו די

לאַנזשעס. זשאַקלינס פאַרמעגן האָט זיך דורך דעם באַדייטנד פאַרגרע־סערט. ווען אָליוויער האָט זיך דערוווסט וועגן דער ירושה, האָט ער זיך דערמאָנט אָן קריסטאָפס ווערטער וועגן געלט, און ער האָט געזאָגט:

— מיר האָבן געלעבט אַזוי גוט אָן, דעם אפשר ברענגט עס אונז גאָר שאָדן.

זשאַקלין האָט זיך אויסגעלאַכט:

— נאַרעלע, — האָט זי געזאָגט. — דאָס האָט נאָך קיינעם קיינמאָל נישט געשאָדט: איבעריקנס, וועט זיך אונזער לעבן מיט גאָרנישט נישט ענדערן.

לפנים האָט זיך איר לעבן באמת נישט געענדערט. ס'האָט זיך אַפילו אויף אַזוי ווייט נישט געענדערט, אַז אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט מען געהערט, ווי זשאַקלין קלאָגט זיך, וואָס זי איז אָרעם: ס'איז געווען אַ קלאָרע ראַיה, אַז עפּעס האָט זיך יאָ געענדערט. און הגם זייערע הכנסות האָבן זיך פאַרטאָפּלט און פאַרדרייפאַכט, האָבן זיי אָבער אַלץ אויסגעגעבן און אַליין נישט געוווסט אויף וואָס. זיי האָבן זיך נאָר געחידושט, ווי אַזוי האָבן זיי געקאָנט ביז איצט אויסקומען. דאָס געלט איז אַוועק אויף טויזנטער נייע אויסגאַבן, וואָס זענען מיט דער צייט געוואָרן אומבאַדינגט נויטיק. זשאַקלין האָט זיך גענייט אירע קליידער באַ גרויסע שניידער; די אַלטע הויז־שניידערן, וואָס פלעגט קומען אויף טאָג־אַרבעט און וואָס זשאַקלין האָט זי געקענט פון איר קינדהייט אָן, האָט זי איצט אָפּגעזאָגט. ס'איז שוין אַוועק די צייט פון די שפּאָט־ביליקע קליינע סאַמעט־היטעלעך, וואָס מ'האָט באַפּוצט איין גאָט ווייס מיט וואָס, און וואָס זענען דאָך געווען אַזוי שיין; די צייט פון קליידער, וואָס זענען אפשר נישט געווען אַזוי עלעגאַנט, דערפאַר אָבער פאַרמאָגט דעם גלאַנץ פון איר חן און פון איר אייגענער אַרבעט. דער צאַרטער פּערזענלעכער חן, וואָס האָט אַלץ אַרומגענומען, האָט זיך אַלץ־מער פאַרווישט. זי האָט זיך אַלץ מער פאַרלוירן און איז געוואָרן אַלטעגלעך.

זיי האָבן געביטן די דירה. די אַלטע וווינונג, וואָס זיי האָבן מיט אַזוי פיל מי איינגעאָרדנט, האָט איצט אויסגעזען ענג און מיאוס. אָנשטאָט די באַשיידענע, קליינע צימערן, וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון עפּעס פּערזענלעכס און וואָס זייערע פענסטער האָבן אַרויסגעקוקט, צו די שלאַנקע בוימער, האָבן זיי איצט גענומען אַ גרויסע באַקוועמע, גוט איינגעטיילטע דירה, וואָס האָט גאָרנישט

אויסגעדריקט, וואָס מען האָט נישט געקאָנט ליב קריגן. און ווו מען האָט געקאָנט אויסגיין פֿון לאַנגווייליקייט. אָנשטאָט די אַלטע פֿאַמיליען־מעבל האָט מען איצט אַריינגעשטעלט פֿרעמדע, קאַלטע מעבל און טאַפּעטן. ס'איז מער נישט געווען קיין אָרט פֿאַר זכרונות. די ערשטע יאָרן פֿון שותּפֿותדיקן לעבן זענען אַרויס פֿון זכרון... עס איז אַ גרויס אומגליק, ווען צוויי צוזאַמענגעבונדענע מענטשן צעשניידן דעם באַנד, וואָס האָט זיי פֿאַרייניקט אין דער צייט פֿון זייער ליבע. דאָס בילד פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט איז אַ שוץ קעגן דער דריקעניש און סיכסוכים, וואָס קומען אומפֿאַרמיידלעך נאָך די ערשטע צערטלעכקייטן. זשאַקלין איז איצט געווען רייכער און דאָס האָט זי אין פּאַריז און אויף די ייועס (ווייל איצט, ווען מען איז רייכער געוואָרן, איז מען אָפּט אַרומגעפֿאָרן) דערנענטערט צו אַ קלאַס רייכע ליידיקגייער, וואָס פֿ לן אַ פֿאַראַכטונג צו אַלע איבעריקע מענטשן און קודם־כּל צו די אַרבעטס־מענטשן. מיט איר זעלטענער פֿעיקייט זיך צוצופּאַסן, איז זי באַלד ענלעך געוואָרן צו די דאָזיקע אומפּרוכטבאַרע, בירגערלעכע בּרואים. באַלד האָט זי זיך געכאַפּט און באַוואָרנט זיך, ווי קעגן דער „געמיינסטער קליינבירגערלעכקייט‟, קעגן דעם געדאַנק, אַז מען קאָן זיין גליקלעך ביי די שטוב־פֿליכטן און אין דער aurea mediocritas (גאָלדענע מיטלמעסיקייט). די שעהן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, ווען זי האָט גרויסמוטיק פֿאַרשווענדעט איר ליבע, האָט זי איצט בשום־אופֿן נישט געקאָנט פֿאַרשטיין און האָט זיי פֿאַרגעסן.

אָליוויער איז נישט געווען גענוג שטאַרק צו קעמפֿן דערמיט. אויך ער האָט זיך געענדערט. ער האָט זיין לערער־פּראָפֿעסיע אַוועקגעוואָרפֿן און מער נישט געהאַט קיין שום פֿאַרפֿליכטנדיקע אַרבעט. ער האָט זיך איצטער פֿאַרנומען מיט שריפֿטשטעלעריי, און אויף אַזאַ אופֿן האָט זיין לעבן געווונען דאָס גלייכגעוויכט. ביז דעמאָלט האָט ער געליטן דערפֿון, וואָס ער קאָן זיך נישט איבערגעבן אינגאַנצן דער קונסט. איצט, ווען ער האָט זיך איר געקאָנט איבערגעבן, האָט ער זיך געפֿילט פֿאַרלוירן אין אַ תּהום. די קונסט, וואָס האָט נישט קיין קעגנגעוויכט און אַ באַשטימטן באַרוף, וואָס זאָל מאַכן דאָס לעבן שטאַרק טעטיק; די קונסט, וואָס פֿילט נישט אין זיך די שאַרפֿקייט פֿון אַ טאָג־טעגלעכער אַרבעט; די קונסט, וואָס איז נישט געצוווּנגען צו פֿאַרדינען אויף ברויט—פֿאַרלירט איר בעסטע קראַפֿט און איר אמת. זי ווערט נאָר אַ לוקסוס־בלום. זי הערט אויף צו זיין דאָס, וואָס זי איז

ביים גרויסן, איינציק קינסטלער: די הייליקע פרוכט פון מענטשלעכע ליידן. —אַליוויער איז איבערגעקומען אַ געפיל פון פולער גלייכגילטיקייט. ער האט געפרעגט „צוואָס?” קיין זאך האָט אים נישט געצווונגען. ער האט געלאזט זיין פעדער צורו, אַרומגעשלעפט זיך און זיך מער נישט געקענט צוריקגעפינען, ער האָט פארלוירן דעם קאָנטאקט מיט זיינע פאך־קאָלעגן, וואס האבן געדולדיק און מיט מי דורכגעאקערט זייער לעבנס־פעלד. ער איז אריין אין אַן אַנדער וועלט, ווו ער האָט זיך שלעכט געפילט, —זי האָט אים אָבער געצויגן צו זיך.

ער איז געווען שוואַך, ליבנסווירדיק און נייגעריק. ער האָט פריינטלעך אָבסערווירט יענע וועלט, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ געוויסן רייץ, אָבער אָן אינערלעכער פעסטקייט. ער האָט נישט באַמערקט, ווי די דאָזיקע שוואַכקייט גייט ביסלעכווייז איבער אין אים. זיין וועלטבאַנעם איז שוין נישט געווען אַזוי פעסט, ווי פריער.

בלי־ספק איז די דאָזיקע ענדערונג פאָרגעקומען אין אים לאַנגזאַמער, ווי אין זשאַקלינען. די פרוי פאַרמאָגט די פעיקייט פלוצלינג פון דער העלער הויט זיך צו ענדערן. דער טויט און די פלוצלינגדיקע באַנייונג פון איר וועזן דערוועקן שרעק אין די, וואָס האָבן זי ליב. און דאָך האַלטן די לעבנס־פולע פרויען, וואָס ווערן נישט געצוימט פון דעם ווילן, פאַר גאַנץ נאַטירלעך, צו זיין מאָרגן אַנדערש, ווי מ׳איז געווען נעכטן. זיי זענען ווי פליסנדיק וואַסער. ווער עס האָט ליב, מוז מיטגיין מיטן שטראָם אָדער מיט געוואַלט אָפּווענדן זיין לויף. איןביידע פאַלן מוז פאָרקומען אַן ענדערונג. אָבער ס׳איז אַ געפערלעכער נסיון, און מען דערקעגט אייגנטלעך די ליבע, ווען זי גייט דורך די דאָזיקע פרווו, די האַרמאָניע פון די נשמות, און די ערשטע יאָרן פון שותפותדיקן לעבן, איז אַזוי צאַרט, אַז די לייכסטע ענדערונג אין דעם אָדער יענעם קאָן לחלוטין אומברענגען ביידע מענטשן. היינט ווי שטאַרק ווירקט די ענדערונג פון דער מאַטעריעלער לאַגע אָדער פון דער סביבה! מען דאַרף זיין זייער שטאַרק אָדער זייער טעמפּ, כּדי איר צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

זשאַקלין און אָליוויער זענען נישט געווען נישט טעמפּ און נישט גענוג שטאַרק. זיי האָבן געזען איינער דעם צווייטן אין אַן אַנדער ליכט. און דאָס פּנים פון דעם פריינט איז זיי פרעמד גע־

וואָרן. אין די שעהן ווען זיי האָבן געמאַכט אָט די דאָזיקע טרויע־ריקע אַנטדעקונג, האָבן זיי זיך, מחמת פיעטעט צו זייער ליבע, אויס־באַהאַלטן איינער פון דעם צווייטן: ווייל זיי האָבן זיך נאָך אַלץ ליב געהאַט. אָליוויער איז אַנטלאָפן צו זיין אַרבעט, וואָס האָט אים געגעבן רו אַ דאַנק איר רעגלמעסיקייט, הגם זי האָט אים וויניק אינ־טערעסירט. זשאַקלין האָט גאָרנישט געהאַט און גאָרנישט געטון. זי איז געבליבן ליגן זייער לאַנג אין בעט אָדער שעהנלאַנג געזעסן ביי איר טואַלעט האַלב־אָנגעטון, אומבאַוועגלעך, פאַרזונקען אין זיך. און אַ שטאַרקער טרויער האָט זי טראָפּנסווייז אויסגעפילט, ווי אַן איי־זיקער נעפל. זי איז נישט געווען מסוגל זיך צו באַפרייען פון די ליבע־רעיונות... ליבע! דאָס געטלעכסטע, וואָס דער מענטש פאַרמאָגט, ווען זי באַדייט דאָס אַבסאָלוטע איבערגעבן זיך, אַ קרבן פון זיך אַליין. זי איז שרעקלעך נאַריש און אַנטוישנדיק, ווען זי איז בלויז אַ יאָגעניש נאָך גליק... זשאַקלין איז נישט געווען מסוגל צו טראַכטן וועגן אַן אַנ׳דער לעבנס־צוועק. טיילמאָל האָט זי געפרווט פול מיט גוטן ווילן צו טון עפּעס פאַר אַנדערע, זיך צו באַטייליקן אין עמעצנס עלנט. נאָר ס׳איז איר נישט געלונגען. די פרעמדע ליידן האָבן אַרויסגע־רופן ביי איר אַן עקל, וואָס זי האָט נישט געקאָנט גובר זיין. אירע נערוון האָבן עס נישט פאַרטראָגן. אַ צוויי אָדער דריי מאָל האָט זי, כדי צו באַרויקן איר געוויסן, געטון עפּעס אַ גוטע זאַך, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ מצווה, אָבער דער ערפאָלג איז געווען זייער אַ קליינער.

— זעסט, — האָט זי געזאָגט צו קריסטאָפן, — ווען מען וויל טון גוטס, קומט אַרויס שלעכטס. מען דאַרף עס בעסער צורו לאָזן. איך האָב דערצו קיין טאַלענט נישט.

קריסטאָף האָט זי אָנגעקוקט און ער האָט געטראַכט וועגן איי־נער פון זיינע צופעליקע באַקאַנטע, אַן עגאָיסטישע, פאַרשייטע גרי־זעטע, וואָס איז נישט געווען מסוגל עפּעס ליב צו האָבן; נאָר קוים האָט זי עמעצן געקאָנט פאַרטראָגן, האָט זי באַלד דערפילט צו אים אַ מוטערלעכע ליבע, כאָטש דער דאָזיקער מענטש האָט איר מיט אַן אָוונט פריער געקאָנט זיין גלייכגילטיק און אומבאַקאַנט. זי האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר דער מיאוסער באַדינונג: דווקא די, וואָס האָט איר געקאָסט אַ סך אָנשטרענגונג, האָבן זי באַזונדערס צופרידנגע־שטעלט. זי האָט זיך דערפון נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון: ס׳האָט

אויסגעזען, אַז אין דעם לאָזט זיך אויס די גאַנצע קראַפט פון אַ טונקעלער געירשנטער באַהאַלטענער בענקשאַפט צו גוטסקייט; איר שטענדיק-פאַראומערטע נשמה לעבט אויף אין אַזעלכע רגעס. ווען זי האָט געקאָנט מיט עפּעס לינדערן עמעצנס נויט, האָט זי געפילט אַ צופרידנקייט און אַן אינערלעך גליק, און איר פרייד האָט געווירקט פשוט אומאָנגענעם. — די גוטסקייט פון אָט דער, איבעריקנס, עגאָיסטישער פרוי און דער עגאָיזם פון דער אייגנטלעך-גוטער זשאַקלין זענען נישט געווען נישט קיין מעלות, נישט קיין חסרונות; זיי האָבן נאָר עדות געזאָגט וועגן דער גייסטיקער געזונטקייט פון יעדערער פון זיי. נישט מער, וואָס איינע האָט זיך דערביי געפילט בעסער פון דער צווייטער.

זשאַקלין האָט בלויז די פאָרשטעלונג פון ליידן געדריקט צו דער ערד. זי האָט בעסער געוואָלט דעם טויט, איידער קערפּערלעכע יסורים; זי וואָלט בעסער געשטאָרבן איידער צו פאַרלירן אפילו איין קוואַל פון איר פרייד אויף דער ערד, פון איר שיינקייט אָדער יוגנט. ס'וואָלט ביי איר אויסגעקומען ווי די שרעקלעכסטע אומגערעכטיקייט, ווען זי פאַרמאָגט נישט דאָס פולע גליק. (זי האָט געגלויבט, אַז זי דאַרף אַלע רעכט דערצו), אָבער ווען זי זאָל זען אַנדערע גליקלעכער פון איר. זי האָט געגלויבט מיט אַ שטאַרקער, אומזיניקער אָבער הייליקער איבערצייגונג אין איר גליק. דאָס איז געווען נישט נאָר פאַר איר אַ גלויבן נאָר אויך אַ טוגנט. צו זיין אומגליקלעך איז ביי איר געווען אַלץ איינס, ווי צו ווערן אַ קאַליקע. איר גאַנץ לעבן האָט זיך געשטיצט אויף דעם דאָזיקן פּרינציפּ. איר אמתע נאַטור האָט צעריסן די אידעאַליסטישע שלייערן, וואָס האָבן זי אַרומגעהילט אַלס יונג מיידל אין ציטעריקער שעמעוודיקייט. אין דער צעבונטעוועטקייט קעגן דעם באַזיגטן אידעאַליזם האָט זי איצט אַלץ באַטראַכט קלאָר און ניכטער. פאַר איר האָט געהאַט אַ ווערט נאָר דאָס, וואָס האָט געשטימט מיט דער מיינונג פון דער וועלט און מיט אַ באַקוועם לעבן. זי איז געוואָרן גייסטיק ענלעך צו איר מוטער. זי איז געגאַנגען אין קירכע און דערפילט אירע רעליגיעזע פליכטן מיט גייסטלאָזער געוויסנהאַפטיקייט. זי האָט זיך מער נישט געמאַטערט מיט דער פראַגע, צי אין דעם איז פאַראַנען אמת; זי האָט געהאַט רעאַלערע דאגות און מיט איראָנישן מיטלייד געטראַכט וועגן דער איבערזינלעכער צעבונטעוועטקייט פון אירע קינדעריאָרן.

אָבער איר נייער חוש פאַר דער ווירקלעכקייט האָט נישט גע־האַט קיין פעסטערן באָדן, ווי איר אידעאַליזם. זי האָט זיך געצווונגען דערצו. זי איז נישט געווען נישט קיין מלאך און נישט קיין טייוול. זי איז געווען אַן אָרעמע פרוי, וואָס האָט זיך געלאַנגווייליקט, אַך, גאָט מיינער, ווי זי האָט זיך געלאַנגווייליקט! בפרט דעמאָלט, ווען זי האָט זיך גאָרנישט, געקאָנט פאַרענטפערן, פאַרוואָס אָליוויער האָט זי נישט ליב אָדער פאַרוואָס זי קען אים נישט פאַרטראָגן. איר לעבן האָט איר אויסגעזען פאַרריגלט, פאַרמויערט, אָן אַ צוקונפט. זי האָט געבענקט צו אַ נייעם, אייביק זיך באַנייענדיקן גליק; און דאָס איז געווען קינדעריש, ווייל זי האָט געהאַט דערצו אַ העכסט-מיטלמעסיקן טאַלענט. עס איז איר געגאַנגען, פונקט ווי אַנדערע פרויען, ווי אַנ־דערע מאַן און ווייב, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַלע פּאָרבאַדינגונגען פון גליק און האָבן נישט אויפגעהערט צו ליידן. אומעטום טרעפט מען אַזעלכע מענטשן. זיי זענען רייך, האָבן שיינע קינדער, זענען געזונט, אינטעליגענט, עמפינדלעך אויף אַלץ וואָס איז שיין, זיי האָבן אַלע מעגלעכקייטן צו זיין טעטיק און צו טון גוטס, צו באַרייכערן זייער לעבן און דאָס לעבן פון אַנדערע מענטשן, און דאָך פאַרברענגען זיי זייער צייט אויף זיפצן, ווייל זיי האָבן זיך נישט ליב אָדער ווייל זיי ליבן אַנדערע, אָדער גאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן אַנדערע נישט ליב. און ווייל זיי זענען שטענדיק פאַרנומען נאָר מיט זיך אַליין, מיט זייערע גייסטיקע אָדער סעקסועלע באַציונגען, מיט זייערע פאַר־געבלעכע רעכט אויף גליק, מיט זייערע סתירות, זיי רעגן זיך אויף, זיי באַרעדן, זיי פלוידערן שטענדיק דאָס אייגענע. זיי שפּילן אַ קאָ־מעדיע פון אַ גרויסער ליבע אָדער פון טיפסטן אומגליק און זיי גע־מען אַליין גלויבן אין דעם — און ליידן באמת... ווען עמעצער וואָלט זיי געזאָגט:

— איר זענט בשום אופן נישט אינטערעסאַנט, עס איז אומ־פאַרשעמט צו קלאָגן, בעת מען האָט אַזוי פיל מעגלעכקייטן צו זיין גליקלעך!

ווען עמעצער וואָלט זיי געוואָלט צונעמען זייער געלט, זייער געזונט, אַלע וווּנדערפולע מתנות, וואָס זיי זענען נישט ווערט! ווען נאָר איינער פון די דאָזיקע שקלאַפן, וואָס זענען נישט פעיק צו דער פרייהייט און מאַכן זי נאַריש, ווען נאָר איינע פון זיי וואָלט זיך געמוזט ווידער בויגן אונטערן שווערן יאָך פון עלנט און מאַ־

טערניש! ווען זי וואָלט נאָר געמוזט אַליין פאַרדינען איר ברויט, וואָלט זי עס געגעסן מיט צופרידנקייט. און ווען זיי גיבן נאָר אַ קוק אויף דאָס שרעקלעכע פנים פון מענטשלעכע ליידן, וואָלטן זיי זיך מער נישט דערוועגט צו שפּילן דערמיט אַ קאָמעדיע.

אָבער סוף כל סוף האָבן זיי דאָך באמת געליטן. זיי זענען געווען קראַנק. ווי זאָל מען זיי נישט באַדויערן?—די אָרעמע זשאַקלין איז נישט געווען שולדיק. זי איז געווען פונקט אַזוי ווייניק שולדיק. וואָס זי האָט זיך דערווייטערט פון אָליוויערן, ווי אָליוויער, וואָס האָט זי נישט געקאָנט איינהאַלטן. זי איז געווען דאָס, וואָס די נאַטור האָט פון איר געמאַכט, זי האָט נישט געוווסט, אַז די חתונה איז אַ פאָדערונג פון דער נאַטור. און אַז אויב מען האָט איר געוואָרפן אַ הענדשקע, קאָן מען זיך ריכטן, אַז די נאַטור וועט זי אויפהויבן, — און מען דאַרף זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל צוגרייטן ווייטער מוטיק צו פירן דעם אַרויפגעצוווּנגענעם קאַמף. זי האָט נאָר באַמערקט, אַז זי האָט געהאַט אַ טעות. זי איז געווען אויפגעבראַכט אויף זיך אַליין, און די דאָזיקע אַנטוישונג האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שנאה קעגן אַלץ, וואָס זי האָט אַמאָל געליבט, קעגן אָליוויערס גלויבן, וואָס איז אויך איר גלויבן געווען. אַ קלוגע פרוי האָט פיל מער ריכטיקע פאַר־שטענדעניש, ווי דער מאַן, פאַר אייביקייטס־ווערטן; נאָר ס׳קומט איר אָן שווערער עס אויפצוהאַלטן. דער מאַן וואָס האָט תּופס געווען אַזעלכע געדאַנקען דערנערט זי מיט זיין אייגענעם לעבן. די פרוי אָבער נערט איר לעבן מיט זיי; זי נעמט זיי אויף זיך, אָבער זי שאַפט זיי נישט פון דאָס ניי. מען מוז כסדר צושטעלן פרישע דערנערונג פאַר איר גייסט און האַרץ, ווייל זיי אַליין זענען פאַר זיך נישט גענוג. און בעת אַ מאַנגל אין גלויבן און ליבע, מוז די פרוי צעשטערן דאָס, וואָס איז ביי איר די העכסטע מעלה: די רו פון געמיט.

זשאַקלין האָט אַמאָל ליידנשאַפטלעך געגלויבט אין דעם חתונה־לעבן, וואָס שטיצט זיך אויף דעם שותפותדיקן גלויבן און גליק, אין שותפותדיקן קאַמף און ליידן, וואָס דאַרפן אויפבויען אַ ווערק. אָבער זי האָט געבויט אויף דעם דאָזיקן ווערק, אויף דעם דאָזיקן גלויבן נאָר אַזוי לאַנג, כל זמן די זון פון דער ליבע האָט זי באַגילדט; וואָס מער די זון איז פאַרזונקען, אַלץ מער האָבן זיי אויסגעזען, ווי נאַקעטע פינסטערע בערג, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ פון דעם ווייטן הימל. און

זי האָט נישט געפילט אין זיך קיין כּוח צו גיין ווייטער דעם וועג. צו וואָס טויג עס איר צו דערלאַנגען דעם שפּיץ? וואָס געפינט זיך אויף דער אַנדערער זייט? מסתּמא עפּעס אַ שרעקלעכער ריגן! זשאַקלין האָט נישט געקאָנט באַגרייפן, אַז אָליוויער זאָל זיך לאָזן ווייטער פאַרבלענדן פון די געשפּענסטער וואָס פאַרצערן דאָס לעבן. זי האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז שוין נישט אינטעליגענט און נישט לעבנס קרעפטיק. זי האָט זיך געשטיקט אין זיין אַטמאָספער, נישט געקאָנט אין איר אָטעמען. און איר זעלבסט דערהאַלטונגס־חוש האָט זי געטריבן אָנצוגרייפן אָליוויערן. זי האָט גענומען חרוב מאַכן דעם גלויבן פון איר מאַן, וועלכן זי האָט נאָך אַלץ ליב געהאַט. זי האָט זיך צו דעם צוועק באַנוצט מיט איר גאַנצן כּלי זין פון איר איראָניע און תּאווה; זי האָט אים אַרומגערינגלט מיט אירע קליינע שוואַכקייטן; זי האָט אים געוואָלט מיט געוואַלט מאַכן ענלעך צו איר... צו איר, וואָס האָט אַליין נישט געוווסט וואָס זי וויל און וואָס זי איז. זי האָט זיך געפילט דערנידעריקט, וואָס אָליוויער האָט נישט קיין דערפאָלג, און ס'איז איר נישט אָנגעגאַנגען, צי דאָס איז געשען גערעכט אָדער אומגערעכט: ווייל זי איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער סימן פון טאַלענט איז דער ערפאָלג, וואָס מאַכט דעם אונטערשייד צווישן די באַגאַבטע און נישט דערפאַרענע. אָליוויער האָט געפילט אַז עס דריקט אים איר צווייפל און אַז דערביי גייען פאַרלוירן זיינע בעסטע כּוחות. ער האָט געקעמפט וויפיל ער האָט געקאָנט. ווי פיל אַנדערע האָבן געקעמפט פאַר אים און וועלן קעמפן נאָך אים; אָבער פאַר סרוב מענטשן וועט דער דאָזיקער אומגלייכער קאַמף זיין אומזיסט, ווייל אין אים שטעלן זיך די עגאָיסטישע אינסטינקטן פון דער פרוי קעגן דעם גייסטיקן עגאָיזם פון דעם מאַן, קעגן זיינע שוואַכקייטן, אַנטוישונגען און קעגן זיין געזונטן מענטשלעכן פאַרשטאַנד, וואָס היינטער אים באַהאַלט ער זיינע אויסגענוצטע לעבנס כּוחות און זיין אייגענע פוילקייט.

— אפשר וואָלטן זשאַקלין און אָליוויער איבערגעיאָגט אַנדערע אין קאַמף, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט פאַראַטן זיין אידעאַל, ווי דאָס האָבן געטאָן טויזנטער מענער, וואָס פאַרלירן זיך צוליב פוילקייט אָפּגעלאָזנקייט אין איינגליבע אויף אַזוי ווייט, אַז זיי פאַרלייקענען די אייגענע נשמה. און ווען ס'וואָלט באמת דערגאַנגען מיט אים אַזוי ווייט, וואָלט אים זשאַקלין זיכער פאַראַכטעט. אָבער אין איר בלינד־

קייט האָט זי געטון אַלץ אין דער וועלט, אַבי חרוב צו מאַכן אַליִ־ וויערס כּוחות, וואָס זענען דאָך אייגנטלעך געווען אויך אירע כּוחות, זייער ביידנס געווער. און זי האָט מיט אינסטינקטיווער פּלאַנמעסיקייט אונטערגעגראָבן די פריינטשאַפטלעכע געפילן, אויף וועלכע זיינע כּוחות האָבן זיך געשטיצט.

זינט דער ירושה האָט זיך קריסטאָף נישט געפילט גוט אין דער געזעלשאַפט פון דעם פּאָרפּאָלק. די סנאָבישע פאַרהאַלטונג און די באַנאַלע ניכטערקייט, וואָס זשאַקלין האָט אין זיין געגנוואַרט בייזווי־ ליק איבערגעטריבן, איז אים געוואָרן איבער דער טבע. ער האָט טיילמאָל אויסגעבראָכן און גערעדט שאַרפע ווערטער, וואָס האָבן זי שטאַרק אויפגעבראַכט, דאָס וואָלט קיינמאָל נישט אַרויסגערופן קיין צעשיידונג צווישן די ביידע פריינט. זיי זענען געשטאַנען צו נאָענט צו זיך, אָליוויער וואָלט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרלירן קריסטאָפן. ער האָט אָבער נישט געקאָנט אָנוואַרפן זיין פריינט זשאַקלינען. און ווי שוואַך ער איז נישט געווען אין זיין ליבע צו איר, האָט ער נישט געקאָנט פועלן ביי זיך איר אָנצוטון אַ ווייטיק. קריסטאָף האָט געזען, וואָס אין אים קומט פאָר און ווי ער ליידט. ער האָט אים לייכטער געמאַכט דעם אויסוואַל און האָט זיך אַליין דערווייטערט. ער האָט איינגעזען, אַז דורך זיין בלייבן טוט ער אָליוויערן קיין שום טובה נישט, פאַרקערט ער ברענגט אים שאָדן. דעריבער איז ער אויף אַזוי ווייט אַנטקעגנגעקומען זיין פריינט, אַז ער האָט אים געגעבן אַ סיבה זיך פון אים צו דערווייטערן, און אָליוויערס שוואַכקייט האָט עס אויסגענוצט, הגם ער האָט פאַרשטאַנען קריסטאָפס קרבן און ס'האָט אים געפּייניקט דאָס געוויסן.

קריסטאָף האָט צו אים גאָרנישט געהאַט, ער האָט געטראַכט, אַז ס'איז גאַנץ ריכטיק, ווען מען רופט די פרוי די צווייטע העלפט פון דעם מאַן. ווייל אַ מאַן, וואָס האָט חתונה, איז שוין נישט מער ווי אַ האַלבער מאַן.

ער האָט געפּרוווט זיך איינאָרדנען דאָס לעבן אָן אָליוויערן, נאָר הגם ער האָט זיך שטאַרק באַמיט איינצורעדן, אַז די צעשיידונג

וועט לאַנג נישט דויערן, האָט ער, נישט געקוקט אויף דעם דאָזיקן אָפּטימיזם, איבערגעלעבט אומעטיקע שעהן. ער האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעוווינט פון איינזאַמקייט. וואָס אַן אמת, בעת אָליוויער האָט גע-וווינט אויף דער פּראָווינץ איז ער אויך געווען אַליין; אָבער דעמאָלט האָט ער זיך געקאָנט מאַכן אילוזיעס; ער האָט זיך געזאָגט, אַז דער פריינט איז ווייט. אָבער ער וועט קומען צוריק. איצט, ווען דער פריינט איז צוריקגעקומען, האָט ער אים אויסגעזען נאָך ווייטער ווי פריער. די פריינטשאַפט, וואָס האָט אים אין משך פון עטלעכע יאָר אויסגעפילט דאָס לעבן, האָט אים פּלוצלינג אויסגעפעלט: ס'איז גע-ווען פאַר אים אַ שווערער קלאַפּ, וואָס האָט ביי אים צוגענומען יעדן שטויס צו מעשים. זינט ער האָט ליב געהאַט אָליוויערן, האָט ער זיך צוגעוווינט צו דענקען בשותפות מיט אים. און צו ברענגען אים אין באַרירונג מיט אַלץ, וואָס ער האָט געטון. די אַרבעט האָט נישט געקאָנט אויספילן דעם חלל: ווייל קריסטאָף האָט זיך שוין געהאַט צוגעוווינט ביי יעדער אַרבעט צו האָבן פאַר די אויגן דאָס בילד פון זיין פריינט. איצט, ווען זיין פריינט האָט זיך מער נישט באַטייליקט אין זיין לעבן, האָט ער געפילט, אַז ער האָט פאַרלוירן דאָס גלייכ-געוויכט. כדי עס ווידער צו געווינען האָט ער געמוזט אויסזוכן אַ נייע סימפּאַטיע. ער האָט געהאַט, וואָס אַן אמת, די פריינטשאַפט פון מאַדאַם אַרנאָ און פילאָמעלע. אָבער די דאָזיקע שטילע פריינדינס האָבן אים אין יענער צייט נישט געקאָנט צופרידנשטעלן.

די ביידע פרויען האָבן משמעות פאַרשטאַנען קריסטאָפס אומעט און שטיל מיטגעפילט מיט אים. קריסטאָף איז געווען שטאַרק איבער-ראַשט, ווען ער האָט איינמאָל אין אָוונט געזען מאַדאַם אַרנאָ אריינ-קומען צו זיך אין צימער. ביז דעמאָלט האָט זי זיך קיינמאָל נישט דערוועגט אים צו באַזוכן. זי האָט אויסגעזען אויפגערעגט. קריסטאָף האָט דערויף קיין אַכט נישט געלעגט און געמיינט, אַז איר שטימונג נעמט זיך פון פאַרלעגנהייט. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט און נישט גערעדט קיין וואָרט. קריסטאָף האָט זיך באַמיט צו מאַכן איר היימי-שער די אַטמאָספער און פאַרנומען זיך מיט די פליכטן פון אַ באַלע-באָס. זיי האָבן גערעדט וועגן אָליוויערן, ווייל אַלץ אין צימער האָט כסדר דערמאָנט אָן אים. קריסטאָף האָט גערעדט וועגן אים פריי און באַטירלעך, נישט פאַרראַטנדיק דאָס, וואָס צווישן זיי איז פאָרגעקומען. מאַדאַם אַרנאָ האָט עס אָבער געוווּסט, זי האָט זיך נישט געקאָנט

איינהאַלטן, האָט זי אים מיט מיטלייד אָנגעקוקט און געזאָגט:
— איר זעט זיך שוין נישט מער?
ער האָט געטראַכט, אַז זי איז אים געקומען טרייסטן, און דאָס האָט אים זייער פאַרדראָסן. ער האָט דורכויס נישט געוואָלט, אַז עמע־צער זאָל זיך אַריינמישן אין זיינע עסקים.
— ווי אָפט מיר ווילן! — האָט ער געענטפערט.
זי האָט זיך פאַרויטלט און געזאָגט:
— כ'האָב נישט געוואָלט זיין אומדיסקרעט.
ער האָט באַדויערט, וואָס ער האָט זי אָנגערירט, און האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנט.
— זייט מוחל. — האָט ער געזאָגט — כ'האָב שטענדיק מורא, מען זאָל אים נישט אָנגרייפן, אָרעם יינגל! ערליידט דערפון פונקט ווי איך. ניין, מיר האָבן זיך אויפגעהערט צו זען.
— און ער שרייבט אייך אויך נישט?
— ניין. — האָט קריסטאָף פאַרשעמט געענטפערט.
— ווי טרויעריק דאָס לעבן איז! — האָט מאַדאַם אַרנאָ געזאָגט אין אַ ווײַלע אַרום.
קריסטאָף האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.
— ניין, דאָס לעבן איז נישט טרויעריק. — האָט ער געזאָגט.— עס האָט נאָר טרויעריקע מאָמענטן.
מאַדאַם אַרנאָ האָט ווייטער גערעדט מיט איינגעהאַלטענער פאַר־ביטערונג:
— מען האָט זיך געליבט, מען האָט זיך אויפגעהערט ליב צו האָבן, צו וואָס דאַרף מען דאָס אַלץ?
קריסטאָף האָט געענטפערט:
— מען האָט זיך געליבט אַמאָל.
— איר האָט זיך מקריב געווען פאַר אים, — האָט זי ווייטער גערעדט, — ווען דער קרבן וואָלט ווייניקסטנס צונוץ געקומען דעם, וועמען מען ליבט! אָבער יענער ווערט דערפון נישט גליקלעכער.
— איך האָב זיך נישט מקריב געווען, — האָט קריסטאָף מיט כעס געזאָגט. — און אויב איך האָב מיך יאָ מקריב געווען, האָב איך עס געטון פאַר מיין פאַרגעניגן וועגן. עס לוינט נישט דערפון צו רעדן. מען טוט דאָס, וואָס מען מוז טון, ווען נישט וואָלט דער מענטש זיכער געווען אומגליקלעך. נישטאָ קיין נאַרישערע זאַך ווי־

דאָס רעדן וועגן קרבנות, וואָס פּאַר אַ פּאַסטאָרן־נשמות די מענטשן האָבן עס געמוזט פאַרמאָגן אין זייער ענגהאַרציקייט אויסגעמישט די פרייד פון מקריב זיין זיך מיט דער פאָרשטעלונג פון אַ פּראָ־טעסטאַנטישער, פינסטערער מרה־שחורה! ס׳קומט ביי מיר אויס, אַז אַ קרבן איז גראָד דעמאָלט עפּעס ווערט, ווען ער איז זייער שווער... צום טייוול! אויב אַ קרבן פאַרשאַפט אייך ווייטיק און נישט קיין פרייד, טאָ ברענגט אים נישט. איר זענט נישט ראוי דערצו. אויב איר פילט נישט דאָס גליק וואָס ליגט אין דאָס מקריב זיין זיך, טאָ גייט צו אַלדי רוחות! איר זענט נישט ווערט, וואָס איר לעבט אויף דער וועלט.

מאַדאַם אַרנאָ האָט אויסגעהערט קריסטאָפן און נישט דערוועגט זיך אַ קוק צו טון אויף אים.

פלוצלונג איז זי אויפגעשטאַנען און געזאָגט:

— זייט געזונט!

ער האָט געמיינט, אַז זי איז געקומען, כדי אים עפּעס אָנצו־פאַרטרויען און ער האָט געזאָגט:

— אָ, זייט מוחל! איך בין אַן עגאָיסט, איך רעד נאָר וועגן זיך. בלייבט נאָך...

אָבער זי האָט געענטפערט:

— ניין, איך קאָן נישט, אַ דאַנק!

און איז אַוועק.

ס׳איז אַריבער אַ געוויסע צייט איידער זיי האָבן זיך ווידער געזען, זי האָט אים נישט געגעבן קיין צייכן פון לעבן, און ער איז נישט געגאַנגען נישט צו איר און נישט צו פילאָמעלען. ער האָט זיי ביידע האַרציק ליב געהאַט, נאָר ער האָט מורא געהאַט צו רעדן מיט זיי וועגן אַזעלכע זאַכן, וואָס האָבן אים געמאַכט טרויעריק געשטימט. אָבער צייטנווייז איז אים געווען זייער איינזאַם אין דער צו דינער אַטמאָספער פון זיינע אייגענע ד׳ אַמות. ער האָט געדאַרפט האָבן נייע פנימער, ער האָט געמוזט דורכלעבן נייע געפילן, ער האָט זיך געמוזט צוריק געפינען דורך אַ נייער ליבע.

כּדי צו פֿאַרגעסן זיין איינזאַמקייט האָט קריסטאָף אָנגעהויבן אָפֿטער צו באַזוכן טעאַטער, וואָס ער האָט אַ לאַנגע צייט פֿאַרנאַכלעסיקט. אַגב, האָט ער געהאַלטן דאָס טעאַטער פֿאַר אַ גוטער שול פֿאַר מוזיקער, וואָס ווילן אָבסערווירן און אויפֿכאַפּן דעם אויסדרוק פֿון ליידנשאַפֿטן. די פֿראַנצויזישע שטיק זענען אים איצט אויך נישט גע־פֿעלן געוואָרן מערער, ווי אין אָנהויב, ווען ער איז געקומען אין פּאַריז. נישט אָפּהענגיק פֿון זייער אייביק ענלעכע טעמעס, וואָס האָבן זיך גאָרנישט־זאָגנדיק און רוי געדרייט אַרום דער פּסיכאָ פֿיזיאָלאָגיע פֿון דער ליבע און וואָס האָבן קיינמאָל נישט אַנטשפּראָכן זיין געשמאַק האָט ער אויך געפֿונען, אַז די פֿראַנצויזישע טעאַטער־שפּראַך, דער עיקר אין דער פּערזן־דראַמע איז אין גרונט פֿאַלש. נישט די פּראָזע און נישט די פּערזן האָבן נישט אַנטשפּראָכן נישט דער לעבעדיקער שפּראַך נישט דער אייגנאַרטיקייט פֿון פֿאָלק. די פּראָזע איז געווען אַ געקינסטלטע שפּראַך. אין בעסטן פֿאַל, די שפּראַך פֿון אַ סאַלאָן־דערציילער. אין ערגסטן פֿאַל, דער לשון פֿון אַ געוויינלעכן פֿעליעטאָן־שרייבער. די דראַמען און פּערזן האָבן פֿעסטגעשטעלט געטהעס ווערטער:

— דיכטן איז גוט פֿאַר די, וואָס האָבן נישט וואָס צו זאָגן.

דאָס איז געווען אַ וואַסערדיקע מוטנע פּראָזע. די איבערגע־צאָרנקייט פֿון בילדער, וואָס די דראַמען זענען געווען מיט זיי אָנגע־שטאָפּט, אומגעשיקט לויטן מוסטער פֿון דער ליריק ביי אַנדערע פֿעלקער האָט געמוזט מאַכן אויף יעדן עמפּינדלעכן מענטשן דעם איינדרוק פֿון פֿאַלשקייט. קריסטאָף האָט איינגעפֿונען, אַז אַזעלכע דראַמען שטייען נישט העכער, פֿון די איטאַליענישע אָפּערעס מיט זייערע זיסלעכע אַריעס און טעאַטראַלישע שטים־איבונגען. די שוישפּילער האָבן אים אינטערעסירט מער ווי די שטיק. אויך די דיכטער האָבן זיך באַמיט צו לעגן אויף זיי אַכט.

— מען קאָן זיך נישט פֿאָרשטעלן אַ שטיק, וואָס זאָל ווערן אויפֿ־געפֿירט מיט ערפֿאָלג, אויב מען געשטאַלטיקט נישט פֿאָרזיכטיק זיינע כאַראַקטערן לויט די חסרונות פֿון די אַקטיאָרן.

זינט דידעראָ האָט אָנגעשריבן די דאָזיקע שורות, האָט זיך די לאַגע נישט געענדערט. די מימיקער זענען געווען די פֿאַר בילדער פֿון דער קונסט. קוים האָט אַזאַ קאָמעדיאַנט געהאַט ערפֿאָלג, האָט ער באַלד געהאַט זיינס אַ טעאַטער און געדונגען זיך אַ דיכטער־שניידער, וואָס האָט אויסגעאַרבעט שטיק, לויט זיין מאָס נאָך.

צווישן די מאַנעקינען פון דער ליטעראַרישער מאָדע, איז געווען איינע וואָס האָט קריסטאָפן זייער אינטערעסירט: אַ געוויסע פראַנסואַז אודאָן. זינט אַ יאָר אָדער צוויי איז פּאַריז אויסגעגאַנגען פאַר איר. זי האָט נאַטירלעך אויך פאַרמאָגט איר טעאַטער און אירע ראָל־ליפעראַנטן אָבער זי האָט געשפּילט אויך אַנדערע שטיק אויסער די, וואָס מען האָט פאַר איר צורעכט־געמאַכט. איר געמישטער רעפּערטואַר איז באַשטאַנען פון איבסען ביז סאַרדו. פון ד'אַנונציאָ ביז דעם ייִנגערן דיומאַ, פון בערנאַרד שאָוו ביז די ייִנגסטע פּאַריזער טעאַטער־שרייבער. טיילמאָל האָט זי אַפילו דערלאַנגט צו די קלאַסישע העקזאַמעטערס לויט די ווערסיילער מוסטערן, אָדער צום שטראָם פון ליידנשאַפטלעכער בילדער־שפּראַך, אָבער אין דעם האָט זי זיך נישט געפילט אַזוי גוט און איר פּובליקום אַוודאי נישט. וואָס זי זאָל נישט שפּילן, האָט זי געשפּילט זיך אַליין, נאָר זיך אַליין. אין דעם איז געלעגן איר שוואַכקייט און איר שטאַרקייט. ווי לאַנג די עפנטלעכע אויפמערקזאַמקייט האָט זיך נישט פאַראינטערעסירט מיט איר פּערזאָן, האָט איר שפּילן נישט געהאַט קיין ערפאָלג. אָבער זינט דעם טאָג, ווען מען האָט זיך מיט איר גענומען פּערזענלעך פאַראינטערעסירן, האָט אַלץ, וואָס זי האָט געשפּילט אויסגעזען וווּנדערשיין. און באמת, עס האָט געלוינט; אַלע פעלערן פון דעם ווערק זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן, און די אַרטיסטן האָט געמאַכט פאַרגעסן אין אַלץ, ווייזנדיק נאָר זיך אַליין. די רעטעניש פון דעם דאָזיקן פרויען־קערפּער, וואָס עפּעס אַן אומבאַקאַנטע נשמה האָט אים אויסגעבאָרגט אַ געשטאַלט, איז געווען קריסטאָפן אינטערעסאַנטער, ווי דאָס שטיק אַליין.

זי האָט געהאַט אַ שיינעם ריינעם פּראָפיל, וואָס האָט געקאָנט ווירקן כמעט טראַגיש. קיין איינער פון די שאַרף־באַטאָנטע, שווערע שטריכן פון איר פּנים, איז נישט געווען אין רוימישן סטיל. פאַרקערט. עס האָט געהאַט צאַרטע פּאַריזערישע שטריכן, לויטן שטייגער פון זשאַן גוזשאן, — וואָס האָבן געקאָנט מער געהערן צו אַ יונגייִנגל ווי צו אַ פרוי: אַ קורצע אָבער פיין־געשניצטע נאָז, אַ שיין מויל מיט שמאָלע ליפּן און אַ ביטערן שטריך, פאַרגייסטיקטע באַקן פון יוגנטלעכער מאָגערקייט, אויף וועלכע ס'איז געלעגן עפּעס רירנדיקס, ווי דער אָפּשיין פון אַן אינערלעך לעבן, אַ שאַרפן קין און אַ בלאַסער הויט. דאָס איז געווען איינס פון יענע פּנימער, וואָס זענען געוווינט זיך צו באַהערשן און זענען גלייכצייטיק דורכזיכטיק; וואָס

אויף זיי פילט מען דעם ציטער פון דער נשמה, ווייל אונטער דער הויט זענען זיי בלויז נשמה. אירע האָר און ברעמען זענען געווען זייער פיין. אירע אויגן האָבן געשימערט פון גרוי ביז בערנשטיין־געל, און האָבן געקאָנט אָננעמען אַלע מעגלעכע פאַרבן צווישן גרין און גאָלד: אמתע קאַצן־אויגן. איר גאַנץ וועזן האָט בכלל פאַרמאָגט עפּעס פון אַ קאַץ, מיט איר בולטער פוילקייט, אַ מין האַלב־פאַר־שלאָפנקייט, בעת די אויגן זענען כסדר געבליבן לוירנדיק אָפן, ווי צו פאַרטיידיקונג, כּדי פּלוצלינג צו באַקומען אַ נערוועזן, כמעט גרויזאַמען אויסדרוק. זי האָט אויסגעזען גרעסער, ווי זי איז געווען אין דערווירקלעכקייט, און מאָגער, — בעת זי איז עס נישט געווען. זי האָט געהאַט שיינע אַקסלען, פיין־געשניצטע אָרעמס, לאַנגע פיינע הענט. אין איר אופן פון קליידונג און טראָגן די האָר, האָט זי אַרויסגעוויזן אַ שטרענגן געשמאַק, אָן דער מינדסטער באָהעמע־מעסיקער נאַכלעסיקייט, אָן דער איבערגעטריבענער קליידונג פון געוויסע קינסטלערינס, — אויך פונקט ווי אַ קאַץ; און פונקט ווי זי איז געווען באַגאַבט מיט אַריסטאָקראַטישע אינסטינקטן, הגם זי האָט געשטאַמט פון המון. און הינטער דעם אַלעם האָט געדרימלט אַן אומגעצוימטע ווילדקייט.

זי האָט געקאָנט אַלט זיין אַ יאָר דרייסיק. קריסטאָף האָט גע־הערט ביי גאַמאַשן, ווי מען האָט גערעדט וועגן איר מיט ברוטאַלער באַוווּנדערונג, ווי וועגן זייער אַ פּריי, קלוג און מוטיק מיידל מיט אייזערנער ענערגיע און ברענענדיקער תּאווה צו כּבוד, וואָס איז געווען דערביי עקשנותדיק, טווישנדיק און האַסטיק. מ׳האָט דער־ציילט, אַז זי האָט פיל דורכגעמאַכט איידער זי איז געקומען צו דער איצטיקער באַרימטקייט. איצט וויל זי זיך, הייסט עס, פאַרגיטיקן פאַר אַלץ.

איינמאָל ווען קריסטאָף איז אַריין אין צוג, וואָס איז געפאָרן קיין מעדאָן, צו פילאָמעלען, האָט ער אין דעם קופּע, וווּ ער איז אַריינגעשטיגן, געטראָפן די שוישפּילערין. זי האָט אויסגעזען אויפ־געגעגט און ליידנדיק. קריסטאָפס אַריינקומען איז איר געווען אומ־אָנגענעם. זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן און אומבאַ־וועגלעך געקוקט אין קעגנאיבערדיקן פענסטער. אָבער קריסטאָף, וואָס דער שינוי אין אירע שטריכן האָט אים באַאומרויקט, האָט נישט אַראָפּגעלאָזט פון איר קיין אויג און זי אָנגעקוקט מיט קינ־

דערשן מיטלייד. דאָס האָט איר פאַרדראָסן און זי האָט אים צוגע־וואָרפן אַ בייזן בליק, וועלכן ער האָט נישט פאַרשטאַנען. אויף דער באָענטסטער סטאַציע איז זי אַרויסגעשטיגן און זיך געזעצט אין אַ צווייטן וואַגאָן. ערשט איצט האָט ער זיך געכאַפּט — אַביסעלע צו שפּעט — אַז ער האָט זי פאַרטריבן. און ער האָט זיך געפילט זייער שלעכט. אין עטלעכע טעג אַרום איז ער געזעסן אויף אַ סטאַ־ציע פון דער זעלבער ליניע, אויף דער איינציקער באַנק פון וואָק־זאַל, און געוואַרט אויפן צוג וואָס גייט קיין פּאַריז. זי האָט זיך באַוויזן און זיך געזעצט נעבן אים. ער האָט געוואָלט אויפשטיין, נאָר זי האָט געזאָגט:

— בלייבט.

זיי זענען געווען אַליין. ער האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער האָט זי מיט אַ פּאָר טעג צוריק געצווונגען אַריבערצוגיין אין אַ צווייטן וואַגאָן. ער האָט געזאָגט, אַז ווען ער זאָל באַמערקן אַז ער שטערט איר, וואָלט ער דאַן אַליין אויסגעשטיגן. זי האָט אים גע־ענטפערט מיט אַן איראָנישן שמייכל:

— יאָ, איר זענט באמת געווען אומדערטרעגלעך מיט אייער איינגעשפּאַרטן גלאָצן מיט די אויגן.

— זייט מוחל, — האָט ער געזאָגט, — איך האָב אַנדערש נישט געקאָנט... איר האָט אויסגעזען, ווי איר וואָלט זיך שלעכט געפילט.

— נו, און אויב טאַקע יאָ? — האָט זי געזאָגט.

— איך קאָן דערויף נישט קוקן. ווען איר זעט ווי עמעצער טרינקט זיך, וואָלט איר אים אויך דערלאַנגט די האַנט.

— איך? זאָל גאָט אָפּהיטן, — האָט זי געזאָגט, — איך וועל נאָך נידעריקער אַראָפּשטופּן זיין קאָפּ אונטערן וואַסער, כדי עס זאָל גיכער נעמען אַ סוף.

זי האָט עס געזאָגט מיט אַ געמיש פון ביטערקייט און הומאָר, און ווען קריסטאָף האָט זי אָנגעקוקט דערשראָקן האָט זי זיך צעלאַכט. ס'איז אָנגעקומען דער צוג. אַלע וואַגאָנעס אויסער דעם לעצטן זע־נען געווען פאַרנומען. זי איז אַריין אין וואַגאָן. דער קאָנדוקטאָר האָט צוגעאיילט. קריסטאָפן איז נישט געגאַנגען אין לעבן צו פירן מיט איר דעם זעלבן שמועס, און ער האָט געוואָלט אויפזוכן אַ נייעם קופּע. נאָר זי האָט געזאָגט:

— קומט אַריין אַהער.

ער האָט עס געטון.

— היינט שטערט איר מיר נישט, — האָט זי געזאָגט.

זיי האָבן צוזאַמען געפּלוידערט. קריסטאָף האָט איר ערנסט געוואָלט באַווייזן, אַז מען קאָן נישט פאַרבייגיין גלייכגילטיק קיין מענטשן, אַז מען קאָן זיך קעגנזייטיק טון זייער פיל גוטס, העלפן, טרייסטן...

— טרייסט, — האָט זי געזאָגט — דאָס ציט מיך נישט.

און ווען קריסטאָף איז געבליבן ביי זיין מיינונג, האָט זי מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— אָ, יאָ. די ראָל פון אַ טרייסטער איז זייער נוצלעך, זי ברענגט דעם טרייסטער נוצן...

ס'האָט געדויערט אַן אויגנבליק, איידער ער האָט תּופס געווען, וואָס זי מיינט. ווען ער האָט זיך געכאַפּט אין דעם פאַרדאַכט, אַז ער האָט געזוכט זיין אייגענעם נוצן, בעת באמת האָט ער געטראַכט נאָר וועגן איר, האָט ער זיך האַסטיק אַ הויב געטון פון אָרט, אויפגעריסן די טיר פון וואַגאָן און געוואָלט אַרויסשטייגן אין מיטן פאָרן פון צוג. זי האָט אים קוים געקאָנט אָפּהאַלטן. זייער אויפגערעגט האָט ער זיך געזעצט און פאַרמאַכט די טיר פון וואַגאָן בעת דער צוג איז גראָד דורכגעפאָרן אַ טונעל.

— איר זעט, — האָט זי געזאָגט, — איר האָט געקאָנט מיטן לעבן באַצאָלן.

— איך פייף אויף דעם.

ער האָט אייגנטלעך מער מיט איר נישט געוואָלט רעדן.

— די וועלט איז צו נאַריש, — האָט ער געזאָגט. — מען דערגייט איינער דעם צווייטן די יאָרן, מען ליידט אַליין און ווען מען וויל אַמאָל יענעם העלפן, איז מען אים נאָך חושד. דאָס איז עקלדיק, אַזעלכע מענטשן זענען גאָר קיין מענטשן נישט.

זי האָט אים לאַכנדיק געפּרוווט באַרויקן, אַרויפגעלעגט איר האַנט אויף זיינע, געריידט צו אים פריינטלעך און אים אָנגערופן ביים נאָמען.

— ווי? איר קענט מיך? — האָט ער געפרעגט.

— אין פּאַריז קען מען די גאַנצע וועלט, איר זענט דאָך אויך פון די קולטור-בויער. ס'איז געווען זייער נישט ריכטיק פון מיר עס אייך צו זאָגן. איר זענט באמת זייער אַ ווילער מענטש, ווי איך

זע. נו, אָבער באַרויקט זיך און לאָמיר מאַכן שלום.

זיי האָבן זיך דערלאַנגט די הענט און פריינטלעך געפּלוידערט.

זי האָט געזאָגט:

— איר זעט, דאָס איז נישט מיין שולד. כ׳האָב געהאַט אַזוי פיל דערפאַרונגען מיט מענטשן, אַז איך האָב נישט קיין צוטרוי צו קיינעם.

— מיך האָבן זיי אויך זייער אָפט אַנטוישט, — האָט קריסטאָף געזאָגט. — אָבער איך גיב זיי נאָך אַלץ קרעדיט

— איך זע שוין, איר קאָנט אַראָפּשלינגען אַ פיינע פּאָרציע.

ער האָט געלאַכט:

— יאָ, דאָס האָב איך אין מיין לעבן אָפט געמוזט טון. אָבער עס מאַכט נישט אויס. איך האָב אַ גוטן מאָגן. איך שלינג אַפילו האַרטע ביסן, למשל, נויט. און ווען ס׳איז נויטיק שלינג איך אויך אַראָפּ די עלנטע און נויטבאַדערפטיקע, וואָס וואַרפן זיך מיר אָן. דערביי פיל איך זיך מיר אויסערגעוויינלעך גוט.

— אייך איז גוט. — האָט זי געזאָגט, — איר זענט אַ מאַן.

— און איר זענט אַ פרוי.

— אָט אין דעם גייט עס.

— פאַרקערט, עס איז זייער שיין, — האָט ער געזאָגט — און עס קאָן זיין זייער גוט!

זי האָט געלאַכט.

— עס קאָן, — האָט זי געזאָגט, — אָבער וואָס וועט דערויף זאָגן די וועלט?

— מען מוז זיך פאַרטיידיקן.

— אָבער דעמאָלט וועט פאַרביי דאָס גליק.

— ווען דער קאַמף דויערט צו לאַנג, דאָס איז אמת.

— דאָס איז שוין מעגלעך. מען דאַרף אָבער אויך נישט צופיל ליידן, דערפון דאַרט איין די נשמה.

ער האָט זי ווידער געוואָלט טרייסטן, נאָר ער האָט זיך צו דער רעכטער צייט דערמאָנט, ווי זי האָט עס אויפגענומען...

— צי וועט איר איצט אויך זאָגן, אַז איך נוץ אויס די ראָל פון אַ טרייסטער?

— ניין, — האָט זי געזאָגט, — איך וועל עס מער נישט זאָגן. איך פיל, אַז איר זענט גוט, אַז איר זענט אויפריכטיק, איך דאַנק

:אָר זאָגט מיר גאָרנישט, איר קאָנט נישט וויסן... איך דאַנק אייך...
זיי זענען אָנגעקומען קיין פּאַריז און זיך צעשיידט. זיי האָבן זיך אַפילו די אַדרעסן נישט געגעבן און נישט איינגעלאַדן איינער דעם צווייטן אויף אַ באַזוך.

אין אַ חודש אָדער צוויי אַרום איז זי געקומען און האָט אָנ-געקלונגען אין קריסטאָפס טיר.
— איך בין געקומען צו אייך, ווייל איך האָב געפילט אַ באַ-דערפעניש מיט אייך אַ ביסל צו פּלוידערן. זינט אונזער באַגעגעניש האָב איך אָפטמאָל געטראַכט וועגן אייך.
זי האָט זיך געזעצט.
— נאָר אַן אויגנבליק, איך וועל זיך לאַנג נישט פאַרהאַלטן.
ער האָט געוואָלט נעמען רעדן, נאָר זי האָט געזאָגט:
— וואַרט אַ ווייל, גוט?
זיי האָבן געשוויגן. דערנאָך האָט זי מיט אַ שמייכל געזאָגט:
— איך האָב מער נישט געקאָנט. איצט איז מיר שוין בעסער.
ער האָט זי געוואָלט פרעגן:
— ניין, — האָט זי געזאָגט, — מען דאַרף נישט.
זי האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער, באַטראַכט אַלע זאַכן, געמאַכט אויף אַלץ באַמערקונגען, און לסוף גענומען אין האַנט לואי-זעס פאָטאָגראַפיע.
— דאָס איז מסתמא אייער מוטער? — האָט זי געפרעגט.
זי האָט גענומען דאָס בילד און עס מיט מיטלייד באַטראַכט.
— די גוטע, אַלטע פרוי, — האָט זי געזאָגט, — אייך איז גוט.
— אַך, ליידער איז זי טויט.
— דאָס מאַכט נישט אויס, איר האָט זי לפּחות געהאַט.
— נו, און איר?
אָבער זי האָט געקנייטשט דעם שטערן און נישט געענטפערט.
זי האָט נישט געוואָלט רעדן וועגן איר פּריוואַט-לעבן.
— ניין, לאָמיר רעדן וועגן אייך, דערציילט מיר עפּעס, עפּעס פון אייער לעבן.

— ווי קאָן עס אײַך אינטערעסירן?

— וואָס אַרט אײַך? דערצײלט.

ער האָט נישט געוואָלט רעדן; ער האָט אָבער געמוזט ענט־פערן אויף אירע פראַגן, און זי האָט אים זייער קלוג אויסגעפרעגט. און אָט אַזוי האָט ער זיך פאַראַטן מיט אַ זאַך, וואָס האָט אים פאַרשאַפט אַ סך צער: די געשיכטע פון זיין פריינטשאַפט מיט אָלי־ווירן, וואָס האָט זיך פון אים דערווייטערט. זי האָט אים אויסגע־הערט מיט מיטלייד און עטוואָס שפּאָטיש געשמייכלט. פּלוצלינג האָט זי אַ פרעג געטון:

— וויפל איז דער זייגער? אַך, גאָט מיינער, שוין צוויי שעה ווי איך זיץ דאָ!.. זייט מיר מוחל... אַך, ווי דאָס האָט מיך אָפּ־געפרישט.

זי האָט צוגעגעבן:

— איך וואָלט זייער גערן געקומען צו אײַך נאָך אַמאָל... נישט אָפּט... נאָר אַמאָל... דאָס וועט מיר זייער גוט מאַכן! אָבער איך וויל אײַך נישט נודזשען און נישט צונעמען ביי אײַך קיין צייט. נאָר פון צייט צו צייט אַ רגע.

— איך וועל קומען צו אײַך, — האָט קריסטאָף געזאָגט.

— ניין, ניין, צו מיר נישט. איך וועל קומען צו אײַך. דאָס איז פאַר מיר בעסער.

אָבער אַ לאַנגע צייט איז זי מער נישט געקומען. איינמאָל איז אָוונט האָט ער זיך צופעליק דערוווּסט, אַז זי איז ערנסט קראַנק און אַז זי שפּילט נישט שוין לאַנגע וואָכן. נישט געקוקט אויף איר פאַר־באָט איז ער דאָך אַוועקגעגאַנגען צו איר. מ'האָט קיינעם נישט צוגע־לאָזן צו איר. נאָר אַזוי ווי ער האָט געזאָגט זיין נאָמען, האָט מען אים צוריקגערופן פון די טרעפּ. זי איז געלעגן צו בעט, נאָר גע־פילט זיך אַ סך בעסער. זי האָט געהאַט אַ לונגען-אַנטצינדונג און האָט זיך שטאַרק געענדערט, אָבער זי האָט נאָך אַלץ געהאַט דעם שפּאָטישן אויסדרוק און דעם שאַרפן בליק. זי האָט זיך באמת שטאַרק דערפרייט מיט קריסטאָפס באַזוך, זי האָט זיך אים געהייסן זעצן

לעבן בעט. זי האָט אים שפּאַסנדיק און פריי דערציילט וועגן זיך, אַז זי האָט שוין געהאַלטן ביים שטאַרבן. ער האָט אַרויסגעוויזן געדירטקייט, וואָס האָט אַרויסגערופן ביי איר חוזק. ער האָט איר פאָרגעוואָרפן, פאַרוואָס זי האָט אים נישט געגעבן צו וויסן.

— געבן אייך צו וויסן? כדי איר זאָלט באַלד קומען צולויפן? קיינמאָל אין לעבן נישט.

— איך קאָן זיך וועטן, אַז איר האָט וועגן מיר קיין איינמאָל נישט קיין טראַכט געטון.

— און איר האָט געוווּנען. — האָט זי מיט אַ שפּאָטישן אַ ביסל טרויעריקן שמייכל געזאָגט. — בעת מיין קראַנקהייט האָב איך וועגן אייך קיין מינוט נישט קיין טראַכט געטון. נאָר פּונקט היינט. נו, נעמט זיך עס נישט צום האַרצן, ווען איך בין קראַנק, טראַכט איך וועגן קיינעם נישט. איך פאַרלאַנג דעמאָלט פון די מענטשן נאָר, זיי זאָלן מיך צורו לאָזן. איך דריי זיך אויס מיט דער נאָז צוב וואַנט און וואַרט. איך וויל זיין אַליין. איך וויל אַליין אויסגיין, ווי אַ שטשור.

— עס איז דאָך אָבער שרעקלעך צו ליידן אַליין.

— איך בין געוווינט דערצו. יאָרן לאַנג בין איך געווען אומגליקלעך, און קיין מענטש איז מיר צו הילף נישט געקומען. איצט בין איך שוין געוווינט... ס'איז גלייכער אַזוי. קיינער קאָן דאָך קיינעם נישט העלפן. מען מאַכט נאָר אָן אַ ליאַרם אין צימער, מען דרייט זיך כלומרשט אַרום מיט אַ פאַלשן געוויין... ניין, איך וויל שוין בעסער שטאַרבן אַליין.

— איר זענט פאַרצווייפלט.

— פאַרצווייפלט? איך ווייס אפילו נישט, וואָס דאָס וואָרט באַדייט, ניין, איך פרעס צונויף די ציין און איך האַס דאָס שלעכטס, וואָס טוט מיר וויי.

ער האָט זי געפרעגט צי עמעצער באַזוכט זי, צי עמעצער אינטערעסירט זיך מיט איר. זי האָט געענטפערט, אַז אירע טעאַטערקאָלעגן זענען גאַנץ ווילע מענטשן, — אפילו גרויסע נאַראָנים, נאָר דאָך פריינטלעך צו איר, מיט אַן אויבערפלעכלעכער פריינטלעכקייט... אָבער דאָך פריינטלעך.

— אָבער איך זאָג אייך דאָך, אַז איך וויל זיי ביי זיך נישט זען. איך בין אַן אומדערטרעגלעכער מענטש.

— איך וואָלט זיך דערמיט אַן עצה געגעבן, — האָט ער גע־זאָגט.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט מיטלייד.

— איר רעדט שוין אויך אַזוי, ווי די אַנדערע.

ער האָט געזאָגט:

— זייט מוחל, זייט מוחל, גאָט מיינער. איך בין אויך געוואָרן אַ פּאַריזער! איך שעם זיך. איך שווער אייך, אַז איך האָב דערביי קיין שום כּוונות נישט געהאַט.

ער האָט איינגעגראָבן דאָס פּנים אין דער קאָלדרע. זי האָט זיך פריי צעלאַכט און אים אַ קלאַפּ געטון איבערן קאָפּ

— נו, אָט די ערקלערונג איז, לפּחות, נישט פּאַריזעריש! ס׳איז פּונקט אין דער ריכטיקער צייט! אין דעם דערקען איך אייך ווידער. אַלזאָ הויבט אויף אייער פּנים צו דער ליכטיקער שיין, מאַכט מיר נישט נאַס די קאָלדרע מיט טרערן.

— האָט איר מיר מוחל געווען און פאַרגעסן?

— מוחל געווען און פאַרגעסן, אָבער הויבט נישט אָן נאָכאַמאָל פון אָנהויב.

זי האָט נאָך אַ ביסל געפּלוידערט, אויסגעפרעגט אים, וואָס ער טוט, דערנאָך איז זי מיד געוואָרן און האָט אים משלח געווען.

זיי האָבן אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט ווידער קומען זי זען די צווייטע וואָך, נאָר ווען ער איז שוין געווען כּמעט אויפן וועג צו איר, האָט ער באַקומען אַ טעלעגראַמע פון איר, ער זאָל נישט קו־מען, ווייל זי לעבט איבער איינעם פון אירע שלעכטע טעג; זי האָט אים איינגעלאַדן אויף איבערמאָרגן. זי איז שנעל געקומען צו זיך. זי איז געלעגן אויסגעשטרעקט ביים פענסטער. עס איז געווען ערב־פרי־לינג, דער הימל איז געווען פול מיט זון, די ביימער מיט יונגע קנאָספּן. זי איז געווען צו אים צוגענגלעכער און האַרציקער, ווי ביז איצט. זי האָט אים דערקלערט, אַז זי האָט לעצטנס קיינעם נישט געקאָנט פאַרטראָגן אַפילו אים אויך נישט.

— און היינט?

— און היינט פיל איך זיך גאַנץ יונג און גאַנץ פריש און איך פריי זיך מיט אַלץ, וואָס רינגלט מיך אַרום און וואָס איז פריש און יונג ווי איר.

— נו, איך בין שוין נישט אַזוי גאַנץ יונג און גאַנץ פריש.

— איר וועט עס זיין ביז אייער טויט.

זיי האָבן גערעדט דערפון, וואָס ער האָט געטון די גאַנצע צייט, דערנאָך וועגן טעאַטער, ווו זי האָט ווידער געדאַרפט אָנהויבן אירע אויפטריטן. ביי דער געלעגנהייט האָט זי אים געזאָגט, וואָס זי טראַכט וועגן טעאַטער: אין גרונט איז ער איר נישט צום האַרצן, נאָר זי קאָן פון אים נישט לויז ווערן.

זי האָט נישט געוואָלט, ער זאָל צו איר אָפט קומען און צוגע־זאָגט, אַז וועט אים ווידער באַזוכן, זי האָט נאָר מורא געהאַט טאָמער שטערט זי אים. ער האָט איר געזאָגט אין וועלכער צייט זי קאָן זיין, כדי אים נישט צו שטערן אין דער אַרבעט. זיי האָבן אָפּגערעדט אַ צייכן, זי האָט געוואָלט אויף אַ באַשטימטן אופן אָנקלאַפּן אין טיר: דעמאָלט וועט ער עפענען אָדער נישט, ווי ער וועט וועלן...

אין אָנהויב האָט זי נישט אויסגענוצט דעם אָפּמאַך. נאָר איינ־מאָל, ווען זי איז גראָד געווען אויפן וועג צו אַן אָוונט, ווו זי האָט געזאָלט דעקלאַמירן, האָט זי אין לעצטן אויגנבליק פאַרלוירן דעם חשק דערצו. זי האָט טעלעפאָנירט, אַז זי קאָן נישט קומען און איז אַוועקגעפאָרן צו קריסטאָפן, זי האָט געהאַט בדעה נאָר אַריינצוגיין אויף אַ ווײַלע און אים צו זאָגן גוטן־אָוונט. נאָר גראָד אין דעם אָוונט האָט זי אים אויפגעעפנט איר האַרץ און דערציילט די געשיכ־טע פון איר לעבן פון איר קינדהייט אָן.

אַ טרויעריקע קינדהייט! זי האָט געהאַט אַ צופעליקן פאָטער, וועלכן זי האָט נישט געקענט, און אַ מוטער, וואָס האָט אין אַ צפון־פראַנצויזישער שטאָט געהאַט זייער אַ פאַרדעכטיקע קרעטשמע. די פורמאַנעס האָבן דאָרט געטרונקען שנאַפּס, געשלאָפן מיט דער באַ־לעבאָסטע און זי געשלאָגן. איינער פון זיי האָט חתונה געהאַט מיט איר, ווייל זי האָט געהאַט אַ פּאָר גראָשן. ער האָט זי געשלאָגן און געשיכּורט. פראַנסואַז האָט געהאַט אַן עלטערע שוועסטער, וואָס איז געווען אין שענק אַ דינסט־מויד, זי האָט שרעקלעך געליטן. דער באַלעבאָס האָט זי אין די אויגן פון איר מוטער געמאַכט פאַר זיין געליבטע. זי איז קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט און איז גע־

שטאָרבן. פראַנסואַז איז אויפגעוואַקסן אין דער סביבה פון געשלעגן און געמיינהייטן. זי איז געווען אַ בלייך, פאַרביטערט, פאַרשלאָסן קינד, מיט אַ גליענדיקער, ווילדער נשמה. זי האָט געזען, ווי איר מוטער און שוועסטער ליידן, געבן זיך אונטער דעם גורל, דערנידעריקן זיך און שטאַרבן. ס'האָט זי באַהערשט אַן עקשנותדיקער ווילן זיך נישט אונטערצוגעבן, און אַרויסצורייסן זיך פון דער געמיינער סביבה. זי איז בטבע געווען בונטאַריש. ביי געוויסע אומגערעכטיקייטן פלעגט זי באַקומען אַ נערוון-אָנפאַל. ווען מ'האָט זי געשלאָגן האָט זי געדראַפּעט מיט די נעגל און געביסן. איינמאָל האָט זי זיך געוואָלט הענגען, נאָר ס'איז איר נישט געלונגען. זי האָט עס קוים געפּרוווט טון — און באַלד חרטה געהאַט. זי האָט מורא געהאַט טאָמער האָט זיך עס איינגעגעבן. שוין האַלב דערשטיקט האָט זי אויפגעבונדן די שנור מיט אירע ציטערדיקע פאַרגליווערטע פינגער: ס'האָט אויפגעשטראָמט אין איר אַ ריזיקער פאַרלאַנג צום לעבן. און אַזוי ווי זי האָט דורך דעם טויט נישט געקאָנט אַנטלויפן פון זיך אַליין, האָט זי געשווירן, אַז זי מוז זיגן, ווערן פריי און רייך און צעטרעטן מיט די פיס אַלע, וואָס האָבן זי אונטערגעדריקט. (קריסטאָף האָט טרויעריק געשמייכלט, ער האָט זיך דערמאָנט ענלעכע גייסטיקע צושטאַנדן פון זיין אייגענעם לעבן). דאָס האָט זי זיך אַ געוויסן אָוונט געשווירן, בעת פון דעם שכּנותדיקן צימער האָבן זיך דערטראָגן די קללות פון דעם מאַן, די געשרייען פון איר געשלאָגענער מוטער און דאָס געוויין פון איר שוועסטער. ווי שרעקלעך דאָס איז געווען. און דאָך האָט איר די שבועה גרינגער געמאַכט אויפן האַרצן. זי האָט פאַרביסן די ציין און האָט געטראַכט:

— כ'וועל אייך אַלע בויגן צו דער ערד!

אין דער דאָזיקער פינסטערער קינדהייט איז געווען איין ליכטיקער שטראַל:

איינמאָל האָט זי איינער אַ חברה-מאַן, מיט וועלכן זי האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן, דער זון פונם טעאַטער-וועכטער, מיטגענומען מיט זיך אויף אַ פּראָבע אין טעאַטער, כאָטש דאָס איז געווען פאַרווערט. זיי זענען געשטאַנען אין דער פינסטער, הינטער דעם גאַנצן עולם. די מיסטעריע פון דער בינע, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון דער טונקלקייט, די גרויסאַרטיקע און אומפאַרשטענדלעכע זאַכן, וואָס די מענטשן האָבן גערעדט, די קעניגלעכע מינע פון דער אַרטיסטין,

וואָס האָט גראָד געשפּילט די ראָל פון אַ קעניגן אין אַ ראָמאַנטישער־סענסאַציאָנעלער דראַמע, — דאָס אַלץ האָט געמאַכט אויף איר דעם טיפסטן איינדרוק, זי איז פאַרגליווערט געוואָרן פון אויפרעגונג, און דאָס האַרץ האָט איר געקלאַפּט ווי אין וואַנזין... יאָ, אָט דאָס איז עס, צו וואָס זי איז באַשטימט!... אָ, ווען זי קען עס ווערן!

ווען די כּראָבע האָט זיך געענדיקט, האָט זי פאַר יעדן פּרייז געוואָלט בלייבן אויף דער אָוונט־פאָרשטעלונג. זי האָט געלאָזט איר באַגלייטער גיין פאָרויס, גלייך ווי זי וואָלט אים נאָכגעגאַנגען. דער־נאָך האָט זי זיך אַריינגעגליטשט אין טעאַטער און איז אַרונטערגע־קראָכן אונטער אַ באַנק. אָט אַזוי איז זי געבליבן אומבאַוועגלעך ליגן גאַנצע דריי שעה און געשטיקט זיך אין שטויב. ווען די פאָרשטעלונג האָט זיך שוין געדאַרפט אָנהויבן, איז זיך צונויפגעקומען אַן עולם און מ׳האָט זי אַרויסגעשלעפּט פון איר באַהעלטעניש. צו איר גרעסטן ווייטיק, אונטער אַלגעמיינע געלעכטערס האָט מען זי אַרויסגעוואָרפן אין דרויסן און געבראַכט אַהיים, וווּ זי האָט אַריינגעכאַפּט די ריכ־טיקע שמיץ. אין יענער נאַכט וואָלט זי זיכער געשטאָרבן, ווען נישט איר פעסטער באַשלוס אַלעמען צו באַהערשן און זיך אָן זיי נוקם צו זיין.

איר פּלאַן איז געווען אַ פעסטער. זי האָט זיך פאַרדונגען פאַר אַ דינסט־מיידל אין האָטעל און קאַפע ביים טעאַטער, וווּ די אַקטיאָרן האָבן געוווינט. זי האָט קוים געקענט לייענען און שרייבן, נאָך גאָר־נישט געהאַט געלייענט, אָבער זי האָט געוואָלט זיך עפּעס אויסלער־נען און גענומען זיך דערצו מיט פאַרצווייפלטן פלייס. זי האָט אַרויס־גענומען ביכער פון די גאַסט־צימערן און געלייענט זיי ביים שיין פון דער לבנה אָדער באַגינען, כּדי איינצושפּאָרן ליכט. ביי דער אומ־אָרדנונג פון די אַקטיאָרן האָט מען די גנבות נישט באַמערקט און ס׳האָט זיך אויסגעלאָזן נאָר מיט די קללות פון די אייגנטימער. אגב, נאָך דעם איבערלייענען האָט זי אָפט געבראַכט די ביכער צוריק, אויסער איין בוך אָדער צוויי, וואָס האָבן זי טיף געריהרט און זי האָט זיך נישט געקאָנט מיט זיי שיידן, זי האָט זיי אָבער געבראַכט נישט אין אָרדנונג: די זייטן, וואָס זענען איר געפעלן געוואָרן האָט זי אַרויסגעריסן, ווען זי האָט די ביכער געבראַכט צוריק אין צימער, האָט זי זיי אַרונטערגעלעגט אונטערן בעט אָדער אונטער אַן אַנדער מעבל, כּדי מען זאָל מיינען, אַז קיינער האָט זיי פון צימער נישט

אַרויסגענומען. זי האָט זיך טיילמאָל צוגעהערט הינטערן טיר, ווי די אַקטיאָרן שטודירן־איין זייערע ראָלן. און ווען זי איז אַליין געווען אין קאָרידאָר און פאַרקערט דעם דיל, האָט זי נאָכגעמאַכט יענעמס טאָן און די זשעסטן, מ'האָט זי איינמאָל דערביי געכאַפּט, אויסגעלאַכט זי און געחוזקט פון איר. זי האָט געשוויגן פול מיט צאָרן. — אַט אַזאַ אָרט דערציונג וואָלט געדויערט נאָך זייער לאַנג, ווען זי וואָלט איינמאָל נישט באַגאַנגען קיין אומפאָרזיכטיקייט: זי האָט אַרויסגעגנבעט פון אַ צימער די ראָל פון אַן אַקטיאָר. דער אַקטיאָר איז געווען אויסער זיך. אין זיין צימער איז קיינער נישט געווען אויסער דעם דינסטמיידל און ער האָט זי באַשולדיקט. זי האָט מיט חוצפּה געלייקנט. ער האָט געדראָט, אַז ער וועט זי באַזוכן. דעמאָלט איז זי אים געפאַלן צו די פיס, אַלץ מודה געווען, אפילו דערציילט וועגן אַנדערע גנבות און די אַרויסגעריסענע בלעטער. מיט איין וואָרט — אַלע אירע זינד. ער האָט שרעקלעך געשאָלטן, נאָר בטבע איז ער געווען בעסער, ווי ער האָט זיך אויסגעוויזן. ער האָט זי געפרעגט צו וואָס זי האָט דאָס געדאַרפט האָבן. ווען זי האָט אים געזאָגט, אַז זי וויל ווערן אַן אַרטיסטין, האָט ער מוראדיק געלאַכט. דערנאָך האָט ער זי גענויער אויסגעפרעגט, און זי האָט אים ציטירט גאַנצע זייטן, וואָס זי האָט זיך אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק. ער איז געווען פאַרחידושט און ער האָט געזאָגט:

— הער נאָר, ווילסטו איך זאָל דיך לערנען?

זי איז געווען אויפן זיבעטן הימל און אים געקושט די הענט.

— אָך, — האָט זי געזאָגט צו קריסטאָפן, — ווי וואָלט איך אים אומענדלעך ליב געהאַט! אַבער ער האָט צוגעגעבן צו זיין פאָרשלאַג:

— דו ווייסט, נאַטירלעך, מיין קינד, אַז אומזיסט טוט מען קיין זאַך נישט.

זי איז נאָך געווען אומשולדיק. אַלע אָנגריפן האָט זי אָפּגעשטויסן מיט ווילדן צאָרן. פון קינדווייז אָן האָט זי געפילט אַן עקל צו די טרויעריקע סצענעס, וואָס זי האָט געזען אין שטוב, און דעריבער האָט זי געפילט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו ריינקייט, אַ פאַרלאַנג אויסצומיידן יעדע שמוציקע באַרירונג, יעדע נידעריקע זינלעכקייט אָן ליבע: — זי האָט עס נאָך אַלץ פאַרמאָגט ביז דעמאָלט... אומגליקלעכע! זי האָט געמוזט פאַלן אַ קרבן.

— און איר האָט איינגעשטימט? — האָט קריסטאָף געפרעגט.
— אַך, — האָט זי געזאָגט — איך וואָלט אין פייער געשפּרונגען, אַבי צו געפינען אַן אויסוועג. ער האָט געדראָט, אַז ער וועט מיך אַריינזעצן אין תפיסה אַלס אַ גנבטע. איך האָב קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. אָט אַזוי בין איך אַריינגעפירט געוואָרן אין דער קונסט... און אין לעבן...
— אויסוואורף! — האָט קריסטאָף געמורמלט.
— יאָ, איך האָב אים געהאַסט. אָבער כ'האָב ביז יענער צייט געזען אַזוי פיל ענלעכע מענטשן, אַז כ'האָב אים נאָך נישט געהאַלטן פאַרן ערגסטן. ער האָט, לפּחות, געהאַלטן וואָרט: האָט מיך אויסגעלערנט זיין אַקטיאָרן־מלאכה אויף וויפיל ער האָט זי אַליין געקענט (גראָד נישט אַזוי פיל), ער האָט מיך אַרויסגעפירט אויף דער בינע. אין אָנהויב האָט מען זיך באַנוצט מיט מיר צו אַלץ. כ'האָב געשפּילט די ערגסטע ראָלן. נאָר איינמאָל אין אָוונט איז די סוברעטין פּלוצלינג קראַנק געוואָרן, און מען האָט זיך דערוועגט מיר איבערצוגעבן איר ראָל. פון דעמאָלט אָן האָב איך געשפּילט ווייטער. מ'האָט איינגעפונען, אַז איך בין אומעגלעך, לעכערלעך, משונהדיק. איך בין דעמאָלט געווען מיאוס און בין אַזוי געבליבן ביז דעם טאָג, ווען מ'האָט מיך פּלוצלינג אָנערקענט — אויב נישט פאַר „געטלעך" ווי אַנדערע — איז אַלנפאַלס פאַר דער פרוי פון דעם העכסטן און אידעאַלסטן זין פון וואָרט... שוטים! — וואָס שייך מיין שפּילן — האָט מען געפונען, אַז ס'איז פול מיט פעלערן און איבערגעטריבן. דער עולם האָט מיך נישט געוואָלט אָנקוקן. די קאָלעגן האָבן זיך לוסטיק געמאַכט איבער מיר. מ'האָט מיך פונדעסטוועגן געהאַלטן! ווייל כ'האָב געקאָנט ברענגען נוצן און בין געווען ביליק. איך האָב נישט נאָר ווייניק געקאָסט, נאָר אַליין געצאָלט אַ סך רבי־געלט. אַך! יעדן אויפטריט האָב איך אויף טריט און שריט געמוזט באַצאָלן מיט ביטערע ליידן, מיט מיין אייגענעם קערפּער. די קאָלעגן, דער דירעקטאָר, דער אימפּרעסאַריאָ, דעם אימפּרעסאַריאָס פריינט...
זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, בלייך מיט צונויפגעפּרעסטע ליפּן, מיט אַ פאַרטראַכטן בליק. אָבער מען האָט געפילט, אַז איר נשמה וויינט מיט ביטערע טרערן. ווי אונטער אַ בליץ־שטראַל האָט ווידער אויפגעלעבט אין איר די גאַנצע שאַנד פון איר פאַרגאַנגנהייט, אָבער אויך דער עקשנותדיקער ווילן, וואָס האָט איר געגעבן מוט, און וואָס

האָט בײַ יעדן פרישן בזיון, וואָס זי האָט געמוזט פאַרטראָגן, נאָך שטאַרקער געפירט זי צום ציל. וויפל מאָל האָט זי געוואָלט שטאַרבן! אָבער ווי שרעקלעך וואָלט עס געווען אונטערצוגיין אין מיטן די דאָזיקע מאַטערנישן. נעמען זיך דאָס לעבן פריער — יאָ! אָדער נאָכן דערגרייכטן נצחון. אָבער נישט ווען מ'האָט זיך שוין דערנידעריקט און דעם ציל נאָך נישט דערלאַנגט...

זי האָט געשוויגן. קריסטאָף איז בייז אַרומגעלאָפן איבערן צימער אַהין און צוריק. ער וואָלט דערהרגעט יענע מענטשן, וואָס האָבן אָנגעטון דער פרוי אַזוי פיל יסורים און פאַרשלעפּט זי אין אַ זומפּ. ער האָט זי אָנגעקוקט מיט טיפן מיטלייד. און שטייענדיק פאַר איר, האָט ער גענומען איר קאָפּ צווישן זיינע הענט, מיט ליבע אַ גלעט געטון איבער אירע שלייפן און שטערן און געזאָגט:

— אָרעם, אָרעם קינד!

זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג זיך צו ווערן. ער האָט געזאָגט:

— האָט נישט קיין מורא פאַר מיר, איך האָב אייך באמת ליב.

דעמאָלט האָבן טרערן גענומען רינען איבער פראַנסואַזס בלייכע באַקן. ער האָט אַראָפּגעקניט און געקושט די שיינע, שמאָלע, איידעלע הענט, וואָס זענען געווען באַגאָסן מיט טרערן.

דעמאָלט האָט ער זיך ווידער אַוועקגעזעצט. זי האָט ווידער נעוווּנען דאָס גלייכגעוויכט און גענומען ווייטער רויק דערציילן איר געשיכטע.

לסוף האָט זי איינער אַ דיכטער דערפירט צו איר הויכן מצב. ער האָט אין דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער באַשעפעניש אַנטדעקט אַ דעמאָן און אַ זשעני — נאָך מער, „אַ טעאַטער־טיפּ, אַ נייע פרוי, וואָס איז די רעפּרעזענטאַנטין פון אַ גאַנצער עפּאָכע". נאַטירלעך, האָט ער זי פריער געמאַכט פאַר זיין געליבטע, ווי פיל אַנדערע פאַר אים. און זי האָט זיך אים, ווי אַזוי פיל אַנדערע, איבערגעגעבן אָן ליבע און אפילו מיט האַס. אָבער ער האָט פאַרשפּרייט איר רום און זי — זיינעם.

— אָבער איצט, — האָט קריסטאָף געזאָגט, — קאָן קיינער צו אייך גאָרנישט האָבן און איר קאָנט טון, וואָס אייער האַרץ גלוסט.

— גלויבט איר טאַקע באמת אין דעם? — האָט זי ביטער געפרעגט.

און זי האָט אים דערציילט — נאָכאַמאָל די איראָניע פון גורל — פון איר ליבע צו אַ געוויסן אויסוואורף, וואָס באמת פילט זי צו

אים אַ פאַראַכטונג: אַ ליטעראַט, וואָס האָט זי אויסגענוצט, אַרויסגע־נאַרט פון איר אירע ווייטיקלעכסטע סודות, פאַרעפנטלעכט זיי און דערנאָך זי פאַרלאָזן.

— איך פאַראַכט אים, ווי די בלאָטע פון מיינע שיך. — האָט זי געזאָגט, — און איך ציטער פון צאָרן, בעת איך גיב אַ טראַכט, אַז איך האָב אים ליב. אַז ס'איז געווען אַ ווונק זיינער, איך זאָל לויפן צו אים און בויגן זיך פאַר דעם דאָזיקן אויסוואורף. אָבער וואָס זאָל איך טון? מיין האַרץ ליבט קיינמאָל נישט דאָס, וואָס עס פאַר־לאַנגט מיין גייסט. און איך מוז איינס פאַר דאָס אַנדערע מקריב זיין. איינס פאַר דאָס אַנדערע דערנידעריקן. איך האָב אַ האַרץ, איך האָב אַ קערפּער. און ביידע שרייען, זיי ווילן זיך באַטייליקן אין גליק. און איך האָב נישט קיין כח זיי צו צוימען. איך גלויב אין גאָרנישט. איך בין פריי... פריי? אַ שקלאַפין פון מיין האַרץ און פון מיין לייב בין איך, וואָס טוען שטענדיק קעגן מיין ווילן. זיי רייסן מיך מיט, און איך שעם מיך. אָבער וואָס קאָן איך טון?

זי איז אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן און מעכאַניש גע־גראַבלט מיט דער פייער־צוואַנג אין אַש.

— איך האָב שטענדיק געהערט, אַז די אַקטיאָרן פילן גאָרנישט.

— און די, וואָס איך קען, זענען באמת כמעט אַלע גרויסע קינדער, פול מיט אייגנליבע, וואָס זאָרגן העכסטנס וועגן אַ ביסעלע כבוד. איך וויים נישט: זענען זיי נישט קיין עכטע אַקטיאָרן אָדער איך? איך בין גרייט צו גלויבן, אַז איך בין עס נישט. אַלנפאַלס מוז איך ליידן פאַר אַנדערע.

זי האָט אויפגעהערט צו רעדן. עס איז געווען דריי ביינאַכט, זי האָט געוואָלט אַוועקגיין. קריסטאָף האָט איר פאָרגעלעגט־זי זאָל בלייבן ביז אינדערפרי און זיך לעגן אויף זיין בעט. נאָר זי האָט בעסער געוואָלט בלייבן זיצן אין לענשטול ביים פאַרלאָשענעם קאַמין. זי האָט רויק ווייטער געפּלוידערט. אַרום איז געווען שטיל.

— איר וועט מאָרגן זיין פאַרמאַטערט, — האָט זי געזאָגט.

— איך בין געוווינט דערצו. אָבער ווי איז עס מיט אייך? וואָס האָט איר מאָרגן צו טון?

— איך בין פריי. נאָר איין שעה, אַרום אַ זייגער עלף... און אַ חוץ דעם בין איך געמאַכט פון פעסטן האָלץ

— מסתמא שלאָפט איר גוט.

— יאָ. איך שלאָף ווי אַ געהרגעטע. קיין שום דאגה שטערט נישט מיין שלאָף. טיילמאָל בין איך פשוט אויפגעבראַכט, וואָס איך שלאָף אַזוי גוט. וויפיל שעהן פאַרלירט מען דערביי! עס פרייט מיך זייער, וואָס איך וועל, לפחות, איינמאָל זיך קאָנען נוקם זיין אין שלאָף און צוגנבענען ביי אים אַ נאַכט.

אַט אַזוי האָבן זיי ווייטער געפלוידערט אין דער שטיל מיט אַלץ לענגערע הפסקות. ביז קריסטאָף איז ענדלעך איינגעשלאָפן. פראַנסואַז האָט אַ שמייכל געטון, זי האָט אים אַרונטערגערוקט די קישן אונטערן קאָפּ, כדי ער זאָל נישט אַראָפּפאַלן אין אַ זייט... זי האָט זיך געזעצט ביים פענסטער און פאַרזונקען געוואָרן אין טרוימען, אַרויסגעקוקט צום טונקלען גאָרטן, ווו ס'האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו טאָגן, אַרום זיבן אַ זייגער האָט זי אויפגעוועקט קריסטאָפן און זיך געזעגנט מיט אים.

אין משך פון דעם חודש איז זי אפשר געקומען בייטאָג, ווען קריסטאָף איז גראָד נישט געווען אין שטוב, זי האָט געטראָפן די טיר פאַרשלאָסן. קריסטאָף האָט איר דעריבער געגעבן אַ שליסל פון טיר, כדי זי זאָל קאָנען אַריינקומען, ווען זי וויל. עטלעכע מאָל האָט באמת געטראָפן, אַז קריסטאָף איז נישט געווען אינדערהיים. דעמאָלט פלעגט זי איבערלאָזן אויפן טיש אַ בוקעט בלימלעך, אַ פּאָר ווערטער אויף אַ צעטעלע, אַ פּאָר שטריכן, אַ קליינע צייכענונג, אַ קאַריקאַטור, אַ סימן, אַז זי איז געוועזן.

און איינמאָל אין אָוונט איז זי געקומען נאָך דער טעאַטער-פאָרשטעלונג צו קריסטאָפן כדי מיט אים פריינטלעך צו פּלוידערן. זי האָט אים געטראָפן ביי דער אַרבעט. זיי האָבן געשמועסט.

אָבער באַלד ביי די ערשטע ווערטער האָבן זיי געפילט, אַז זיי זענען ביידע נישט אין דער זעלבער גליקלעכער שטימונג, ווי דאָס לעצטע מאָל. זי האָט געוואָלט גיין אָבער ס'איז געווען צו שפעט. קריסטאָף האָט איר דעם וועג נישט פאַרשטעלט. זי איז געבליבן מיט איר אייגענעם ווילן. אָט אַזוי זענען זיי געבליבן צוזאַמען און האָבן

געפילט, ווי ביסלעכווייז וואַקסט אַלץ שטאַרקער אין זיי דאָס באַגערן, און זיי האָבן זיך איינער דעם אַנדערן איבערגעגעבן.

נאָך יענער נאַכט זענען אַוועק לאַנגע וואָכן. אָבער ער, וואָס יענע נאַכט האָט דערוועקט אין אים די חושים, וואָס זענען לאַנגע חדשים געווען איינגעשלאָפן, האָט זיך שוין נישט געקאָנט אָן איר באַגיין. זי האָט אים פאַ־ווערט זי צו באַזוכן. ער איז געגאַנגען זי זען אין טעאַטער, באַהאַלטן זיך אויף אַ הינטערשטן פּלאַץ און פּשוט געברענט פון ליבע און אויפרעגונג. ער האָט געציטערט קוקנדיק אויפן טראַגישן פייער, וואָס זי האָט אַריינגעגאָסן אין אירע ראָלן. ער האָט דעם ברען געפילט אין זיך. לסוף האָט ער צו איר אָנגעשריבן:

— טייערע פריינדין, ביסטו בייז אויף מיר? זיי מיר מוחל. אויב איך האָב דיך מיט עפּעס אָנגערירט.

ווען זי האָט באַקומען די דאָזיקע באַשיידענע ווערטער, איז זי באַלד געקומען צולויפן און זיך אים געוואָרפן אין די אָרעמס.

— ס׳וואָלט געווען בעסער, ווען מיר בלייבן איינפאַכע פריינט. ס׳האָט זיך אָבער נישט איינגעגעבן. איצט האָט נישט קיין שום זין צו קעמפן מיט דער נויטווענדיקייט. זאָל געשען וואָס עס וויל זיך.

זיי האָבן געהערט איינער צום צווייטן. נאָר זיי האָבן ווייטער געוווינט יעדערער אין זיין וווינונג און יעדערער מיט זיין פרייהייט. פראַנסואַז וואָלט זיך בשום אופן נישט צוגעוווינט צו וווינען מיט קריסטאָפן צוזאַמען. ס׳איז נישט געווען צוגעפּאַסט צו איר גאַנצן אַרט לעבן. זי איז געקומען צו קריסטאָפן, פאַרבראַכט מיט אים אַ טייל פון אירע טעג און נעכט, אָבער יעדן טאָג האָט זי זיך אומגעקערט אַהיים און אויך אָפט פאַרבליבן אויף דער נאַכט ביי זיך.

בעת די פעריען־חדשים, ווען דאָס טעאַטער איז געווען פאַרמאַכט, האָבן זיי זיך צוזאַמען געדונגען אַ דירה אין דער געגנט פון פּאַריז, נאָענט צו זשיף. דאָרט האָבן זיי איבערגעלעבט גליקלעכע טעג, פול מיט אַרבעט און וואַרעמקייט. זיי האָבן געהאַט אַ שיין, העל צימער אויף אַ שטאָק, מיט אַ ווייטן, פרייען בליק צו די פעלדער.

ביינאַכט האָבן זיי דורך די שויבן געזען פון זייער בעט אַרויס, ווי עס ציען זיך מערקווירדיקע טונקעלע וואָלקנס איבערן מאַטן הימל. איינער אין דעם אַנדערנס אָרעמס האָבן זיי האַלב שלאָפנדיק געהערט די פּריילעכע פּלוידעריי פון די גרילן, און די רעגנטראָפּנס, וואָס האָבן גערוישט אויף די דעכער. דער אָטעם פון דער זומערדיקער ערד און בלומען, דער ריח פון פריש־געקאָסעטן היי האָט דורכגענו־מען דאָס הויז און זייערע קערפּער. די נאַכט שווייגט. דער שלאָף זאַלבעצווייט. שטילקייט. אַ בילעריי פון אַ הונט אין דער ווייטן. דער קריי פון אַ האָן. באַגינען. אַ צאַרטער גערויש קלינגט פון דעם ווייטן קירכנטורם אין דער גראָער קאַלטער מאָרגן־דעמערונג. די קערפּערס ציטערן אויף און טוליען זיך פול מיט ליבע איינס צום אַנדערן. אין די ווײַן־שפּאַליערן, וואָס געפינען זיך אויף די ווענט פון דעם הויז, דערוואַכן פויגל שטימען. קריסטאָף עפנט די אויגן, האַלט־איין דעם אָטעם און באַטראַכט גערירט דאָס פאַרמאַטערטע, פון ליבע בלאַסע פּנים פון זיין שלאָפנדיקער פריינדין.

זייער ליבע איז נישט געווען קיין עגאָיסטישע ליידנשאַפט. זי איז געווען אַ טיפע פריינטשאַפט, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט אויך זייערע קערפּער. זיי זענען זיך איינער דעם צווייטן נישט גע־פאַלן צו לאַסט. יעדערער האָט געאַרבעט פאַר זיך. פראַנסואַז האָט ליב געהאַט אין קריסטאָפן זיין טאַלענט, זיין גוטסקייט און די ריינ־קייט פון זיין כאַראַקטער. אין אַנדערע זאַכן האָט זי זיך געפילט עלטער פון אים, און האָט געפילט אין דעם אַ מוטערלעכע פרייד. ס'האָט איר וויי־געטון, וואָס זי פאַרשטייט נישט דאָס, וואָס ער שפּילט: די מוזיק איז געווען פאַר איר פאַרשלאָסן, אויסער אין זעלטענע מי־נוטן, ווען ס'האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ ווילדע אויפרעגונג, וואָס האָט זיך נישט גענומען פון דער מוזיק, נאָר פון איר אַליין און פון איר ליידנשאַפט, אַדורכדרינגענדיק נישט נאָר זי, נאָר אַלץ וואָס אַרום איר— ליידנשאַפט, מענטשן, פאַרבן און טענער. אָבער אויך דורך דער דאָזי־קער געהיימנישפולער שפּראַך, וואָס זי האָט נישט פאַרשטאַנען האָט זי געפילט קריסטאָפס גאונות, גלייך ווי זי וואָלט געזען אַ גרויסן אַק־

טיאָר שפּילן אין אַ פרעמדער שפּראַך. איר אייגענער טאַלענט איז באַלעבט געוואָרן. און קריסטאָף האָט געהאַט צו פאַרדאַנקען דער ליבע דאָס, וואָס ער האָט געקענט געשטאַלטן נייע געדאַנקען זיינע ליידנשאַפטלעכע עמפּינדונגען, אין דעם געדאַנק וועגן דער דראַמאַטישער פּרוי אונטערן איינדרוק פון איר געליבטער געשטאַלט. אַלץ איז אים איצטער אויסגעקומען שענער, פּונקט ווי ס'וואָלט געלעבט אין אים אַליין. ער האָט עס איצט געזען אין אַן אַלטער אין אַן אייביקער שיינקייט. אומדערשעפּלעכע שפּע האָט געשטראָמט צו אים פון דער דראַמאַטיקער נשמה, וואָס איז געווען ווייבלעך שוואַך און גוט און גרויזאַם און דורכגענומען פון געניאַלע געדאַנקען. זי האָט אים געגעבן אַ שליסל צום לעבן און צו די מענטשן און אויך צו די פרויען, וועלכע ער האָט נאָך זייער שלעכט געקענט, און זי האָט זיי מיט איר שאַרפן בליק דורכגענומען. קודם כל האָט ער זיך אַ דאַנק איר בעסער אויסגעלערנט צו פאַרשטיין דאָס טעאַטער. דורך איר איז ער אַריינגעדרונגען אין דער דראַמאַטיקער וואונדערבאַרער פאָלקאָמענסטער קונסט, וואָס איז די קאַרגסטע און גלייכצייטיק די רייכסטע קונסט אויף דער ערד. זי האָט אַנטפּלעקט פאַר אים די שיינקייט פון דעם דראַמאַטיקן פאַרכשופטן אינסטרומענט פון די מענטשלעכע חלומות — און זי האָט אים איבערצייגט, אַז ער מוז שרייבן פאַר דעם דראַמאַטיקן אינסטרומענט און נישט נאָר פאַר זיך אַליין, ווי ער האָט געהאַט אַ טבע — (די טבע פון זייער פיל קינסטלער, וואָס טוען נאָך בעטהאָווענס ביישפּיל אין „טראַכטן וועגן דער עלנטער פידל, ווען דער גייסט רעדט צו זיי"). אַ גרויסער דראַמאַטורג שעמט זיך נישט צו שרייבן פאַר אַ באַשטימטער בינע און צוצופּאַסן זיינע אידעען צו די אַקטיאָרן, וואָס זי פאַרמאָגט ער ווייס, אַז ער פאַרלירט דערמיט גאָרנישט און אַז אַ גרויסער טעאַטער־רוים פאַרלאַנגט אַנדערע אויסדרוקס מיטלען, ווי אַ קליינער; אַז אַ פלייט טאָר נישט אַזוי הילכיק שרייען ווי אַ טרומפּייט. פּונקט ווי דער פּרעסק, שעפּט אויס דאָס טעאַטער צום ריינסטן די קונסט. דעריבער איז עס די מענטשלעכסטע קונסט אין העכסטן זין פון וואָרט: דאָס איז די לעבעדיקע קונסט.

די געדאַנקען, וואָס פראַנסואַז האָט אויף אַזאַ אופן אויסגעדריקט, האָבן גוט געשטימט מיט די מיינונגען פון קריסטאָפן, וואָס האָט אין יענער צייט געשטרעבט צו אַן אַלגעמיינער קונסט, וואָס זאָל אים פאַרבינדן מיט די אַנדערע מענטשן. די דערפאַרונג פון פראַנסואַז האָט

אים אַנטפּלעקט דעם געהיימנישפולן צוזאַמענקלאַנג צווישן דעם פּובלי־קום און די אַקטיאָרן. אויב פראַנסואַז איז אַפילו געווען דורכויס רע־אַליסטיש און האָט זיך געמאַכט ווייניק אילוזיעס, איז זי אָבער גע־ווען איבערצייגט אין דער קעגנזייטיקער סוגעסטיווער קראַפט, דורך די כוואַליעס פון סימפּאַטיע, וואָס פאַרבינדן דעם אַקטיאָר מיט דער מאַסע. נאַטירלעך, האָט זי עס געפילט, ווי אַ זייער זעלטענע אויפלויכ־טונג, וואָס האָט קיינמאָל זיך כמעט נישט איבערגעחזרט ביי דעם זעלבן טעאַטער־שטיק און ביי דער זעלבער סביבה. אין דער איברי־קער צייט האָט געקאָנט זיין אַ רייד וועגן מלאכה אָן נשמה, וועגן דעם אויסגעקליגלטן און קאַלטן מעכאַניזם. אָבער דאָס אינטערעסאַנטע איז דאָך דער אויסנאַם — דער בליץ־שטראַל, וואָס ביי זיין שיין דערזעט מען דעם אָפּגרונט, די קאָלעקטיווע נשמה פון מיליאָנען באַשעפעניש, וואָס זייער קראַפט יוירט לאַנג ווי די אייביקייט.

אָט די קאָלעקטיווע נשמה דאַרף דער גרויסער קינסטלער ברענ־גען צום אויסדרוק. זיין אידעאַל דאַרף זיין לעבעדיק צו אָביעקטיווי־זירן זיך אַליין, כדי דער זינגער זאָל ווערן איינס מיט די, פאַר וועלכע ער זינגט, און ער זאָל באַפרייען זיך פון דעם אייגענעם איך, כדי צו שאַפן די געשטאַלט פון די אַלמענטשלעכע ליידנשאַפטן, וואָס ברויזן אויף דער וועלט ווי אַ שטורם. פראַנסואַז האָט געפילט אַ בענקשאַפט צו אַזאַ קונסט, ווייל זי אַליין איז נישט געווען פעיק אויף אַזאַ זעלבסט פאַרלייקענונג און האָט שטענדיק געשפּילט נאָר זיך אַליין. — דער אויפבלי פון דעם אינדיווידועלן לירידם פאַרמאָגט זינט אַנדערהאַלבן יאָרהונדערט עפּעס קרענקלעכס. די גרויסקייט פון דער נשמה באַשטייט אין דעם, וואָס זי פילט אַסאַך, און קאָן זיך אַסאַך באַהערשן, זיך צוריקהאַלטן אין ווערטער, נישט אַרויסצוברענגען די אייגענע אינערלעכע וועלט, נאָר צו רעדן אויפן ווונק, דורך אַ טיף וואָרט, אָן קינדערשער גוזמא, אָן ווייבערישער סענטימענטאַלקייט, צו רעדן פאַר די, וואָס פאַרשטייען רמזים. די מאָדערנע מוזיק, וואָס רעדט אַזוי אומענדלעך פיל וועגן זיך אַליין און נוצט אויס יעדע געלעגנהייט צו אירע נאַרישע פאַרטרוילעכקייטן, באַווייזט אויף אַ מאַנגל אין בושה־געפיל און אין געשמאַק. זי איז ענלעך צו אַנדערע קראַנקע, וואָס טראַכטן נאָר וועגן זייערע קראַנקהייטן און ווערן נישט מיד צו דערציילן פאַר אַנדערע אָן אַ שיעור לעכערלעכע פּרטים. אַזעל־כע קינסטלערישע שטותרייען פאַרשפּרייטן זיך אַלץ־מער זינט אַ

גאַנצן יאָרהונדערט. פראַנסואַז, וואָס איז נישט געווען מוזיקאַליש, האָט געזען די ירידה פון דער מוזיק שוין אין דעם, וואָס זי, די מוזיק, אַנטוויקלט זיך, ווי אַ פרעסנדיקער פאָליפ אויפן חשבון פון דער פּאָעטישער קונסט. קריסטאָף האָט עס אָפּגעשפּאַרט, אָבער נאָך אַ געניטען ישוב-הדעת האָט ער ביי זיך געפרעגט, צי איז נישט פאַראַן אין דעם אַביסל אמת. די ערשטע מעלאָדיעס, וואָס מען האָט געשריבן צו געטהעס לידער, זענען געווען צוריקגעהאַלטן און איינשטימיק מיטן טעקסט; אָבער באַלד האָט שובערט זיי פאַרשמאָלצן מיט זיינע ראָמאַנטישע געפיל-גוזמאות און שומאַן האָט זיי אָנגעפילט מיט דער ליבע-בענקשאַפט פון קליינע מיידעלעך. ביז הוגאָ וואָלף האָט זיך גענומען די באַוועגונג צו דעקלאַמאַציע, צו אומפאַרשעמטער צעגלידערונג פונם טעקסט, צו דער שטרעבונג נישט צו לאָזן אומבאַלויכטן דעם קלענסטן ווינקל פון דער נשמה. יעדער שלייער ווערט אַרונטערגעריסן פון די סודות פון האַרצן, דאָס, וואָס אַ מאַן האָט אַמאָל צוריקגעהאַלטן אַרויסגעזאָגט, האָבן איצט נאָכגעזאָגט שמוציקע ווייבער, וואָס האָבן זיך נאַקעט אַרויסגעשטעלט פאַר דער וועלט.

קריסטאָף האָט זיך אַביסל געשעמט מיט דער דאָזיקער קונסט, פון וועלכער ער איז אַליין געווען אַביסל אָנגעשטעקט; און אויב ער האָט נישט געוואָלט זיך צוריקציען צו דער פאַרגאַנגענער קונסט (דאָס איז אַן אומזיניקער און אומנאַטירלעכער באַגער), האָט ער דאָך אָן אויפהער אַראָפּגעטויכט אין די נשמות פון די פאַרגאַנגענע מייסטער, וואָס האָבן זייערע געדאַנקען געבראַכט צום אויסדרוק מיט צוריקגעהאַלטנקייט און האָבן פאַרמאָגט אַ חוש פאַר אַ גרויסער קאָלעקטיווער קונסט, פונקט ווי הענדעל, וואָס האָט פאַראַכטנדיק דעם פאַרוויינטן פיעטיזם פון זיין צייט און פון זיין ראַסע, געשריבן די געוואַלדיקע „אַנטעמס": העלדן-געזאַנגען און געזאַנגען פון די פעלקער — פאַר די פעלקער גופא. דאָס שווערסטע איז געווען צו געפינען אָנרעגונגען, וואָס זאָלן קאָנען ביי די היינטיקע פעלקער פון אייראָפּע קומען צו אַ שותפותדיקן עמפינדן, פונקט ווי די ביבל איז געווען אין הענדעלס צייט. די היינטיקע אייראָפּע פאַרמאָגט נישט קיין בשותפותדיק גליק: נישט קיין ליד, נישט קיין תפילה, נישט קיין גלויבנספייערונג, וואָס זאָל זיין אַלעמענס יום-טוב, דאָס איז אַ שאַנד פאַר אַלע שריפטשטעלער, קינסטלער און דענקער פון אונזער צייט! נישטאָ קיין איינער, וואָס זאָל שרייבן אָדער דענקען פאַר אַלע. נאָר איין

בעטהאָווען האָט געלאָזט הינטער זיך אַ פּאָר זייטן פון אַ נייער טרייסטנדיקער און ברידערלעכער עוואַנגעליע. אָבער נאָר מוזיקער קאָנען עס לייענען. דאָס רוב מענטשן פאַרשטייט עס נישט. וואַגנער האָט אַפילו געפּרוווט אויסצובויען אין ביירוט אַ נייע רעליגיעזע קונסט, וואָס זאָל פאַרייניקן אַלע מענטשן. אָבער זיין גרויסע נשמה איז נישט געווען געגוג איינפאַך, און דערצו איז ער געווען באַאיינפלוסט פון דער נויט און ירידה אין דער מוזיק און אין דעם דענקען פון זיין צייט: אָט אַזוי האָבן זיך אויפן הייליקן באַרג באַוויזן נישט די פּי־שער פון גליל נאָר די פּרושים.

קריסטאָף האָט גוט געפילט, וואָס מען וואָלט געדאַרפט טון. נאָר ס'האָט אים געפעלט אַ דיכטער. ער האָט געמוזט זיך צופרידנ־שטעלן מיט זיך אַליין און באַשרענקען זיך אויף מוזיק. און די מו־זיק — וואָס זי זאָל נישט זאָגן — איז קיינמאָל נישט קיין שפּראַך פאַרן כּלל: עס איז נויטיק דער בויגן פון ווערטער, אויב מען וויל אַז דער פייל פון טענער זאָל טרעפן אין האַרצן.

קריסטאָף האָט געפּלאַנט צו שאַפן אַ ציקל סימפאָניעס, וואָס זייערע טעמעס האָט ער גענומען פון טאָג־טעגלעכן לעבן. צווישן אַנ־דערע האָט ער געזאָלט שאַפן אַ Simphonia domestica אין זיין סטיל, וואָס זאָל אין באַשטימטע פּרטים זיך אונטערשיידן פון ריכאַרד שטרויס. ער האָט נישט געוואָלט אַרויסברענגען דאָס פאַמיליען־לעבן אין אַ קינעמאַטאָגראַפישן בילד און גיין אויף אויסגעטראָטענע וועגן; ער האָט נישט געוואָלט אַריינפירן אין זיינע מוזיקאַלישע טעמעס קיין פאַרשידענע פּערזאָנען, כּדי זיי צו לאָזן זיך שפּעטער אַנטוויקלען, אויב מען האָט אויערן און אויגן. גלייכצייטיק איז עס ביי אים אויס־געקומען, ווי אַ געלערנטע און גלייכצייטיק אַ קינדערשע שפּיל פון אַ גרויסן קאָנטראַפּונקטיסט; ער האָט נישט געוואָלט באַשרייבן קיין מענטשן אָדער געשעענישן, נאָר ברענגען צום אויסדרוק געפילן, וואָס זענען יעדערן באַקאַנט געווען און ווי יעדער מענטש האָט געקאָנט געפינען אַן עכאָ פון זיין אייגענער נשמה. דער ערשטער טייל האָט געשילדערט דאָס ערנסטע און דאָס קינדערשע גליק פון אַ יונג גע־ליבט פּאָרל, זייער צאַרטע זינלעכקייט, זייער צוטרוי צום לעבן, זייער פרייד און האָפענונגען. דער צווייטער טייל איז געווען אַן עלעגיע אויפן טויט פון אַ קינד. קריסטאָף האָט דערביי אויסגעמיטן רעאַליס־טישע עפעקטן און די שילדערונגען פון טויט מיט פאַרשידענע פּרטים;

ער האָט נאָר געוואָלט אויסדריקן די גרויסע יסורים, וואָס זענען אי־מיינע אי דיינע, אי יעדן מענטשנס, ווייל יעדערן קאָן טרעפן אַן אומגליק. די נשמה, וואָס איז דורך אַזאַ טרויער געדריקט געוואָרן צו דער ערד און וואָס קריסטאָף האָט געוואָלט ברענגען צום אויס־דרוק, — אָט די געווײנלעכע עפעקטן פון אַ פּאַרווײנטער מעלאָדראַמע, — האָט זיך אויפגעהויבן אַליין העכער אין איר ווייטיק, כדי לסוף צו ברענגען אירע יסורים אַ קרבן צו גאָט. מוטיק איז זי ווידער אַרויף אויף איר וועג אין דעם דריטן טייל, ווו דער ריטם פון דער נשמה ווערט מעכטיק און זי גייט אַריבער פון קאַמפן און טרערן איר אַ מאַרש פון נצחון, וואָס איז פול מיט אומבאַוויגטן גלויבן. דעם לעצטער טייל שילדערט דעם אָוונט פון לעבן. די ערשטע טעמער טויכן ווידער אַרויס מיט זייער רירנדיקער צאַרטקייט, גאָר רייכען און דערפאַרענער; געקרוינט פון דעם ליכט, טויכן זיי אַרויס פון די שאָטנס פון ווייטיק און ציען זיך אין בליענדיקער פּראַכט צום הימל מיט הימן פון הייליקער ליבע צום לעבן און צו גאָט.

קריסטאָף האָט אויך געזוכט אין די ביכער פון דער פאַרגאַנגג־הייט איינפאַכע און מענטשלעך־גרויסע טעמעס, וואָס האָבן געקאָנט רעדן צום האַרצן. ער האָט אויסגעקליבן צוויי: יוסף און ניאָבע. דערביי האָט קריסטאָף געפילט אַ מאַנגל נישט נאָר אין אַ דיכטער, נאָר ער האָט אויך געפילט די ברענענדיקייט פון דער זינט יאָרהונ־דערטן נישט-אַנטשידענער פראַגע: די פאַרבינדונג צווישן דיכטונג און מוזיק. זיינע שמועסן מיט פּראַנסואַז האָבן אים ווידער דערמאָנט די אַמאָליקע פּלענער, וואָס ער האָט געמאַכט מיט קאָרינען וועגן דער פאָרם פון אַ מוזיקאַלישער דראַמע, וואָס זאָל זיך וואַקלען צווישן רעטשיטאַטיווער אָפּערע און דעקלאַמירטער דראַמע — אַ קונסט פון פרייען וואָרט, וואָס פאַרייניקט זיך מיט פרייער מוזיק, אַ קונסט, וואָס זאָל זיין פריי פון די ביז-איצטיקע חסרונות, וואָס די קריטיק, פול מיט די וואַגנערישע טראַדיציעס, האָט פאַרלייקנט, פונקט ווי יעדעס נייע ווערק. ווייל ס׳האַנדלט זיך נישט אין דעם, מען זאָל נאָכגיין טריט ביי טריט בעטהאָווענען, וועבערן, שומאַנען, ביצעטן, הגם זיי האָבן געמייסטערט די מעלאָדראַמע אויף אַ געניאַלן אופן. עס האַנדלט זיך אויך נישט אין דעם, מ׳זאָל צוזאַמענקלעפּן אַ שטים מיט מוזיק און מען זאָל פאַר יעדן פרייז ווירקן אויפן נאַרישן עולם מיט נאַ־רישע עפעקטן און טרעלן. עס האַנדלט זיך אין דעם, עס זאָל גע־

שאַפן ווערן אַ נייע אַרט קונסט, ווו די געזאַנג־שטימען זאָלן זיך פאַרייניקן מיט די אינסטרומענטן און אין זייערע האַרמאָנישע פערזון אויף אַ צאַרטן אופן צוזאַמענשמעלצן דעם עכאָ פון טרוימערייען מיט די קלאַנגען פון מוזיק. נאַטירלעך, וואָלט אַזאַ קונסט־פאָרם געווען צוגעפאַסט נאָר צו באַשטימטע זאַכן, נאָר איבערצוגעבן דעם פאַעטישן ריח פון אינטימע, גייסטיקע צושטאַנדן. נאָר אַן אַריסטאָקראַטישע קונסט האָט עס געקאָנט אויספירן. נאַטירלעך, איז פאַראַן ווייניק אויסזיכטן, אַז דאָס זאָל געשאַפן ווערן אין אַזאַ צייט, ווען די קונסט איז באַהערשט פון פאַרוועניוסן.

אפשר איז קריסטאָף געווען פונקט אַזוי ווייניק באַשאַפן פאַר אַזאַ קונסט, ווי די אַנדערע. גראָד זיינע בעסטע מעלות, זיין פלעבעישע קראַפט, זענען דאָ געווען אַ שטערונג. ער האָט זיך נאָר געקאָנט פאָרשטעלן די דאָזיקע קונסט און שמועסן דערפון מיט פראַנסואַזן.

אָט אַזוי האָט ער אַריבערגעטראָגן כמעט בוכשטעבלעך אייניקע זייטן פון דער ביבל. די אומשטערבלעכע סצענע, ווו יוסף לאָזט זיך דערקענען צו די ברידער; ער קאָן מער נישט באַהערשן זיינע באַוועגונגען און זיין צערטלעכקייט און מורמלט פאַמעלעך יענע ווערטער: „איך בין יוסף, צי לעבט נאָך מיין פאָטער? קומט צו נענטער צו מיר. איך בין יוסף, אייער ברודער, וועלכן איר האָט פאַרקויפט אין מצרים. און איר האָט נישט קיין צער און מיינט נישט, אַז איך האָב צו אייך טענות, וואָס איר האָט מיך פאַרקויפט; ווייל פאַר אייער לעבנס וועגן האָט מיך גאָט אַהער געשיקט“.

אָט די שיינע און פרייע פאַרבינדונג האָט לאַנג נישט געקאָנט דויערן. זיי האָבן דורכגעלעבט צוזאַמען מינוטן פון גרעסטער שיכרות, אָבער זיי זענען געווען גאַנץ באַזונדערע מענטשן. און אַזוי־ווי זיי זענען ביידע געווען גלייך האַסטיק, איז אָפט געקומען צווישן זיי צו סיכסוכים. די דאָזיקע סיכסוכים האָבן קיינמאָל נישט אָנגענומען קיין גראָבן כאַראַקטער, ווייל קריסטאָף האָט צו שטאַרק געשעצט פראַנסואַז, און זי, וואָס איז טיילמאָל געווען אַזוי אַכזריותדיק, האָט

זיך באַצויגן גוט צו די, וואָס זענען צו איר גוט געווען. קריסטאָפן וואָלט זי בשום-אופן אין דער וועלט נישט אָנגעטון קיין ווייטיק. דערצו האָבן זיי ביידע פאַרמאָגט אַ סך פרישן הומאָר. זי האָט זיך די ערשטע לוסטיק געמאַכט איבער זיך אַליין. פון דער צווייטער זייט האָט זי זייער געליטן צוליב דעם, ווייל די אַלטע ליידנשאַפט האָט זי נאָך אַלץ געמאַטערט. זי האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן יענעם אויסוואורף, וועלכן זי האָט ליב געהאַט, און אַט דער בזיון איז געווען פאַר איר אומדערטרעגלעך. קריסטאָף האָט עס פאַרשטאַנען.

ער האָט געזען, ווי זי זיצט טיילמאָל גאַנצע טעג איינגעקאָר־טשעט, שווייגנדיק, אין אַ שווערער שטימונג, און ער האָט זיך געוווּנ־דערט, פאַרוואָס זי איז נישט גליקלעך.

איר ציל האָט זי דערגרייכט. זי איז אַ גרויסע קינסטלערין, באַרימט, באַוווּנדערט...

— יאָ — האָט זי געזאָגט. — וואָלט איך געווען איינע פון די קאָמעדיאַנטינס מיט קרעמערישע נשמהלעך, וואָס באַטראַכטן דאָס טע־אַטער פאַר אַ געשעפט! זיי זענען צופרידן, וואָס זיי האָבן „אויסגע־פירט”, חתונה געהאַט רייך און אָנשטענדיק און אַפילו באַקומען אַן ערן-לעגיאָן, פאַר מיר איז דאָס אָבער ווייניק. דער ערפאָלג זעט מיר אויס נאָך פוסטער, ווי די מפלה. דו דאַרפסט דאָך עס אויך וויסן!

— איך וויים עס זייער גוט. — האָט קריסטאָף געזאָגט. — אוי, גאָט מיינער! ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד האָב איך מיר פאָר־געשטעלט די באַרימטקייט אינגאַנצן אַנדערש. ווי שטאַרק איך האָב געבענקט נאָך איר. און ווי שטראַלנדיק זי האָט אויסגעזען. זי איז געווען פאַר מיר הייליק... נו, זיי מודה, אין ערפאָלג ליגט עפּעס געטלעכעס: דורך אים קאָן מען אויפטון גוטס.

— וואָס פאַראַ גוטס? בלויז דאָס, וואָס מען האָט געזיגט. אָבער צו וואָס נוצט עס? עס ענדערט זיך נאָך דעם קיין שום זאַך נישט. טעאַטער, קאָנצערטן, אַלץ בלייבט ווי געווען. עס אַנטשטייט נאָר אַ נייע מאָדע. די מענטשן פאַרשטייען דיך דאָך נישט, העכסטנס, גאַנץ אויבערפלעכלעך. און באַלד הערן זיי איגגאַנצן אויף פון דיר צו טראַכטן... פאַרשטייסטו די אַנדערע קינסטלער? יעדנפאַלס ווערסטו פון זיי נישט פאַרשטאַנען. ווי ווייט שטייען פון דיר די, וואָס דו האָסט צום שטאַרקסטן ליב. דערמאָן זיך אין דיין טאָלסטאָי.

קריסטאָף האָט אַמאָל געהאַט געשריבן צו טאָלסטאָיען; ער איז

געװיזן פֿון אים באַגײַסטערט. ער האָט געװײנט לײענענדיק זײַנע ביכער. ער האָט געװאָלט איבערזעצן אויף מוזיק אײנע פֿון טאָלסטאָיס דערצײלונגען, דעריבער האָט ער געבעטן זײַן דערלויבעניש און צוגעשיקט אים זײַנע לידער. טאָלסטאָי האָט דערויף נישט געענטפֿערט, פּונקט װי געטהע האָט נישט געענטפֿערט שובערטן און בערליאָזן, װאָס האָבן אים צוגעשיקט זײערע מײַסטער־װערק. ער האָט זיך געהײסן פֿאָרשפּילן קריסטאָפֿס מוזיק און איז געװען זײער אויפֿגעבראַכט. ער האָט נישט געהאַט דעם מינדעסטן חוש פֿאַר מוזיק. ער האָט געהאַלטן בעטהאָװענען פֿאַר אַ דעקאַדענט און שעקספּירן פֿאַר אַ ליגן. דערפֿאַר האָט ער זיך געלאָזט באַהערשן פֿון קלײנינקע מוזיקערלעך, הנאה געהאַט פֿון שפּינעט־מעלאָדיעס, װאָס װאָלטן אַנטציקט מסתּמא אַ סערעניסימוס; און ער האָט אײַנגעפֿונען, אַז די „דערקלערונגען פֿון אַ שטוב־מײדל" איז אַ קריסטלעך בוך...

— די גרויסע דאַרפֿן אונדז נישט האָבן, — האָט געזאָגט קריסטאָף — מיר מוזן טראַכטן װעגן די אַנדערע.

— װעגן װעמען? װעגן המון? װעגן די קלײנבירגער, װאָס מאַכן דיר ביטער דײַן לעבן? פֿאַר די דאָזיקע ברואים דאַרפֿן מיר שפּילן און שרײַבן? פֿאַר זײ דאָס לעבן אַװעקגעבן? װי ביטער דאָס איז!

— נו, — האָט געזאָגט קריסטאָף, — איך זע זײ פּונקט, װי דו, און דאָך נעם איך זיך נישט אַזױ צום האַרצן. זײ זענען נישט אַזױ שלעכט, װי דו זאָגסט.

— דו גוטער, דײַטשער אָפּטימיסט!

— דאָס זענען מענטשן פּונקט װי איך, פֿאַרװאָס־זשע זאָלן זײ מיך נישט פֿאַרשטײן? און אויב זײ פֿאַרשטײען מיך אַפֿילו נישט, צי דאַרף איך דעריבער װערן פֿאַרצװײפֿלט? צװישן די טויזנטער װעלן זיך נאָך שטענדיק געפֿינען אײנער אָדער צװײ, װאָס װעלן שטײן אויף מײַן זײַט: דאָס איז פֿאַר מיר גענוג, װי עס איז גענוג אַ שפּאַרע אין זאַק, כּדי אַרײַנצואָטעמען פֿרישע לופֿט פֿון דרויסן... טו נאָר אַ טראַכט װעגן די קינדערש־גלויבנדיקע צוהערער, װעגן די יונגע דערװאַקסנדיקע מענטשן, װעגן די אַלטע טרײ־האַרציקע נשמות, װאָס זאַפּן אײַן אין זײער קלאָגנדיקער טאָג־טעגלעכקײט דײַן דערשײַנען, דײַן שפּים, די אַנטפּלעקונג פֿון דײַן טראַגישער שײנקײט, װאָס זײ געפֿינען אין דיר. טו נאָר אַ טראַכט פֿון דער צײַט, װען דו ביסט

אַליין אַ קינד געווען! איז עס דען נישט שיין, גליקלעך צו מאַכֿן כֿאָטש איין איינציקן מענטשן, גלייך ווי אַמאָל האָט עמעצער דיך גליקלעך געמאַכֿט?

— גלויבסטו באמת, אַז עס איז פֿאַראַן כֿאָטש איינער? ס'איז פֿאַר מיר געוואָרן אַ ספק... און בכלל, ווי ליבן אונז אַפֿילו די בעסטע? ווי זעען זיי אונז? זיי זעען אַזוי שלעכֿט! זיי דערנידעריקן מיט זייער באַוווּנדערונג אָדער מיט זייער התפּעלות. עס איז פֿאַר זיי געווי דער זעלבער שפּאַס צו זען די ערשטע בעסטע קאָמעדיאַנטין, כּדי צו שטעלן דיך אויף דער זעלבער שטופֿע מיט די דאָזיקע אידיאָטן. יעדער ערפֿאָלג איז ביי זיי אַלצאיינס.

— און דאָך גייען אַריין אין דער געשיכֿטע נאָר די אמתע גרויסע, נאָר זיי וואַרפֿן זיך אָן די שפּעטערדיקע דורות.

— דאָס איז די ווירקונג פֿון דער ווייטקייט. די בערג וואַקסן, וואָס־מער מען דערווייטערט זיך פֿון זיי. מען קאָן דאַן בעסער אָפּמעסטן זייער הויכקייט, אָבער ס'איז פֿון זיי ווייטער... און ווער זאָגט עס אונז, אַגבֿ, אַז זיי זענען די גרעסטע? צי קענסטו די אַנדערע, וואָס זענען פֿאַרשווּנדן געוואָרן פֿון אונזערע בליק?

— צום טייוול: — האָט קריסטאָף געזאָגט — און ווען קיינער פֿילט נישט דאָס, וואָס איך פֿיל און דאָס, וואָס איך בין? איך פֿיל עס אָנגעּ און איך בין עס. איך האָב מיין מוזיק. איך ליב זי, איך גלויב אין איר, זי איז אמתער פֿון אַלץ.

— דו ביסט נאָך לפּחות פֿריי אין דיין קונסט. דו קאָנסט טון, וואָס דו ווילסט. אָבער וואָס קאָן איך טון? איך מוז שפּילן דאָס, וואָס מען וואַרפֿט מיר אָן און איך מוז עס איבערקייען ביז איבלקייט. מיר זענען נאָך נישט, ברוך־השם, אין פֿראַנקרייך אַזעלכע שקלאַפֿן, ווי די אַמעריקאַנער אַקטיאָרן, וואָס שפּילן צען טויזנט מאָל „ריפּ", אָדער „ראָבערט מאַסער", וואָס דרייען אין משך פֿון פֿינף און צוואַנציק יאָר לעבן איין איינציקע ראָלע, ווי אַ מילשטיין. אָבער מיר זענען אויפֿן וועג דערצו. אונזערע טעאַטערן שטייען אַזוי נידעריק! דער עולם פֿאַרטראָגט דעם גאון נאָר אין זייער קליינע דאָזעס, אָנגעטון אין מאַניעריזם און מאָדישער ליטעראַטור... אַ זשעני און די מאָדע! איז עס נישט צום לאַכֿן? וואָס פֿאַר אַ פֿאַרשווענדן פֿון כּוחות! גיב נאָר אַ טראַכֿט, וואָס זיי האָבן געמאַכֿט פֿון אַזאַ מונעט! וואָס האָבן זיי אים געגעבן דאָס גאַנצע לעבן צו שפּילן? צוויי אָדער דריי

ראָלן, צוליב וועלכע עס האָט געלוינט די טרחה צו לעבן: עדיפן און פּאָליעקטן. איז עס נישט עקלדיק? און אַ טראַכט צו טון דערביי, וויפיל שיינע און גרויסע ווערק ער האָט געקאָנט שאַפן! אויסער פראַנקרייך איז אויך נישט בעסער. וואָס האָבן זיי געמאַכט מיט אַזאַ דוזע? אין וואָס האָט זי פאַרבראַכט איר לעבן? מיט וואָס פאַראַ נאַרישע ראָלן!

— אייער אמתע ראָל באַשטייט אין דעם, איר זאָלט אַרויפּ-צווינגען דער וועלט די שטאַרקע קונסט-ווערק, — האָט קריסטאָף גע-זאָגט.

— אומזיסט די טרחה, עס לוינט נישט, קוים קומט איינס פון די שטאַרקע ווערק אין באַרירונג מיט דער בינע, פאַרלירט עס זיין גרויסע דיכטונגס-קראַפט, עס ווערט פאַרוויאַנעט פון דעם אָטעם פון פּובליקום, דאָס פּובליקום אין דער שטיקנדיקער אַטמאָספער פון די שטעט, ווייס נישט פון קיין פרייער לופט, פון קיין נאַטור, פון קיין געזונטער דיכטונג: עס פאָדערט שווער איבערגעלאָדענע, געשמינקטע טעאַטער-דיכטונג, וואָס גיט אַרויס אַ מיאוסן ריח, — אַך! און דע-מאָלט... דעמאָלט... ווען מען זאָל אפילו צוקומען צום ציל... פילט ער נאָך נישט אויס קיין לעבן, ניין, מיין לעבן פילט עס נאָך נישט אויס...

— טראַכסט נאָך אַלץ וועגן אים?

— וועגן וועמען?

— דו ווייסט גאַנץ גוט — וועגן יענעם מענטשן.

— יאָ.

— אַפילו ווען דו וואָלסט באַזיצן יענעם מאַן און ער זאָל דיך ליב האָבן, וואָלסטו נאָך אַלץ נישט געווען גליקלעך. מאַך עס דיר קלאָר, דו וואָלסט שטענדיק געפונען אַ מיטל און אַ וועג, ווי זיך צו פּייניקן.

— דאָס איז אמת! פונוואַנעט נעמט זיך עס? זעסט, איך האָב צו פיל געמוזט קעמפן. איך האָב זיך צופיל געריסן און כ׳קאָן איצט קיין רו נישט געפינען. עס איז פאַראַן עפּעס אַן אייביקע שרעק אין מיר. אַ פיבער...

— דאָס האָט אָבער געמוזט זיין אין דיר פון פריער, נאָך איידער דו האָסט עס אַלץ דורכגעמאַכט.

— גאַנץ מעגלעך. יאָ, ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין מיי-

דעלע, ווי ווייט איך קאָן געדענקען, האָב איך שוין געפּילט אַן אומרו.
— וואָס פאַרלאַנגסטו?
— איך ווייס נישט... פיל מער, וויפיל איך קאָן דערגרייכן.
— איך קען עס. — האָט קריסטאָף געזאָגט, — יינגלווייז בין איך אויך געווען אַזוי.
— יאָ, אָבער דו ביסט געוואָרן אַ מאַן. איך וועל אייביק בלייבן שטעקן אין מיינע אַנטוויקלונגס־יאָרן. איך בין אַן אומפאָלקאָמענע באַשעפעניש.
— קיינער איז נישט פאָלקאָם. גליק הייסט: קאָנען זיינע גרע־נעצן און זיי ליב האָבן.
— דאָס קען איך נישט. איך האָב שוין אַריבערגעשפּאַנט מיינע גרענעצן. דאָס לעבן האָט מיך פאַרגוואַלטיקט, אויסגענוצט, צעקאַליע־טשעט. און דאָך פיל איך, אַז איך וואָלט נאָך געקאָנט ווערן אַ נאָר־מאַלע פרוי, געזונט, שיין, און דערביי נישט זיין ענלעך צו דער גרויסער מענטשן-סטאַדע.
— דאָס קאָנסטו נאָך ווערן. איך זע עס.
— זאָג מיר, ווי דו זעסט מיך.
ער האָט זי געשילדערט, ווי זי אַנטוויקלט זיך אין נאַטירלעכע און האַרמאָנישע באַדינגונגען, אין וועלכע זי איז גליקלעך. זי האָט אים אויסגעהערט און ס׳האָט זי באַרויקט. נאָר דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופן:
— ניין, איצט איז עס שוין אומעגלעך.
— נו, — האָט ער געזאָגט — אויב אַזוי מוסטו זיך זאָגן דאָס, וואָס דער גוטער אַלטער הענדעל, בעת ער איז בלינד געוואָרן: וואָס עס געשעט, איז רעכט.

און ער האָט עס איר אויסגעשפּילט אויפן פּיאַנינאָ. זי האָט אים געקושט, איר ליבן נאַרישן אָפּטימיסט. ער האָט אויף איר גוט געווירקט. זי האָט אָבער מורא געהאַט, טאָמער ברענגט זי אים שאָדן. זי האָט געהאַט אָנפאַלן פון פאַרצווייפלונג, וואָס זי האָט פון אים נישט געקאָנט באַהאַלטן. די ליבע האָט זי שוואַך געמאַכט. ביינאַכט, ווען זיי זענען געלעגן זייט ביי זייט אין בעט, און זי האָט שווייגנ־דיק געשטיקט אין זיך אירע יסורים, האָט ער עס פאַרשטאַנען און

באַשווירן זיין פריינדין, וואָס איז געווען אַזוי נאָענט און דאָך אַזוי ווייט פון אים, זי זאָל איר אָנפאַרטרויען די לאַסט, וואָס דריקט זי. דעמאָלט האָט זי זיך נישט געקאָנט אַנטקעגנשטעלן, זי האָט געוויינט אין זיינע אָרעמס און געעפנט פאַר אים איר האַרץ. גאַנצע שעהן האָט ער זי געדולדיק און גוטמוטיק געטרייסט. אָבער מיט דער צייט האָבן די דאָזיקע דויערנדיקע שווערע צושטאַנדן אָנגעהויבן אים צו פייניקן. פראַנסואַז האָט געציטערט, טאָמער שטעקט אים אָן איר פיבער. זי האָט אים צו שטאַרק ליב געהאַט, צו קאָנען פאַרטראָגן דעם געדאַנק, אַז ער ליידט צוליב איר. מ'האָט איר פאָרגעלעגט אַן אָפּערטע קיין אַמעריקע. זי האָט אָנגענומען, כדי זיך צו צווינגען צו שיידונג. זי האָט אים פאַרלאָזן אַביסל פאַרשעמט, און ער האָט עס אויך געפילט. פאַרוואָס זענען זיי נישט געווען בכוח איינער דעם צווייטן גליקלעך צו מאַכן?

— מיין אָרעם יינגל. — האָט זי אים צערטלעך, מיט אַ טרויעריקן שמייכל געזאָגט, — צי זענען מיר נישט שרעקלעכע שלימזלען? מיר וועלן שוין קיינמאָל נישט האָבן אַזעלכע שיינע מעגלעכקייטן צו גליק. מיר וועלן שוין קיינמאָל נישט איבערלעבן מער אַזאַ ענלעכע פריינטשאַפט, נאָר עס העלפט נישט... עס העלפט גאָרנישט. מיר זענען צו נאַריש.

זיי האָבן זיך איבערגעקוקט, ווי אַ פּאָר שולדיקע. זיי זענען געווען פאַרטרויערט. כדי נישט צו וויינען, האָבן זיי זיך צעלאַכט, צעקושט זיך און אַוועק יעדערער אין זיין זייט מיט טרערן אין די אויגן. קיינמאָל האָבן זיי זיך נישט ליב געהאַט אַזוי שטאַרק, ווי איצט, בעת דער צעשיידונג. און ווען זי איז אַוועק, האָט ער זיך צוריק אומגעקערט צו זיין אַלטער פריינדין, צו דער קונסט... אָ, פרידן פון דעם שטערן-פירמאַמענט.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט קריסטאָף דערהאַלטן אַ בריוו פון ושאַקלין; דאָס איז געווען דאָס דריטע מאָל וואָס זי האָט צו אים געשריבן. דאָס מאָל איז דער טאָן געווען זייער אַן אָנגענעמער. זי האָט אויסגעדריקט איר באַדויערונג, וואָס זי האָט אים אַזוי לאַנג

נישט געזען, און זי האָט אים ליבנסווירדיק איינגעלאַדן, ער זאָל אַמאָל קומען צוגיין, אויב ער וויל נישט אָנטון קיין עגמת נפש זיינע צוויי פריינט, וואָס האָבן אים האַרציק ליב. קריסטאָף האָט זיך זייער דערפרייט נאָר ער האָט זיך נישט געוווּנדערט. ס׳האָט זיך אים שטענדיק געדאַכט, אַז זשאַקלינס אומגערעכטע באַציונג צו אים קאָן נישט דויערן אייביק. ער האָט זיך איבערגעחזרט אַ שפּאַס פון דעם אַלטן זיידן:

— פריער אָדער שפּעטער קומען די פרויען צום ריכטיקן באַוווסטזיין. נאָר מען דאַרף נאָר האָבן געדולד זיך צו דערוואַרטן.

ער איז אַוועק צו אַליוויערן און איז אויפגענומען געוואָרן מיט פרייד. זשאַקלין איז געווען אויסערגעוויינלעך העפלעך, אויסגעמיטן איר איראָנישן טאָן, געהיט זיך נישט צו זאָגן עפּעס, וואָס קאָן קריטאָפן באַליידיקן, זיך אויסגעפרעגט וואָס ער טוט און אויף אַ קלוגן אופן גערעדט וועגן ערנסטע זאַכן. זי האָט אויסגעזען קריסטאָפן אינגאַנצן אַנדערש. אָבער באמת האָט זי עס בכיוון געטון, כדי אים געפעלן צו ווערן. זשאַקלין האָט געהערט רעדן וועגן קריסטאָפס באַציונגען מיט דער באַרימטער שוישפּילערין, וואָס האָט די פּאַריזער געגעבן שטאָף צו רכילות; און קריסטאָף איז איר פּלוצלינג דערשינען אין אַ גאַנץ נייער שיין. ער האָט גערייצט איר נייגעריקייט. ווען זי האָט אים ווידער דערזען האָט זי אים געפונען אינגאַנצן אַנדערש. אפילו זיינע חסרונות האָבן איצט געהאַט פאַר איר אַ רייץ. זי האָט אַנטדעקט, אַז קריסטאָף איז געניאַל און אַז ס׳וואָלט געווען כדאי, ער זאָל זיך אין איר פאַרליבן.

די באַציונגען פון דעם יונגן פּאָרפּאָלק האָבן זיך נישט פאַרבעסערט: עס איז נאָך אַפילו ערגער געוואָרן. זשאַקלינען איז געווען לאַנגווייליק, זי איז פשוט אויסגעגאַנגען! ווי איינזאַם עס איז אייגנטלעך, די פרוי! נאָר דאָס קינד פילט אויס איר לעבן, אָבער אויך נישט אייביק: ווייל ווען זי איז באמת פרוי און נישט נאָר ווייב, ווען איר נשמה איז רייך און זי פאַרלאַנגט עפּעס פון לעבן, בענקט זי צו אומענדלעך-פיל זאַכן, וועלכע זי קאָן נישט דערגרייכן. מען מוז איר קומען צו הילף. דער מאַן איז אַ סך וויניקער איינזאַם, אפילו ווען ער איז אינגאַנצן אַליין: פאַר אים איז גענוג צו רעדן מיט זיך, כדי צו באַלעבן זיין איינזאַמקייט. דאָס ראַטעוועט אים און ער באַמערקט עס נישט. ער פירט שטענדיק מאָנאָלאָגן. ער פאַרשטייט

נישט, אַז דער טאָן פון אַזאַ שטים, וואָס רעדט ווייטער אומדערמיד־לעך צו זיך אַליין אין דער איינזאַמקייט, מאַכט נאָך שרעקלעכער די שטילקייט און די פוסטקייט אַרום אים, ווי יעדעס וואָרט איז טויט, ווייל עס איז נישט באַלעבט פון ליבע. ער באַמערקט עס נישט; ער האָט נישט, פונקט ווי די פרוי, מקריב געווען זיין גאַנץ לעבן פאַר דער ליבע: זיין לעבן איז ערגעץ אַנדערש פאַראַנקערט... וואָס זאָל אָבער אויספילן דאָס לעבן פון דער פרוי אין איר אומענדלעכער בענקשאַפט, די דאָזיקע גליענדיקע און פאַרשווענדערישע כּוחות, וואָס די פרוי פאַרברענט זינט פערציק יאָרהונדערטן, זינט דער מענטשלע־כער עקזיסטענץ, אָן שום נוצן, אַלס קרבן צו די צוויי איינציקע אָפּ־געטער: צו דער פאַרגענגלעכער ליבע און צו דער מוטערשאַפט. דעם דאָזיקן דערהויבענעם פייער־ווערק, וואָס איז פאַר טויזנטער פרויען נישט צוטריטלעך און פולט אויס דאָס לעבן פון די איבעריקע פרויען כּמעט בלויז עטלעכע יאָר!

זשאַקלין האָט פאַרלוירן יעדן אָנהאַלט. זי האָט דורכגעלעבט מאָמענטן פון שרעק, וואָס האָבן זי דורכגעדרונגען, ווי דער שניט פון אַ שווערד. זי האָט געטראַכט:

— צו וואָס לעב איך? צו וואָס בין איך געבוירן געוואָרן? און איר האַרץ האָט זיך געקאָרטשעט פון ווייטיק.

— גאָט מיינער, איך וויל שטאַרבן! גאָט מיינער, איך וועל שטאַרבן!

אָט דער געדאַנק האָט זי געפייניקט און פאַרפאָלגט אין דער נאַכט. ס'האָט זיך איר געחלומט, אַז זי זאָגט:

— מיר האָבן איצט דאָס יאָר 1889.

— ניין. — האָט איר עמעצער געענטפערט. — מיר האָבן שוין 1909.

דעמאָלט האָט זי זיך געפילט אומגליקלעך, וואָס זי איז מיט צוואַנציק יאָר עלטער, ווי זי האָט געגלויבט

— אַלץ וועט אַריבערגיין, און איך האָב גאָרנישט געלעבט! וואָס האָב איך אויפגעטון אין די צוואַנציק יאָר? וואָס האָב איך גע־מאַכט פון מיין לעבן?

זי האָט געטרוימט, אַז זי אַליין באַשטייט פון פיר קליינע מיי־דעלעך. אַלע פיר ליגן אין דעם זעלבן צימער אין באַזונדערע בעטן, אַלע פיר האָבן איין געשטאַלט און דאָס זעלבע פּנים, נאָר איינע איז

אַלט געווען אַכט יאָר, די אַנדערע פּופּצן, די דריטע צוואַנציק און די לעצטע איז אַלט געווען דרייסיק. פּלוצלינג איז געקומען אַ מגפה. דריי זענען געשטאָרבן, די פערטע האָט זיך דערזען אין שפּיגל און איז בלייך געוואָרן פון שרעק: זי האָט זיך דערזען מיט אַ שפּיציקער נאָז, אַן איינגעפאַלן פּנים... אויך זי וועט שטאַרבן, און דאַן וועט זיך אַלץ ענדיקן.

— וואָס האָב איך געמאַכט פון מיין לעבן?

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט באַגאָסן מיט טרערן. מיטן אָנקומענדיקן טאָג איז די דריקעניש נישט פאַרשוואונדן געוואָרן, ווייל זי איז געווען ווירקלעכקייט. וואָס האָט זי געמאַכט פון איר לעבן? ווער האָט עס פון איר אַוועקגערויבט? זי האָט גענומען האַסן אָליוויערן, ווי דעם נישט ווילנדיקן שותּף צו איר שולד. (נישט ווילנדיק! וואָס איז דער אונטערשיד, ווען די ליידן בלייבן די זעלבע?). ער איז געווען דער מיטשולדיקער אין דער בלינדער קראַפט וואָס האָט זי צעשטויסן. באַלד האָט זי דערפילט געוויסנביסן. זי איז געווען אַ גוטע, באָר זי האָט צו שטאַרק געליטן. זי האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט געוואָלט אָנטון וואָס מער יסורים דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס האָט זי געבונדן, וואָס האָט דערשטיקט איר לעבן, — מעג ער אַפילו אַליין זיין אומגליקלעך: דעמאָלט האָט ער געפילט נאָך אַ שטאַרקערע נידערגעשלאָגנקייט און האָט זיך אַליין געהאַסט. און דאָך האָט זי געפילט אַז אויב זי וועט נישט געפינען קיין אויסוועג, וועט, זי טון נאָך מער שלעכטס. טאַפּנדיק אין דער פינסטער האָט זי געזוכט עפּעס אַן אויסוועג! ווי אַ מענטש וואָס טרינקט זיך האָט זי זיך אָן אַלץ אָנגעקלאַמערט. זי האָט געוואָלט עפּעס טון, שאַפן עפּעס אַ זאַך, וואָס זאָל זיין איר אייגנס, איר ווערק, איר ווען. זי האָט געוואָלט ווידער טון עפּעס אַ גייסטיקע אַרבעט. זי האָט געלערנט פרעמדע שפּראַכן, אָנגעהויבן שרייבן אַן אַרטיקל, אַ נאָוועלע, אָנגעהויבן מאָלן, קאָמפּאָנירן... אומזיסט. באַלד דער ערשטער פּרוּוו האָט זי אַראָפּגעשלאָגן פון מוט. אַלץ איז געווען צו שווער. און, אגב, וואָס טויגן איר ביכער, קונסטווערק? זי האָט נישט געוווסט, צי זיי עקזיסטירן פאַר איר, צי זיי עקזיסטירן בכלל...

טיילמאָל האָט זי זייער לעבעדיק געלאַכט און געפּלוידערט מיט אָליוויערן און זי האָט זיך דערוואַרעמט, אינטערעסירט זיך וואָס ער טוט און אַזוי אַרום געוואָלט זיך באַרוישן...

אומזיסט. פלוצלינג איז די אויפרעגונג געפאַלן, איר האַרץ איז פאַרשטאַרט געוואָרן אָן טרערן, דערשראָקן און פאַרצווייפלט. — ביי אָליווירן האָט זי טיילווייז געהאַט מזל. ער איז געוואָרן סקעפטיש, געזעלשאַפטלעך, זי איז אים דערפאַר נישט געווען דאַנקבאַר. זי האָט איינגעפונען, אַז ער איז אַזוי שוואַך ווי זי. כמעט יעדן אָוונט זענען זיי אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, דורך די פאַריזער סאַלאָנען האָט זי געשלעפּט איר דריקנדיקע לאַנגווייליקייט, וואָס קיינער האָט נישט באַמערקט אונטער איר סטערעאָטיפּישן שמייכל. זי האָט געזוכט אַ מענטשן, וואָס זאָל זי ליב קריגן און אַוועקרייסן פון דעם תהום... אומזיסט. אומזיסט. — אויף אירע פאַרצווייפלטע געשרייען האָט געענטפערט נאָר די שטילקייט.

זי האָט קריסטאָפן נישט געקאָנט פאַרטראָגן. נישט זיין האַמעט־נע באַוועגונג, זיין פריקרע אָפנהאַרציקייט, און קודם־כל זיין גלייכ־געוויכט. זי האָט אים נישט פאַרטראָגן. אָבער געפילט האָט זי, אַז ער איז לפחות שטאַרק — אַ פעלז, וואָס שטעלט אַ ווידערשטאַנד דעם טויט. און זי האָט זיך געוואָלט אָנקלאַמערן אָן דעם דאָזיקן פעלז, אָן דעם דאָזיקן שווימער, וואָס הערשט איבער די כוואַליעס, אָדער — מיטשלעפן אים מיט זיך צום תהום...

זי האָט נאָך געהאַט אַנדערע סיבות צו צעשיידן איר מאַן מיט זיין פריינט. נאָך מער: זי האָט אים געוואָלט אַוועקרויבן ביי איר מאַן. די אַנשטענדיקסטע פרויען ווערן טיילמאָל באַהערשט פון אַ חשק אויסצופּרובירן, ווי ווייט עס הערשט זייער מאַכט, און אַפילו אַריבער־צושפּאַנען אירע גרענעצן. אין דעם דאָזיקן מיסברויך וויל איר שוואַכ־קייט באַווייזן איר קראַפט. און ווען די פרוי איז עגאָיסטיש און אי־בערגעשפּיצט, איז עס ביי איר אַן אומגעהויערע פרייד צוצורויבן ביי איר מאַן די פריינטשאַפט פון זיינע פריינט. די אויפגאַבע איז גענוג לייכט: גענוג אַ פּאָר קאָקעטישע בליקן. עס איז אפשר נישטאָ קיין מאַן, צי ער איז אָנשטענדיק אָדער נישט, וואָס זאָל נישט זיין גע־נוג שוואַך, בעת עס האַנדלט זיך אין אַ פרוי. און מעג ער זיין אַפילו אַ פריינט, ציט אים דער געדאַנק אים צו באַזיגן, אַפילו אויב ער מיידט אויס די טאַט גופא. ווען דער אַנדערער מאַן באַמערקט עס, ענדיקט זיך זייער פריינטשאַפט: זיי קוקן שוין נישט אויף זיך מיט די זעלבע אויגן. די פרוי, וואָס טרייבט אָט די געפערלעכע שפּיל, לאָזט עס על פּי רוב שטיין אויף דעם פונקט און פאַרלאַנגט

נישט מער. איצט האַלט זי אין איר האַנט ביידע צעשיידטע פריינט.

קריסטאָף האָט באַמערקט זשאַקלינס פריינטלעכקייט און האָט זיך זייער געחידושט. ווען ער האָט געפילט צו עמעצן אַ סימפּאַטיע, האָט ער עס אין זיין נאַיווקייט געהאַלטן פאַר אַזאַ נאַטירלעך, וואָס מ'איז צו אים פריינטלעך אָן שום הינטער־כוונות. ער איז פריילעך אַנטקעגנגעקומען דער יונגער פרוי; ער האָט געפונען, אַז זי איז רייצנד, און איז פון גאַנצן האַרצן נתפעל געווען. זי האָט געמאַכט אויף אים אַן אויסערגעוויינלעך-גוטן איינדרוק און ער האָט גענומען גלויבן, אַז אָליוויער איז באמת אַ גרויסער שלימזל, אויב ס'איז אים נישט געלונגען זי גליקלעך צו מאַכן.

זיי זענען אַרויסגעפאָרן זאַלבעדריט אויף עטלעכע טעג קיין בורגאָן, אין אַ פּאַלאַץ, וואָס האָט געהערט צו דער משפחה לאַנזשע, אַן אַלטע פאַמיליען־ירושה, וואָס מ'האָט געהאַלטן נאָר צוליב אַלטע זכרונות, נאָר מ'איז אַהין זייער זעלטן געפאָרן. איינזאַם איז עס געלעגן צווישן וויינבערג און וועלדער, פאַרנאַכלעסיקט אינעווייניק און אויסנווייניק. די פענסטער האָבן זיך שלעכט פאַרמאַכט; אַ ריח פון שימל, געמישט מיטן ריח פון צייטיקע פרוכט, קילע שאָטנס, האָבן זיך צונויפגעמישט מיטן ריח פון סמאָלע, וואָס איז געווען צעשמאָלצן פון דער זון. ווען קריסטאָף האָט אַ ריי טעג פאַרבראַכט אין זשאַקלינס נאָענטקייט, האָט אים אַלץ שטאַרקער באַהערשט אַ זיס שמייכלענדיק געפיל, וואָס האָט אים נישט באַאומרויקט; ער האָט געפילט אַן אומשולדיקע, כאָטש נישט קיין ריין-גייסטיקע פרייד, זי צו זען, צו הערן, נאָכצופאָלגן דעם רייץ פון איר קערפער און איינצואָטעמען דעם אָטעם פון איר מויל. אָליוויער איז געוואָרן אַ ביסל אומע[illegible]יק, נאָר ער האָט געשוויגן. ער האָט נישט געהאַט קיין שום פאַרדאַכט, אָבער אַן אומבאַשטימטער אומרו האָט אים באַהערשט, וועלכן ער האָט זיך געשעמט מודה צו זיין; ער האָט זיך אַליין געשטראָפט און זיי ביידן אָפטמאָל געלאָזט אַליין. זשאַקלין האָט אים פאַרשטאַנען און איז געווען גערירט; זי האָט אים חשק געהאַט צו זאָגן:

— זיי נישט טרויעריק, מיין טייערער. איך האָב דיך נאָך ליבער פון אַלעמען.

אָבער זי האָט עס נישט געזאָגט, און אַלע דריי האָבן זיך געלאָזט מיטרייסן פונם שטראָם: קריסטאָף האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, זשאַקלין האָט רעכט נישט געוווּסט, וואָס זי וויל און האָט אַלץ אי-

בערגעלאָזן דעם צופֿאַל. נאָר אָליוויער אַליין האָט פֿאַרשטאַנען און פֿאָרויסגעפֿילט, נאָר צוליב שעמעוודיקייט, שטאָלץ און ליבע האָט ער נישט געוואָלט טראַכטן דערפֿון. ווען דער ווילן שווייגט רעדט דער אינסטינקט. ווען די נשמה פֿילט נישט אויס דעם קערפּער, גייט ער זיך זיין אייגענעם וועג.

איינמאָל אין אָוונט, נאָכן עסן האָבן זיי געוואָלט גיין שפּאַצירן אין גאָרטן. די נאַכט איז געווען באַזונדערס שיין, אָן לבֿנה און מיט העל שעמערינדיקע שטערן. אָליוויער און קריסטאָף זענען געגאַנגען אַ ביסל פֿאָרויס; זשאַקלין איז אַרויפֿגעגאַנגען אין איר צימער, כּדי צו נעמען איר שאַל. ווען זי איז באַלד נישט אַראָפּגעקומען, האָט קריסטאָף אויסגערעדט אסור-לדבֿר אויף דער שטענדיקער לאַנגזאַמקייט פֿון די פֿרויען און איז אַרויפֿגעגאַנגען, כּדי זי אַראָפּצוברענגען. (זינט אַ געוויסער צייט האָט ער, אַליין נישט באַמערקנדיק, געשפּילט די ראָל פֿון אַ מאַן.) ער האָט געהערט, ווי זי קומט אָן. אין דעם צימער, וווּ זי האָט זיך געפֿונען, זענען די לאָדנס פֿון די פֿענסטער געווען פֿאַרמאַכט און מען האָט גאָרנישט געזען.

— גיכער, קומט שוין אַמאָל, באַלעמוטניצע! — האָט קריסטאָף פֿריילעך אויסגערופֿן. — דער שפּיגל וועט דאָך אין גאַנצן ווערן אָפּגענוצט, ווען איר וועט אין אים אָן אויפֿהער אַריינקוקן.

זי האָט נישט געענטפֿערט. זי איז געבליבן שטיין. קריסטאָף האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז זי איז אין צימער, נאָר זי רירט זיך נישט פֿון אָרט.

— וווּ זענט איר? — האָט ער געפֿרעגט.

זי האָט נישט געענטפֿערט. קריסטאָף איז אויך אַנטשוויגן געוואָרן. ער איז געגאַנגען פֿאָרויס־טאַפּנדיק אין דער פֿינסטער, עפּעס אַן אומרויִקייט האָט אים באַהערשט. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ איז ער געבליבן שטיין. גאַנץ נאָענט האָט ער פֿאַרנומען זשאַקלינס לייכטן אָטעם. ער האָט געמאַכט נאָך אַ טריט פֿאָרויס און איז ווידער געבליבן שטיין. זי איז געשטאַנען האַרט לעבן אים. ער האָט עס געוווּסט, נאָר נישט געקאָנט פֿועלן ביי זיך ווייטער צו גיין. אַ פּאָר אויגנבליקן האָט געדויערט די שטילקייט. און פּלוצלינג האָבן אים אַרומגעכאַפּט אַ פּאָר הענט און אַ ציִ געטון צו זיך. אַ פּאָר ליפּן האָבן זיך צוגעדריקט צו זיין מויל. ער האָט זי אַרומגענומען. זיי האָבן גאָרנישט גערעדט, נישט גערירט זיך פֿון אָרט. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיך זייערע

ליפן אָפּגעריסן, זשאַקלין איז אַרויסגעלאָפן פון צימער. קריסטאָף איז איר שטאַמלענדיק נאָכגעלאָפן. די קני האָבן ביי אים געציטערט. ער איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט און געוואַרט ביז דאָס שלאָגן פון זיין בלוט וועט זיך באַרויקן. לסוף איז ער צו זיי אַריסגעקומען. זשאַקלין האָט רויק געפלוידערט מיט אָליוויערן. זיי זענען געגאַנגען עטלעכע טריט פאַר אים. ער איז זיי נאָכגעגאַנגען אינגאַנצן נידערגעשלאָגן. אָליוויער איז געבליבן שטיין און גע־וואַרט אויף אים. קריסטאָף איז אויך געבליבן שטיין. אָליוויער האָט אים פריינטלעך צוגערופן. קריסטאָף האָט נישט געענטפערט. אָליוויער, וואָס איז געווען געווױנט צו זיין פריינטס משוגעתן און געוווּסט, אַז ער האָט אַ טבע זיך טייל מאָל צו פאַרמאַכן אין שווייגעניש, איז מער נישט צוגעשטאַנען און איז ווייטער געגאַנגען מיט זשאַקלינען פאָרויס. קריסטאָף איז אים מעכאַניש נאָכגעגאַנגען אויף אַ מרחק פון צען טריט, ווי אַ הונט. ער איז געבליבן שטיין, ווען זיי האָבן זיך אָפּ־געשטעלט, און איז ווייטער געגאַנגען, ווען זיי האָבן גערירט פון אָרט. אַט אַזוי זענען זיי געגאַנגען אַרום גאָרטן און זיך אומגעקערט צוריק אַהיים. קריסטאָף איז אַוועק צו זיך אין צימער און זיך פאַר־שלאָסן. ער האָט קיין ליכט נישט אָנגעצונדן. ער האָט זיך נישט גע־לעגט. ער האָט נישט געטראַכט. אינמיטן דער נאַכט האָט אים אַרומ־געכאַפּט דער שלאָף, בעת ער איז געזעסן, מיטן קאָפּ אין די הענט, אָנגעשפּאַרט אָן טיש. אין אַ שעה אַרום האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, פיבערנדיק צונויפגעקליבן זיינע פּאַפּירן און זיי איינגעפּאַקט אין זיין קופערט. דערנאָך האָט ער זיך אַ וואָרף געטון אויפן בעט און איז אָפּגעשלאָפן ביזן באַגינען. דער־נאָך איז ער אַראָפּ מיט זיינע פּעקלעך אונטן און איז אַוועקגעפאָרן. מ'האָט געוואַרט אויף אים אַ גאַנצן פרימאָרגן. אַ גאַנצן טאָג האָט מען אים אַרומגעזוכט. זשאַקלין, וואָס האָט באַהאַלטן איר צאָרן אונ־טער כלומרשטער גלייכגילטיקייט, האָט זיך אָנגערופן מיט שפּאָט, אַז מען וואָלט געדאַרפט איבערציילן דאָס זילבער. ערשט אויפן צווייטן אָוונט האָט אָליוויער באַקומען פון קריסטאָפן אַ בריוו:

— מיין טייערער! זיי אויף מיר נישט בייז, וואָס איך בין פלוצלינג אָפּגעפאָרן, ווי אַ משוגענער. איך בין שוין איינמאָל אַ משו־גענער, דאָס ווייסטו דאָך אַליין גאַנץ גוט. וואָס קאָן איך מאַכן? אַט אַזאַ בין איך שוין. איך דאַנק דיר פאַר דיין האַרציקער גאַסטפריינט־

לעכקייט. דאָס האָט מיך זייער אָפּגעפרישט, אָבער דו ווייסט דאָך, אַז איך בין נישט באַשאַפן צו לעבן צוזאַמען מיט אַנדערע. איך צווייפל בכלל, צי איך בין באַשאַפן פאַרן לעבן. איך וואָלט בעסער געדאַרפט בלייבן זיצן אין אַ ווינקל און ליב האָבן די מענטשן פון דער ווייטן. דאָס וואָלט געווען קליגער. ווען איך זע די מענטשן זייער נאָענט, ווער איך אַ מענטשן־שונא און דאָס וויל איך נישט זיין. איך וויל די מענטשן ליב האָבן. אָ, ווי גערן וואָלט איך פאַר אייך עפּעס געטון, ווען איך זאָל פאַר אייך קאָנען עפּעס אויפטון, אַז איר, אַז דו זאָלסט גליקלעך זיין. מיט וואָס פאַר אַ פרייד וואָלט איך דערפאַר אַוועקגעגעבן דאָס גאַנצע גליק, וואָס איז מיר באַשערט. אָבער איך קאָן עס נישט טון. מען קאָן נאָר אַנדערע ווייזן דעם וועג, אָבער אַליין גיין מיטן וועג קאָן מען נישט. יעדערער מוז זיך באַפרייען אַליין. באַפריי זיך! באַפרייט זיך!

פון גאַנצן האַרצן דיינער
קריסטאָף

— האַרציקע גרוסן פאַר מאַדאַם זשאַנען"

„מאַדאַם זשאַנען" האָט איבערגעלייענט דעם בריוו מיט צוזאַ־זאַמענגעפּרעסטע ליפּן און אַ שמייכל פון פאַראַכטונג. זי האָט טרוקן געזאָגט:

— נו, פאָלג זיין עצה! באַפריי זיך!

אָבער ווען אָליוויער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו נעמען צוריק דעם בריוו, האָט זשאַקלין צעפּליקט דעם פּאַפּיר און געוואָרפן אויף דער ערד, צוויי גרויסע טרערן האָבן זיך איר אַראָפּגעקייקלט איבערן פּנים.

אָליוויער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַרן האַנט.

— וואָס איז דיר? — האָט ער גערירט געפרעגט.

— לאָז מיך אָפּ! — האָט זי מיט כעס אויסגעשריגן.

זי איז אַרויסגעגאַנגען. אויף דער שוועל האָט זי אויסגע־רופן:

— איר זענט אַלע עגאָיסטן!

קריסטאָף האָט לסוף דערפירט דערצו, אַז זיינע אַפּטרופּסים פון דעם „גראַנד-זשורנאַל" זענען אים געוואָרן שונאים. דאָס איז געווען לייכט פאָרויסצוזען. דער אויבערשטער האָט געשאָנקען קריסטאָפן די טוגנט, וואָס געטהע האָט אַזוי געריימט: די אומדאַנקבאַרקייט.

— דער ווידערווילן צו אומדאַנקבאַרקייט — איז זייער זעלטן און טרעפט זיך נאָר ביי גרויסע מענטשן: ביי די וואָס האָבן מיט גרויס מאַטערניש דורכגעלעבט שווערע צייטן, זענען כסדר געווען אין אַן אומבאַהאָלפענע לאַגע, האָבן זיך פון דער יוגנט אָן, אויף שריט און טריט געמוזט שטופן און בעטן הילף ביי אַלע באַגעגנטע מענטשן, וואָס האָבן זיי אָפטמאָל דורך זייער שטות פון בעלי טובות דעם טויט נעמאַכט און זענען זיי געוואָרן עקלהאַפט...

קריסטאָפן איז אויפן זינען נישט אַרויף, אַז ער זאָל פאַר דער באַקומענער הילף זיך מוזן דערנידעריקן אָדער — וואָס עס באַדייט דאָס זעלבע — זיך אָפּזאָגן פון זיין פרייהייט. ער אַליין האָט נישט געבאָרגט זיינע טובות צו אַנדערע פאַר אַזוי פיל און אַזוי פיל פראָצענט, נאָר ער האָט זיי אַוועקגעשענקט, זיינע בעלי טובות האָבן אָבער געהאַט וועגן דעם אַן אַנדערע מיינונג. זיי האָבן זיך געפילט געטראָפן אין זייערע אויסגערעכנטע מאָראַל-באַגריפן וועגן די פליכטן פון אַ בעל-חוב, ווייל קריסטאָף האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצושרייבן אַ מוזיקאַלישן הימן לכבוד אַ געוויסער רעקלאַמע-פייערונג, וואָס די דאָזיקע צייטונג האָט איינגעאָרדנט. זיי האָבן אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיין האַנדלונג איז נישט פאַסיק. קריסטאָף האָט זיי אַלעמען געשיקט צו אַלדי שוואַרצע יאָר. לסוף האָט ער מיט זיי אינגאַנצן איבערגעריסן, ווען ער האָט געגעבן אַן עפנטלעכע ערקלערונג וועגן די באַהויפּטונגען, וואָס די צייטונג האָט אים צוגעשריבן.

מ׳האָט אָנגעהויבן קעגן אים אַ ריכטיקן קאַמף. מען האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום מיטלען. מ׳האָט ווידער אַרויסגעצויגן פונם אַרסענאַל פון די געמיינהייטן די אַלטע קריגס-מאַשין, וואָס דינט אַלע שוואַכע מענטשן, קעגן די נייע שעפער: זי האָט טאַקע קיינעם נישט געקאָנט חרוב מאַכן, אָבער איר איינדרוק אויף די קליינקעפּלדיקע מענטשן איז געווען זייער אַ שטאַרקער: מען האָט אים באַשולדיקט אין פּלאַגיאַט. מ׳האָט אַרויסגענומען פון זיינע ווערק און פון נישטיקע ווערק פון זיינע קאָלעגן אַזעלכע שטעלן, וואָס זענען געוואָרן זייער געשיקט צוזאַמענגעשטעלט און צורעכטגעמאַכט, און מען

האָט אויפגעוויזן, אַז ער האָט געגנבעט זיינע קאָמפּאָזיציעס פון אַנדערע. מ'האָט אים באַשולדיקט אין דער כוונה צו שטערן אַנדערע יונגע קינסטלער. ווען ער וואָלט כאָטש געהאַט צו טון בלויז מיט יענע קליינקעפּלדיקע קריטיקער, וואָס קריכן אַרויף אויף די אַקסלען פון אַ גרויסן מאַן און שרייען: „איך בין גרעסער פון דיר!" — אָבער ניין; אַפילו די באַגאַבטע קריטיקער זענען אויף אים אָנגעפאַלן. יעדערער האָט געטון וואָס ער האָט געקאָנט, כדי צו לעגן שטיינער אויפן וועג פון זיינע קאָלעגן. און דאָך, ווי עמעצער האָט ריכטיק געזאָגט, איז דאָך די וועלט אַזוי גרויס, אַז יעדערער וואָלט געקאָנט אַרבעטן אין פרידן; און יעדערער פאַרמאָגט שוין אין זיין אייגענעם טאַלענט אַ שונא, וואָס גיט אים גענוג שטאָף צו שאַפן.

עס האָבן זיך געפונען אין דייטשלאַנד קינסטלער, וואָס האָבן געליפערט מחמת קנאה פאַר קריסטאָפס געווער שונאים. אָדער אַפילו ספּעציעל אויסגעזוכט.

אויך אין פראַנקרייך האָבן זיך געפונען אַזעלכע מענטשן. די נאַציאָנאַליסטן פון דער מוזיקאַלישער פרעסע — צווישן זיי זענען געווען אַסאַך אויסלענדער — האָבן אים געוואָרפן אין קאָפּ אַריין זיין אָפּשטאַמונג ווי אַ באַליידיקונג. קריסטאָפס רום איז אין משך פון דער צייט זייער געוואַקסן; און אַזוי ווי ער איז נאָך דערצו געווען אין דער מאָדע, האָט מען פאַרשטאַנען, אַז ער רייצט אַסאַך מענטשן מיט זיינע גוזמאות. קריסטאָף האָט איצט געהאַט אין דעם קאָנצערט-עולם, צווישן געזעלשאַפטס-מענטשן, ליטעראַטן און מיטאַרבעטער פון די יינגסטע צייטשריפטן, באַגייסטערטע אָנהענגער, וואָס האָבן געכאַפּט התפעלות פון אַלץ, וואָס ער האָט געטון, און האָבן דערקלערט, אַז פאַר אים איז קיין מוזיק נישט געווען. אַנדערע האָבן געפונען אין זיינע ווערק פילאָזאָפישע כוונות, וואָס האָט אים דערשטוינט אויפן העכסטן אופן. אַנדערע האָבן געזען אין זיי אַ מוזיקאַלישע רעוואָלוציע, אַ שטורם, לויף קעגן אַלע ווערק, וואָס קריסטאָף האָט באמת געשעצט מער ווי אַלע אַנדערע. אַ פּראָטעסט פון זיין זייט וואָלט געווען צוועקלאָז. מען וואָלט אים באַלד אויפגעוויזן, אַז ער ווייסט נישט אַליין, וואָס ער האָט געשריבן. בעת זיי האָבן אים באַוואונדערט, האָבן זיי גלייכצייטיק באַוואונדערט זיך אַליין. אָט אַזוי האָט דער קאַמף קעגן קריסטאָפן געפונען אַן הסכמה צווישן די דאָזיקע פון זיינע קאָלעגן, וואָס האָבן פשוט מורא געהאַט זיך אָנצוהויבן מיט די פאַך-לייט. כדי

אָפּצוּוואַרפן זיין מוזיק האָבן זיי נישט געדאַרפט האָבן קיין שום סיבה. אַנדערע האָבן אויפגענומען קעגן קריסטאָפן די נאַטירלעכע אויפרעגונג פון די מוזיקער, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שום אידעען, אָדער זיי האָבן זי אויסגעדריקט אָן שום מי, לויט אויסגעלערנטע פאָרמולן; די אויפרעגונג קעגן אַ מענטשן, וואָס איז פול מיט אידעען, נאָר באַנוצט זיך מיט זיי מיט אַ געוויסער אומגעשיקטקייט, אין דער אומאויפהערלעכער פּרוכטבאַרקייט פון זיין שעפערישער פאַנטאַזיע. ווי אָפט מען האָט אים געמאַכט אַ פאָרוואורף, אַז ער פאַרשטייט נישט זיין אַרבעט, און דאָס האָבן דווקא געמאַכט נעבעכדיקע מוזיקשרייבער, וואָס פאַר זיי האָט „סטיל" באַדייט אַ צוזאַמענשטעל פון שול־רעצעפטן, לויט וועלכע מען דאַרף אויסגיסן די געדאַנקען אין באַק־פאָרמען. קריסטאָפס בעסטע פריינט זענען געווען די, וואָס האָבן זיך געגעבן די קלענסטע טירחא אים צו פאַרשטיין און האָבן אים דאָך פאַרשטאַנען, ווייל זיי האָבן אים פראָסט־פּשוט ליב געהאַט, אָבער דאָס זענען געווען קבצנים, וואָס האָבן קיין שטוב נישט געהאַט. דער איינציקער, וואָס וואָלט מיט דער גאַנצער קראַפט געקאָנט ענטפערן אין קריסטאָפס נאָמען — אָליוויער — איז געווען ווייט פון אים, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט אין קריסטאָפן פאַרגעסן. אָט אַזוי איז קריסטאָף געווען אַרומגערינגלט פון שונאים, וואָס האָבן איינער דעם אַנדערן געוואָלט איבעריאָגן, צו ברענגען קריסטאָפן וואָס מער שאָדן. פול מיט עקל האָט ער זיי געלאָזט לויפן. ווען ער האָט געלייענט דעם אורטייל, וואָס אַ געוויסער הערשנדיקער קריטיקער האָט אַרויסגעטראָגן איבער אים מיט דער גאַנצער אומפאַרשעמטקייט פון דער הויכקייט פון אַ גרויסער צייטונג, די עמי־הארצות און די זיכערקייט, מיט וועלכער ער האָט גערעדט, האָט ער געהויבן מיט די אַקסלען און געזאָגט:

— טראַכט וועגן מיר, וואָס דו ווילסט. איך טראַכט מיר וועגן דיר דאָס מייניקע, אין הונדערט יאָר אַרום וועלן מיר זיך דורכשמועסן.

דערווייל זענען די זילזולים געגאַנגען פאָרויס. און דער עולם האָט מיט אַ פאַרגאַפטן בליק אויפגענומען די עקלדיקסטע געמיינסטע רכילות. אַקוראַט אין יענער צייט האָט זיך קריסטאָף מישב געווען, כאָטש זיין לאַגע איז נאָך געווען גענוג שווער, זיך צו צעקריגן מיט זיין פאַרלעגער. אייגנטלעך האָט ער נישט געקאָנט האָבן צו העכטן

קיין שום טענות. זיינע ווערק האָט ער אַרויסגעגעבן פּינקטלעך און אין געשעפט איז ער געווען אָנשטענדיק. דאָס האָט אים נישט געשטערט צו שליסן מיט קריסטאָפן קאָנטראַקטן, וואָס זענען געווען פאַר קריסטאָפן זייער נישט גינסטיק. איינמאָל האָט קריסטאָף, צו זיין גרויסער איבעראַשונג געזען, אַז אַ סעפטעט איז געוואָרן איבערגעמאַכט אויף אַ קוואַרטעט און צורעכט־געמאַכט אומגעשיקט פון צוויי־הענטיקע קלאַוויר־שטיק אויף פיר הענטיקע אָן זיין וויסן. ער איז אַוועקגעלאָפן צו העכטן, אונטערגערוקט אים דעם באַשולדיגונגס מאַטעריאַל צו דער נאָז און געפרעגט:

— איר קענט עס?

— נאַטירלעך — האָט העכט געענטפערט.

— און איר האָט געהאַט די העזה... איר האָט זיך דערוועגט אָן מיין דערלויבעניש צו נישטערן אין מיינע ווערק?

— וואָס פאַר אַ דערלויבעניש? — האָט העכט רויק געפרעגט.— איירע ווערק געהערן דאָך צו מיר.

— אָבער צו מיר אויך, גלויב איך.

— ניין, — האָט העכט רויק געענטפערט.

קריסטאָף איז אַרויס פון די כּלים:

— מיינע ווערק געהערן נישט צו מיר?

— זיי געהערן נישט צו אייך, ווייל איר האָט זיי מיר פאַרקויפט.

— איר מאַכט מסתמא חוזק פון מיר. איך האָב אייך פאַרקויפט דאָס פּאַפּיר. איר קאָנט מאַכן דערפון געלט, אויב איר ווילט, אָבער וואָס דאָרטן שטייט געשריבן, דאָס איז מיין בלוט, דאָס געהערט צו מיר!

— איר האָט מיר פאַרקויפט אַלץ. פאַר דעם ווערק האָב איך אייך באַצאָלט די סומע פון דריי הונדערט פראַנק, רעכנענדיק צו דרייסיק סאַנטים פון דער ערשטער אויסגאַבע. דערפאַר האָט איר מיר איבערגעגעבן אַלע רעכט איבער אייער ווערק.

— אפילו דאָס רעכט זיי צו פאַרשמוצן?

העכט האָט געהויבן מיט די אַקסלען, אַ קלונג געטון און געזאָגט צו אַן אָנגעשטעלטן:

— ברענגט מיר די אַקטן פון הער קראַפט.

דעמאָלט האָט ער איבערגעלייענט קריסטאָפן גענוי און מיט

באַטאָנונג דעם אַקט, וואָס קריסטאָף האָט געהאַט איבערגעשריבן נישט איבערלייענענדיק, און דערפון איז אַרויסגעדרונגען, ווי עס טרעפט געווײנלעך מיט יענע קאָנטראַקטן, וואָס פלעגן אין יענע צייטן איבערגעבן דעם מוזיק־אַרויסגעבער אַלע רעכט. „אַז דער הער העכט באַקומט אַלע רעכט פון קאָמפּאָזיטאָר און דאָס אויסשליסלעכע רעכט, דאָס דערמאָנטע ווערק אַרויסצוגעבן, צו פאַרעפנטלעכן, צו דרוקן, איבערצוטראָגן, אויסצובאָרגן אָדער צו פאַרקויפן מיט רווח. און אין יעדער פאָרם, וואָס ער האַלט פאַר פּאַסיק, אויף קאָנצערטן, וואַריעטעס, טאַנץ־געזעלשאַפטן, טעאַטערן און אַזוי ווייטער, צו לאָזן אויפפירן, צו לאָזן עס איבעראַרבעטן פאַר יעדן אינסטרומענט, אַפילו צוצוגעבן דערצו טעקסט, צו באַאַרבעטן און אַפילו צו ענדערן זיין טיטול א. א. וו, א. אז. וו.״.

— איר זעט, — האָט ער געזאָגט — איך בין נאָך זייער איינגעהאַלטן.

— איך דאַרף אייך נאָך משמעות דאַנקען, — האָט קריסטאָף געזאָגט — איר האָט נאָך געקאָנט מאַכן פון סעפּטעט אַ וואַריעטעשלאַגער.

ער איז מוטלאָז אַנטשוויגן געוואָרן און באַהאַלטן דעם קאָפּ אין די הענט.

— איך האָב מיין נשמה פאַרקויפט, — האָט ער געזיפצט

— זייט זיכער, — האָט העכט איראָניש געזאָגט — אַז איך וועל דערפון נישט מאַכן קיין שלעכטן געברויך.

— און אַ טראַכט צו טון, אַז אייער רעפּובליק פאַרטראָגט אַזאַ שווינדל! איר טענהט, אַז דער מענטש איז פריי, און איר אַליין פאַרשקלאַפט זיינע געדאַנקען.

— איר האָט באַקומען אייער געלט, — האָט העכט געזאָגט.

— יאָ, דרייסיק זילבער שטיק! — האָט קריסטאָף אויסגעשריגן — נאַט אייך זיי צוריק!

ער האָט גענומען נישטערן אין זיינע טאַשן, כדי צוריקצוגעבן העכטן די דריי הונדערט פראַנק, אָבער ער האָט זיי נישט געהאַט. העכט האָט מיט אַ געוויסער פאַראַכטונג געשמייכלט. דאָס האָט קריסטאָפן אַרויסגעבראַכט פון די כלים.

— איך וויל מיינע ווערק צוריק! — האָט ער געשריגן, — איך קויף זיי אויס.

— דערצו האָט איר קיין רעכט נישט, — נאָר אַזוי ווי עס גייט מיר נישט אין לעבן צוצוהאַלטן עמעצן מיט געוואַלט, דעריבער בין איך מסכּים אייך אַרויסצוגעבן אייערע ווערק, אויב איר וועט זיין אימשטאַנד מיר אומצוקערן די אויסגעגעבענע הוצאות.

— אַזוי וויל איך טון. — האָט קריסטאָף געזאָגט — אויב איך זאָל אַפילו דאַרפן פאַרקויפן זיך אַליין.

ער איז אָן שום טענות איינגעגאַנגען אויף די באַדינגונגען, וואָס העלט האָט אים אין פערצן טעג אַרום פאָרגעלעגט. אין זיין אומגלויבלעכער פאַרבלענדעניש האָט ער אויסגעקויפט די אויפלאַגעס פון זיינע ווערק פאַר אַ פינף פאַליק העכערן פרייז, ווי ער האָט אָפּגענומען, און דאָס איז אייגנטלעך נישט געווען צופיק, ווייל די סומע איז געוואָרן אויסגערעכנט גאַנץ גענוי לויטן פאַרדינסט, וואָס העלט האָט זיך געשטעלט. קריסטאָף איז נישט געווען ביכולת צו באַצאָלן די סומע און דערויף האָט העלט גערעכנט. ער האָט נישט געוואָלט טרייבן קריסטאָפן צו נויט, ווייל ער האָט אים געשעצט אַלס קינסטלער און מענטשן מער ווי אַנדערע יונגע מוזיקער. נאָר ער האָט אים געוואָלט אָנלערנען. עס איז אים נישט אָנגעשטאַנען, אַז עמעצער זאָל זיך בונטעווען קעגן די פעסט-אָנגענומענע רעכט. ער האָט די דאָזיקע באַדינגונגען אַליין נישט געשאַפן; זיי זענען געווען אַלגעמיין אָנגענומען אין יענער צייט און דעריבער האָט ער געפונען, אַז זיי זענען גערעכט. אַגב, איז ער געווען אויפריכטיק איבערצייגט, אַז קיינער קאָן נישט טון אַזוי פיל פאַרן קאָמפּאָזיטאָר, ווי דער פאַרלעגער, וועלכער קען בעסער ווי דער מחבר די מיטלען צו פאַרשפרייטן אַ ווערק, און וועלכער רעכנט זיך נישט מיט קיין געפילן און שטימונגען, וואָס — ווי ווירדיק זיי זאָלן נישט זיין — קאָנען דעם ווערק גאָרנישט העלפן. ער האָט געוואָלט פירן קריסטאָפן צו ערפאָלג, אָבער אויף זיין אופן, און מיטן תנאי, אַז קריסטאָף וועט זיך אים אונטערגעבן מיטן קאָפּ, לייב און לעבן. ער האָט אים געוואָלט געבן צו פילן, אַז מען קאָן נישט אַזוי לייכט פטור ווערן פון די התחייבותן, דעריבער האָבן זיי געשלאָסן אַ באַדינגונגס אָפּמאַך: אויב קריסטאָפן וועט זיך אין משך פון זעקס חדשים נישט איינגעבן אָפּצוגעבן דעם חוב, בלייבן די ווערק העלטס אייגנטום. עס איז געווען לייכט פאָרויסצוזען, אַז קריסטאָף וועט נישט זיין בכוח אויפצוקלויבן אַפילו קיין פערט-חלק פון דער סומע.

אָבער קריסטאָף האָט זיך עס איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין. ער האָט פאַרלאָזט זיין דירה, הגם זי איז געווען פול מיט זכרונות, כדי זיך צו דינגען אַ ביליקערע. ער האָט פאַרקויפט פאַרשידענע חפצים, וואָס קיין איינער פון זיי האָט, צו זיין איבעראַשונג, נישט פאַרמאָגט קיין באַזונדערן ווערט, פאַרשולדיקט זיך איבערן קאָפּ און געמוזט אָנקומען צו זיין אַלטן בעל טובה מוש, וואָס איז צום אומגליק אַליין געווען אויף גרויסע צרות, קראַנק און צוגעבונדן צו דער שטוב צוליב זיין רעוומאַטיזם. קריסטאָף האָט זיך אויפגעזוכט אַן אַנדערן פאַרלעגער, אָבער אומעטום האָט ער אָנגעטראָפן די זעלבע באַדינגונגען, ווי ביי העכטן, ווייל יעדער פאַרלאַג האָט זיך געשטעלט גרויסע רווחים. טיילמאָל האָט ער זיך אַפילו באַגעגנט מיט אַן אָפּזאָג.

דאָס איז פאָרגעקומען אין יענער צייט, ווען די אָנגריפן פון דער מוזיקאַלישער פרעסע קעגן אים זענען געוואָרן זייער שטאַרק. דער עיקר האָט זיך פאַרנומען אויף אים איינע פון די ערשטע פּאַריזער צייטונגען. איינער פון די רעדאַקטאָרן, וואָס האָט קיין איינמאָל נישט אונטערגעצייכנט זיין אייגענעם נאָמען, איז אים כסדר באַפאַלן. עס איז נישט אַריבער קיין וואָך, אַז אין די קליינע ידיעות פון דער צייטונג זאָל זיך נישט געפינען אַ געמיינע נאָטיץ, וואָס האָט אים געמאַכט לעכערלעך. דער מוזיק-קריטיקער האָט דערגאַנצט די אַרבעט פון זיין מאַסקירטן קאָלעגע: די מינדסטע געשעעניש איז געווען גענוג, ער זאָל אָנשמעלן קעגן קריסטאָפן דאָס צינגל. אָבער דאָס זענען געווען נאָר די ערשטע פאָרקאַמפן: יענער האָט צוגעזאָגט, אַז ביי אַ געלעגנהייט וועט ער זיך נאָך דערצו אומקערן, און דעמאָלט וועט ער זיך אָפּרעכענען מיט קריסטאָפן, לויט אַלע כללים פון דער קונסט. זיי האָבן זיך אָבער נישט געאיילט דערמיט, ווייל זיי האָבן זייער גוט געוווסט, אַז קיין שום אויסגעשפּראָכענע באַשולדיקונג מאַכט נישט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק אויפן עולם, ווי גאַנצע ריי פון עקשנותדיק-איבערגעחזרטע פאָרוווּרפן. זיי האָבן זיך געשפּילט מיט קריסטאָפן, ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז. קריסטאָף, וועלכן מען האָט צוגעשיקט די אַרטיקלען, האָט געפילט נאָר אַ פאַראַכטונג, אָבער גלייכצייטיק האָט ער אויך געליטן דערפון. ער האָט געשוויגן. און אָנשטאָט צו ענטפערן — (אגב, ווען ער זאָל עס וועלן, וואָלט ער עס אויך נישט געקאָנט) — האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אין אַ נוצלאָזן און אומגלייכן קאַמף מיט

זיינע פֿאַרלעגער. ער האָט דערביי פֿאַרלוירן כּוחות, צייט און געלט און זיינע איינציקע מיטלען, באַפֿרייענדיק זיך פֿון דער רעקלאַמע, וואָס העכט האָט געמאַכט פֿאַר זיין מוזיק.

פֿלוצלינג האָט זיך אַלץ געענדערט. דער אַרטיקל, וואָס איז פֿאָרויסגעזאָגט געוואָרן אין דער צייטונג, איז נישט דערשינען. די אָנפֿאַלן האָבן אויפֿגעהערט. דער קאַמף איז געוואָרן איבערגעריסן. יאָ, נאָך בעסער: אין אַ צוויי אָדער דריי וואָכן אַרום האָט דער קריטיקער פֿון דער צייטונג פֿאַרעפֿנטלעכט אַ פּאָר לייכט־אָנגעוואָרפֿענע לויבנדיקע שורות, וואָס האָבן קלאָר עדות געזאָגט, אַז ס'איז געשלאָסן געוואָרן אַ שלום. אַ גרויסער לייפּציקער מוזיק־פֿאַרלעגער האָט געשריבן צו קריסטאָפֿן און אים אָנגעבאָטן די פֿאַרעפֿנטלעכונג פֿון זיינע ווערק; און דער קאָנטראַקט איז געשלאָסן געוואָרן אויף זייער גוטע באַדינגונגען. אין אַ זייער העפֿלעכן בריוו, וואָס האָט געטראָגן אויף זיך דעם זיגל פֿון דער עסטרייכישער אַמבאַסאַדע, האָט מען געבעטן קריסטאָפֿן, ער זאָל דערלויבן אַריינצונעמען באַשטימטע ווערק זיינע אין דעם פּראָגראַם פֿון די גרויסע פֿייערלעכע אָוונטן פֿון דער אַמ־באַסאַדע. קריסטאָפֿס ליבלינג פֿילאָמעלע איז איינגעלאַדן געוואָרן אויף איינעם פֿון יענע אָוונטן און דערנאָך האָט מען זי שוין כּסדר איינ־געלאַדן אין אַלע אַריסטאָקראַטישע סאַלאָנען פֿון דער דייטשער און איטאַליענישער קאָלאָניע אין פּאַריז. קריסטאָף אַליין האָט זיך געמוזט באַווייזן אויף איינעם פֿון יענע קאָנצערטן און איז אויפֿגענומען גע־וואָרן אין דער אַמבאַסאַדע זייער ליבנסווירדיק. אַ פּאָר ווערטער פֿון דעם שמועס האָבן אים איבערצייגט, אַז דער גאַסטפֿריינטלעכער באַ־לעבאָס, וואָס האָט אין מוזיק קיין שום ידיעה נישט געהאַט, קען נישט קיין איינס פֿון זיינע ווערק. פֿון וואַנען זשע נעמט זיך אָט דער שטאַרקער אינטערעס? עפּעס אַן אומגעזעענע האַנט האָט גע־שוועבט איבער אים, וואָס האָט אים געפֿירט איבערן וועג. קריסטאָף האָט זיך גענומען אויספֿרעגן. דער אַמבאַסאַדאָר האָט געגעבן אָנצו־הערן, אַז צוויי הויכע פּראָטעקטאָרן, דער גראַף און די גרעפֿין בערעני, אינטערעסירן זיך זייער מיט זיין שאַפֿונג. קריסטאָף האָט אַפֿילו נישט געקענט זייערע נעמען. און אויף די אויפֿנאַמעס פֿון דער אַמבאַסאַדע האָט ער נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו ווערן פֿאָרגעשטעלט פֿאַר זיי. אגב, איז אים נישט געגאַנגען אין לעבן זיי צו דערקענען. ער האָט גראָד דורכגעלעבט אַ צייט פֿון ווידערווילן

צו מענטשן, ווען ער האָט נישט גערעכנט נישט אויף קיין פריינט, נישט אויף קיין שונאים: פריינט און שונאים זענען אים איצט געווען אין דער זעלבער מאָס גלייכגילטיק; איין בלאָז האָט זיי געקאָנט אומוואַרפן; מ'האָט זיך געמוזט אויסלערנען זיין שטאַרק און זאָגן זיך פּונקט ווי יענער אַלטער מאַן פון דעם זיבצעגטן יאָרהונדערט:

— גאָט האָט מיר געגעבן פריינט און האָט זיי מיר צוגענומען. זיי האָבן מיך פאַרלאָזן. איך לאָז זיי גיין און נעם זיך נישט צום האַרצן.

זינט ער האָט זיך אומגעקערט צו אָליוויערס הויז מיטן רוקן, האָט יענער מער נישט געגעבן קיין סימן פון לעבן. ס'האָט זיך גע־דאַכט, אַז צווישן זיי איז אַלץ איבערגעריסן געוואָרן. נייע פריינט־שאַפטן האָט קריסטאָף אויסגעמיטן. ער האָט געטראַכט וועגן דעם גראַף און דער גרעפין בערעני, ווי וועגן פיל אַנדערע סנאָבן, וואָס האָבן זיך אָנגערופן זיינע פריינט; און ער האָט גאָרנישט געטון זיי אַנטקעגנצוקומען. ער האָט זיי פּשוט געוואָלט אויסמיידן.

מיטן גאַנצן האַרצן וואָלט ער אַנטלאָפן פון פּאַריז. ער האָט געפילט אַ באַדערפעניש זיך צו באַהאַלטן אויף אַ פּאָר וואָכן אין שטילער איינזאַמקייט. ווען ער האָט כאָטש איין טאָג! נאָר איין איינציקער טאָג, כדי זיך אומצוקערן אין זיין היים־לאַנד, כדי אָנצו־שעפן פרישע כּוחות! ביסלעכווייז איז דער דאָזיקער געדאַנק אַריבער אין אַ קרענקלעכן באַגער. ער האָט געוואָלט ווידער זען זיין טייך, זיין הימל, די ערד פון זיינע טויטע. ער האָט זיי געמוזט ווידער זען. אָבער ער האָט עס נישט געקאָנט, סיידן מען זאָל איינשטעלן די פרייהייט אין געפאַר: ער איז נאָך אַלץ געווען אונטערן באַפעל פון אַרעסט, וואָס איז נאָך חל געווען זינט זיין אַנטלויפן פון דייטש־לאַנד. אָבער ער האָט זיך געפילט צוגעגרייט צו אַלערליי משוגעתן, אַבי צו פאָרן אַהיים צו פאַרברענגען כאָטש איין איינציקן טאָג.

צום גליק האָט ער זיך דורכגעשמועסט וועגן דעם מיט איינעם פון זיינע נייע פּראָטעקטאָרן. אַ יונגער אַטאַשע פון דער דייטשער אַמבאַסאַדע, מיט וועלכן ער האָט זיך באַקענט יענעם אָוונט, בעת מען האָט אויפגעפירט זיינע ווערק, האָט אים געזאָגט, אַז זיין לאַנד מעג זיין שטאָלץ מיט אַזאַ מוזיקער ווי ער. קריסטאָף האָט ביטער געענטפערט:

— עס איז אַזוי שטאָלץ מיט מיר, אַז עס לאָזט מיך בעסער

שטאַרבן פאַר זיין טיר, אַבי מיך נישט אַריינצולאָזן.

דער יונגער דיפּלאָמאַט האָט געבעטן אַ דערקלערונג; אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער אויפגעזוכט קריסטאָפן און געזאָגט:

— אין די הויכע ספערן אינטערעסירט מען זיך מיט אייך, אַ הויך־געשטעלטע פּערזענלעכקייט, וואָס באַזיצט אַליין די מאַכט בטל צו מאַכן דעם אורטייל, וואָס הענגט איבער אייך, איז אינפאָרמירט געוואָרן וועגן אייער לאַגע, און האָט צוגעזאָגט עפּעס צו טון פאַר אייך. איך פאַרשטיי אפילו נישט ווי אייער מוזיק קאָן אים געפעלן ווערן, ווייל, צווישן אונז געשמועסט, פאַרמאָגט ער נישט קיין באַזונדערס גוטן געשמאַק, אָבער ער איז קלוג און גרויסמוטיק. עס איז אוממעגלעך בטל צו מאַכן דעם אַרעסט־באַפעל קעגן אייך, אָבער די מאַכט וועט צומאַכן די אויגן, און איר קאָנט פאָרן קיין דייטשלאַנד און פאַרברענגען אין אייער געבורטשטאָט צוויי מעת לעת. אָט איז אַ פּאַספּאָרט. איר מוזט אים מעלדן ביים אַריינפאָרן און ביים אַרויספאָרן. זייט פאָרזיכטיק, כדי איר זאָלט נישט אָן שום נוצן ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט.

קריסטאָף האָט ווידער געזען די ערד פון זיין פאָטערלאַנד. ער האָט פאַרבראַכט דיביידע טעג, וואָס מען האָט אים דערלויבט, אויף שמועסן מיט דער ערד און מיט די, וואָס זענען אין איר געלעגן. ער האָט געזען זיין מאַמעס קבר. ער איז געוועזן באַוואַקסן מיט גראָז. אָבער עס זענען געלעגן אויף אים אויך פאַרטרוקנטע בלומען. זייט ביי זייט האָבן גערוט דער טאַטע און דער זיידע. ער האָט זיך צוגעזעצט. דער קבר האָט זיך געפונען האַרט ביים בית־עלמין־מויער. אַ קאַשטאַן בוים, וואָס איז געוואַקסן אויף דער אַנדערער זייט פון שאָטיי האָט אים באַשאָטנט. איבער דער נידעריקער וואַנט האָט מען געזען די גאָלדענע תבואות, וואָס דער לייכטער ווינט האָט צעכוואַליעט. די זון האָט געטראָגט איבער דער דרימלענדיקער ערד. עס איז דערגאַנגען אַהער דאָס געזאַנג פון די פייגל אין די פעלדער און דער זיסער רויש פון די ציפּרעסן איבער די קברים. קריסטאָף איז געוועזן אַליין און האָט געטרוימט. זיין האַרץ איז געוועזן פול מיט

דו. ער איז געזעסן אַרומגענומען מיט די הענט די קני, אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אין דער וואַנט און אַרויפגעקוקט צום הימל. זיינע אויגן האָבן זיך אויף אַ ווײלע געשלאָסן. ווי פּשוט דאָס איז אַלץ געווען! ע־ האָט זיך געפּילט אין דערהיים, צווישן די אייגענע, פּונקט ווי ער וואָלט געהאַלטן זייער האַנט אין זיינע. די שעהן זענען געלאָפן. אָוונט־צו האָט מען געהערט סקריפּען טריט אויפן זאַמד פון די אַלעען. דער וועכטער פון בית־עולם איז אָנגקומען און דערזען קריסטאָפן זיצן. קריסטאָף האָט אים געפרעגט, ווער ס'האָט אַהער געבראַכט די בלומען. יענער האָט געענטפערט, אַז די פאַכטערין פון בואיר קומט אַהער איינמאָל אָדער צוויי מאָל אַ יאָר.

— לאָרכען? — האָט געפרעגט קריסטאָף.

זיי האָבן זיך צערעדט.

— איר זענט דער זון? — האָט דער וועכטער געפרעגט.

— זי האָט געהאַט דריי. — האָט קריסטאָף געענטפערט.

— איך מיין דעם פון האַמבורג; די אַנדערע זענען אַוועק אויף קרומע וועגן.

קריסטאָף איז געזעסן אומבאַוועגלעך, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט און געשוויגן. די זון איז אונטערגעגאַנגען.

— איך מאַך שוין צו. — האָט דער וועכטער געזאָגט.

קריסטאָף איז אויפגעשטאַנען און האָט דורכגעמאַכט צוזאַמען מיט אים דעם רונדן וועג אַרום דעם בית עולם. דער וועכטער האָט געשפּילט די ראָל פון אַ וועג־ווייזער. קריסטאָף איז געבליבן שטיין כדי איבערצולייענען די אויפשריפטן. וויפיל באַקאַנטע האָט ער דאָ געטראָפן! — דער אַלטער איילער, זיין איידעם, דאָרטן ווייטער — חברים פון די קינדער־יאָרן. קליינע מיידלעך, מיט וועלכע ער האָט זיך געשפּילט, — און דאָרט אַ נאָמען, וואָס האָט אים אַ נעם געטון ביים האַרצן: אַדאַ...

— פרידן זיי אַלע!

די פלאַמען פון דער אונטערגייענדיקער זון האָבן רויט באַ־פאַרבט דעם שטילן האָריזאָנט. קריסטאָף איז אַרויסגעגאַנגען. ער האָט לאַנג געוואַנדערט איבער די אַרומיקע פעלדער. די שטערן האָבן זיך אָנגעצונדן...

דעם צווייטן טאָג איז ער ווידער געקומען און פאַרבראַכט דעם נאָכמיטאָג אויפן זעלבן אָרט. אָבער די שיינע, שווייגנדיקע רויקייט

פון נעכטן איז פאַרשווונדן געוואָרן. זיין האַרץ האָט געזונגען אַ זאָרג־לאָזן גליקלעכן הימן. ער האָט זיך געזעצט אויף דער מצבה און אויף דער קני פאַרשריבן מיט בלייפעדער אין אַ נאָטיץ־העפט דאָס געזאנג, וואָס ער האט פארנומען.

אָט אַזוי איז אַריבער דער טאָג. ער האָט זיך געפילט, ווי ער וואָלט געאַרבעט אין זיין אַמאָליקן צימערל, בעת די מאַמע איז געזעסן דערביי הינטער דער דינער וואַנט. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן און ער האָט געוואָלט אַוועקגיין;—ער איז שוין געווען עטלעכע שריט ווייט פון קבר,—האָט ער זיך באַקלערט, איז צוריקגעגאַנגען און האָט פאַרגראָבן זיין העפט אין גראָז. אַפּאָר רעגן־טראָפּנס זענען אַראָפּגעפאַלן. קריסטאָף האָט געטראכט:

— עס וועט שנעל אָפּגעווישט ווערן. נו, ס'איז גוט אַזוי! ס'איז גאָר פאר דיר און מער פאר קיינעם נישט.

ער האָט אויך געזען דעם טייך, די באַקאַנטע גאסן, וואָס זענען אַזוי שטארק פארענדערט געוואָרן. פאר די טויערן פון דער שטאָט, אויף די אַלטע פאָרטן, האָט איצט געבליט דאָס קליינע אַקאַציע ביימל, וואָס מ'האָט דאָ אַמאָל איינגעפלאַנצט. נאָר איצט איז עס שוין געווען אַ בוים. ווען ער איז פארבייגעגאַנגען דעם גאָרטן פון מאַדאַם פאָן קעריך, האָט ער דערקענט דעם זעלבן פלויט, אויף וועלכן ער האָט קינדוויז געקלעטערט כדי צו זען דעם פארק. און ער האָט זיך געוווּנדערט, ווי קליין עס איז געוואָרן די גאס, די מויער, דער גאָרטן. פאַרן טויער, ביים אַריינגאַנג איז ער אַ ווײַלע שטיין געבליבן, ווען ער האָט ווידער געגומען גיין, איז דורכגעפאָרן עפּעס אַ וואָגן. מעכאַניש האָט ער געוואָרפן אַ בליק, און זיינע אויגן האָבן באַגעגנט אַ פרישע, צאַרטע פריילעכע, יונגע דאַמע, וואָס האָט אים בייגעריק אָנגעקוקט. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי פון דערשטוינונג, אויף איר ווונק האָט מען פארהאלטן דעם וואָגן.

— הער קראַפט!—האָט זי אויסגערופן.

קריסטאָף האָט זיך אָפּגעשטעלט.

לאַכנדיק האָט זי געזאָגט:

— מינא...

ער איז צוגעגאנגען צו איר. ער איז אָבער געווען אַזוי צערודערט, ווי אין דעם טאָג פון זייער ערשטער באַגעגעניש. זי איז געווען אין דער געזעלשאַפט פון אַ הויכן, דיקן, פליכעוואַטן הער מיט

העלדיש-אַרויפגעקוקטע וואָנסן. דאָס איז געווען איד מאַן. אַ ריכטער. זי האָט געוואָלט קריסטאָף זאָל אַרויפגיין צו זיי אַהיים, ער האָט גע- פּרוּווט זיך אָפּזאָגן, אָבער מינאַ האָט אויסגעפירט:

— ניין, ניין, ער מוז גיין, ער מוז מיט זיי עסן.

זי האָט גערעדט זייער הויך און זייער שנעל. זי האָט גלייך גענומען דערציילן פון איר לעבן כאָטש קיינער האָט זי נישט גע- פרעגט. קריסטאָף איז געווען באַטויבט פון איר פּלוידעריי און געפיל- דער, ער האָט געהערט נאָר אַ העלפט און בשעת מעשה זי באַטראַכט. דאָס איז, הייסט עס, זיין קליינע מינאַ! זי איז געווען בליענדיק. גע- זונט, פעסט-געבויט, געהאַט אַ שיינע הויט און ראָזע פאַרבן, אָבער צעשווומענע שטריכן און אַ ברייטלעכע נאָז. אירע באַוועגונגען, איר געשטאַלט און ליבנסווירדיקייט זענען געבליבן די זעלבע, נאָר די מאָסן האָבן זיך געענדערט.

דערווייל האָט זי נישט אויפגעהערט צו פּלוידערן. זי האָט דערציילט קריסטאָפן מעשיות וועגן איר פאַרגאַנגענעם לעבן, אינטימע געשיכטעס, למשל, ווי זי האָט זיך פאַרליבט אין איר מאַן, ווי ער האָט זיך פאַרליבט אין איר. קריסטאָף האָט זיך געפילט מאָדנע שווער, זי האָט פאַרמאָגט אַ קריטיק-לאָזן אָפּטימיזם, וואָס האָט לפּחות אין באַצוג צו אַנדערע, אידעאַליזירט אַלץ, וואָס האָט געהערט צו איר: איר געבורטס-שטאָט, איר הויז, איר משפּחה, איר מאַן, איר קינד, אירע פיר קינדער און זיך אַליין. זי האָט געזאָגט וועגן איר מאַן, דווקא אין זיין געגנוואַרט, אַז ער איז דער גרויסאַרטיקסטער מענטש, וועלכן זי האָט ווען עס איז באַגעגנט, אַז ער איז אַן אמתער „אי- בערמענטש". דער „איבערמענטש" האָט מיט אַ שמייכל אַ גלעט געטון מינאַן איבער די באַקן און פאַרזיכערט קריסטאָפן, אַז זי איז „אַ העכסט באַדייטנדיקע פרוי".

דער הער ריכטער איז משמעות געווען אינפאָרמירט וועגן קרי- סטאָפס לאַגע. און אַזוי ווי ער האָט נישט געוווסט צי זאָל ער אים באַהאַנדלען העפלעך אָדער נישט, — פון איין זייט צוליב דער שווע- רער שטראָף, וואָס האָט אים געדראָט, פון דער צווייטער זייט די הויכע פּראָטעקטאָרן, וואָס האָבן אים באַשיצט, — האָט ער דעריבער באַשלאָסן צו טון ביידע זאַכן מיטאַמאָל: צו זיין אַ מינוט העפלעך און אַ מינוט נישט העפלעך. אָבער מינאַ האָט גערעדט אָן אויפהער. ווען זי האָט שוין קריסטאָפן גענוג אָנדערציילט וועגן זיך, האָט זי

גענומען רעדן וועגן אים. זי האָט אים געמאַטערט מיט זייער־אינטימע פראַגן, פונקט ווי זי אַליין האָט אים אינטים געענטפערט אויף פראַגן, וואָס ער האָט איר בכלל נישט געשטעלט. זי איז געווען ענטציקט, וואָס זי זעט ווידער קריסטאָפן. פון זיין מוזיק האָט זי גאָרנישט געקענט, אָבער זי האָט געוווּסט, אַז ער איז באַרימט, און ס'האָט איר הנאה געטון, וואָס ער האָט זי אַמאָל ליב געהאַט (און וואָס זי האָט אים אָפגעזאָגט). זי האָט עס דערמאָנט מיט שפּאַס, אָן שום צערטלעכע געפילן. דאַן האָט זי אים געבעטן אַן אונטערשריפט אין איר אַלבאָם. זי האָט אים אויספירלעך אויסגעפרעגט וועגן פאַריז. צו דער דאָזיקער שטאָט האָט זי אַרויסגעוויזן פונקט אַזוי פיל נייגעריקייט, ווי פאַראַכטונג. זי האָט געטענהט, אַז זי קען פאַריז זייער גוט, ווייל זי האָט געזען די פאָליבערזשער, די אָפערע, דעם מאָנמארטער און סען־קלו. לויט איר מיינונג זענען אַלע פאַריזערינס געווען קאָקאָטעס, שלעכטע מאַמיס, וואָס האָבן וואָס־מעגלעך ווייניקער קינדער, פאַרנעמען זיך נישט מיט זיי און לאָזן זיי איבער אין שטוב, בעת זיי אַליין גייען אַוועק אין טעאַטער אָדער אין פאַרוויילונגס־לאָקאַלן. קיין שום תירוצים האָט זי נישט געוואָלט אָננעמען. אין משך פון דעם אָוונט האָט זי געבעטן קריסטאָפן, ער זאָל עפּעס שפּילן אויפן פּיאַנינאָ. זי האָט איינגעפונען, אַז די זאַך וואָס ער האָט געשפּילט איז פּראַכטפול. אָבער אין דער אמתן האָט זי נאָך שטאַרקער באַוווּנדערט דאָס שפּילן פון איר מאַן און אַפילו זיך אַליין.

קריסטאָף האָט געהאַט דעם כבוד צו טרעפן אין מינאַס הויז איר מוטער, די מאַדאַם פאָן קעריך. עס איז אים געבליבן אין האַרצן אַ שטילע צערטלעכקייט צו איר, ווייל זי איז אַמאָל צו אים גוט געווען. פון איר גוטסקייט האָט זי נאָך גאָרנישט געהאַט פאַרלוירן. זי איז געווען נאַטירלעכער ווי מינאַ. אָבער זי האָט נאָך אַלץ באַהאַנדלט קריסטאָפן, ביי איר גאַנצער צערטלעכקייט, מיט יענער דינער איראָניע, וואָס האָט אים אַמאָל אַזוי וויי געטון. זי איז געבליבן שטיין אויפן זעלבן פונקט, אויף וועלכן ער האָט זי פאַרלאָזן. זי האָט נאָך ליב געהאַט די זעלבע זאַכן, און ס'איז ביי איר אויסגעקומען אוממעגלעך, אַז מען זאָל קאָנען עפּעס בעסערס אָדער אַנדערש מאַכן. זי האָט אין געדאַנק פאַרגלייכט דעם אַמאָליקן זשאַן קריסטאָף מיט דעם היינטיקן, און דער רעזולטאַט איז אַרויסגעקומען גינסטיק פאַר דעם אַמאָליקן.

אין איר סביבה האָט זיך גייסטיק קיינער נישט געענדערט אַ חוץ קריסטאָפן. די פאַרגליוועֲרטקייט פון דער קליינער שטאָט, איר ענגער האָריזאָנט, האָבן קריסטאָפן שטאַרק געדריקט. די גאַסט-פריינט-לעכע באַלעבאַטים האָבן פאַרבראַכט אַ גרויסן טייל פון אָוונט דער-מיט, וואָס זיי האָבן אים דערציילט רכילות וועגן מענטשן, וואָס ער האָט נישט געקענט. זיי האבן באַרעדט און אויסגעלאַכט אַלע לעכער-לעכקייטן פון זייערע שכנים, און אַלץ, וואָס האָט זיך אונטערגעשיידט פון זייער אייגענעם לעבנס-שטייגער, האָבן זיי געהאַלטן פאַר קאָמיש. די דאָזיקע בייזוויליקע נייגעריקייט, וואָס האָט זיך שטענדיק אָפּגע-שטעלט אויף קליינינקייטן, האָט קריסטאָפן געשטעלט אין זייער אַ שלעכטער לאַגע. ער האָט געפּרוּווט עפּעס דערציילן וועגן זיין לעבן אין אויסלאַנד. נאָר ער האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז דאָס איז אומ-מעגלעך, ווייל זיי זענען לחלוטין נישט מסוגל געווען אויפצונעמען וואָס-עס-איז פון יענער פראַנצויזישער קולטור, אונטער וועלכער ער האָט אַזוי פיל געליטן און וואָס איז אים אין דעם אויגנבליק געווען אַזוי טייער. אין זיין אייגענעם לאַנד האָט ער זי איצט געפילט ווי דעם פרייען לאַטייניש גייסט, וואָס זיין העכסטער געזעץ איז דער שכלדיקער כלל: צו פאַרשטיין וואָס מער פון דעם לעבן און פון די גייסטיקע שטרעמונגען, אַפילו אויב ס׳איז פאַראַנען אַ געפאַר עס אויפ-צונעמען צוזאַמען מיט די לייכטע זייטן-געזעצן. ביי די באַלעבאַטים פון הויז און קודם-כל ביי מינאַן, האָט ער בלויז געפונען דעם גייסט פון גאווה, וואָס ער האָט שוין אַמאָל געטראָפן און שוין געהאַט פאַר-געסן, — אַ גאַווה, וואָס נעמט זיך גלייכצייטיק אי פון אַ חסרון, אי פון אַ מעלה, — דאָס איז יענער אומברחמנותדיקער שטאָלץ, וואָס גרויסט זיך מיט זיין פעסטער צניעות, פראַוועט אַ קולט פאַר דער אָנשטענדיקייט און פילט אַ גרינגשעצונג צו אַלע מענטשן, וואָס גייען נישט מיטן אויסגעטרעטענעם וועג פון דער סטאַדע. מינאַ האָט גע-גלויבט מיט רויקער איבערצייגטער זיכערקייט, אַז זי איז אין יעדן פרט גערעכט. אין איר נייגונג צו משפטן אַנדערע, האָט זי נישט נאָכגעגעבן די מינדסטע קלייניקייט. אַגב, האָט זי זיך נישט געגעבן די מינדסטע טרחה אַנדערע צו פאַרשטיין, ווייל זי איז געווען פאַר-נומען נאָר מיט זיך. זי האָט געוואָלט געפינען פאַר איר עגאָיזם אַן אומבאַשטימטן מעטאַפיזישן שטריך. עס איז נאָר געווען אַ רייד וועגן איר „איך", וועגן דער אַנטוויקלונג פון איר „איך", אפשר איז זי

געווען אַ בראַווע, צו ליבע פֿעיקע פֿרוי, אָבער זי האָט צו שטאַרק ליב געהאַט זיך אַליין. קודם-כּל האָט זי זיך גענומען צו ערנסט. זי האָט כּסדר טייער געהאַלטן איר „איך”. מען האָט געהאַט דאָס געפֿיל אַז זי וואָלט אײַנגאַנצן אויפֿגעהערט ליב צו האָבן דעם מאַן, וועלכן זי האָט ליב געהאַט, אויב ער וועט איין איינציקן אויגנבליק נישט אָפּגעבן איר „איך” די נויטיקע אַכטונג (אַפֿילו אויב ער זאָל שפּעטער טויזנט מאָל באַדויערן)... צום טייוול מיטן „איך”. און זי וואָלט כּאָטש אַביסל געטראַכט וועגן דעם „דו”!

אָבער קריסטאָף האָט זי נישט געמשפּעט אַזוי שטרענג. ער, וואָס איז בטבע געווען אַזוי נערוועיש, האָט זי אויסגעהערט מיט אַ מלאָכישן געדולד. ער האָט זיך געווערט קעגן דעם, זי נישט צו משפּטן שלעכט חלילה. ווי מיט אַ גלאָריען-שיין האָט ער זי אַרומגערינגלט מיטן פֿרומען זכּרון פֿון זיין קינדערליבע. ער האָט געזוכט אין איר דאָס בילד פֿון דער קליינער מינאַ. און עס איז נישט געווען אוממעגלעך ווידער זי צו געפֿינען אין געוויסע באַוועגונגען; אין דעם קלאַנג פֿון איר שטים איז געווען אַ באַשטימטע באַפֿאַרבונג, וואָס האָט דערוועקט זיסע זכרונות. ער איז אינגאַנצן פֿאַרזונקען געוואָרן אין דעם, געשוויגן, געמאַכט זיך, אַז ער הערט, נאָר באמת נישט געהערט גאָרנישט, און נישט צוגעלאָזן, זי זאָל באַמערקן זיינע געפֿילן. אָבער ס'איז אים געוואָרן שווער צו קאָנצענטרירן זיינע געדאַנקען. זי האָט געמאַכט צופֿיל ליאַרם און דערמיט אים געשטערט צו זען זיין אַמאָליקע מינאַ. לסוף האָט ער זיך אויפֿגעהויבן אַביסל פֿאַרמאַטערט. אָרעמע, קליינע מינאַ! מעג מען מיר איינרעדן, אַז דו ביסט עס; אָט די שיינע, דיקע פֿרוי, וואָס שרייט אַזוי הויך און לאַנגווייליקט מיך. אָבער איך ווייס עס בעסער. קום מינאַ. וואָס האָבן מיר אַ שייכות מיט די דאָזיקע מענטשן?

ער איז אַוועקגעגאַנגען און איבערגעלאָזט זיי אין דעם גלויבן, אַז ער וועט צומאָרגנס ווידער קומען. ווען ער זאָגט זיי, אַז ער פֿאָרט נאָך אָפּ דעם זעלבן אָוונט, וואָלטן זיי אים זיכער נישט אָפּגעלאָזן ביזן אָפּפֿאָרן פֿון צוג. ביי דעם ערשטן טריט, וואָס ער האָט געשטעלט אין דער פֿינסטערער נאַכט, האָט ער זיך ווידער גוט דערפֿילט, ווי פֿריער פֿאַר דער באַגעגעניש מיטן וואָגן. דער גאַנצער שווערער אָוונט איז ווי מיט אַ שוואָם געוואָרן אויסגעמעקט פֿון דעם זכּרון: ס'איז קיין סימן נישט געבליבן. די שטים פֿון דעם רהיין האָט

אַלך פאַרשלונגען. ער איז געגאַנגען צום ברעג, ווו ס׳איז געשטאַנען דאָס הויז, אין וועלכן ער איז געבוירן געוואָרן. ער האָט עס לייכט דערקענט. די לאָדנס זענען געווען פאַרמאַכט. אַלך איז געשלאָפן. קרי-סטאָף איז שטיל געשטאַנען אויפן מיטן וועג. ס׳האָט זיך אים גע-דאַכט, אַז ער דאַרף נאָר אָנקלאַפּן אין טיר און באַקאַנטע, געשטאַלטן וועלן אים עפענען. ער איז געגאַנגען איבער די לאָנקעס, וואָס האָבן זיך געצויגן אַרום הויז, אין דער ריכטונג צום טייך, ווו ער האָט אַמאָל אין אָוונט געפלוידערט מיט גאָטפרידן. ער האָט זיך אַנידערגע-זעצט, און די פאַרגאַנגענע טעג האָבן ווידער אין אים אויפגעלעבט. דעמאָלט איז אויך אויפגעשטאַנען דאָס ליבע מיידעלע, וואָס האָט מיט אים געחלומט דעם טרוים פון דער ערשטער ליבע. זיי האָבן נאָך אַמאָל צוזאַמען איבערגעלעבט זייער יונגע צערטלעכקייט, די זיסע טרערן און אומענדלעכע האָפענונגען. און ער האָט מיט אַ האַרציקן שמייכל געטראַכט:

— דאָס לעבן האָט מיך גאָרנישט אויסגעלערנט. איך מעג נאָך האָבן אַזוי פיל דערפאַרונגען... כ׳האָב נאָך אַלך די זעלבע אילוזיעס.

— ווי גוט עס איז צו ליבן און פעסט צו גלויבן! אַלץ, וואָס קומט אין באַרירונג מיט דער ליבע איז פאַרזיכערט קעגן טויט. דו מינאַ, וואָס דו ביסט ביי מיר, — ביי מיר, נישט ביי דעם אַנדערן, דו, מינאַ, וואָס דו וועסט קיינמאָל עלטער נישט ווערן!

די לבנה איז פאַרשלייערט אַרויס פון אונטער די וואָלקנס און האָט אויף דעם קאַנט פון די כוואַליעס אויפן טייך אָנגעצונדן זילבער-נע שאָטנס. קריסטאָף האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז דער טייך איז אַמאָל נישט געשוווּמען אַזוי נאָענט צום ברעג, אויף וועלכן ער איז געזעסן. ער איז צוגעגאַנגען נענטער. יאָ, דעמאָלט איז אונטער יענעם באַרנע-בוים געווען אַ צונג לאַנד, אַ קליינער אָפּהאַנג, ווו ער האָט זיך אָפטמאָל געשפּילט. דער טייך האָט זיך פאַרשפּרייט; ער איז צו-געקומען אַלך נענטער און שוין געלעקט די וואָרצלען פון דעם באַר-נע-בוים. קריסטאָף האָט זיך געפילט פאַרקלעמט. ער איז געגאַנגען צוריק צום וואָקזאַל. אין דער ריכטונג האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדער-צעוואַקסן אַ נייער שטאָט-קוואַרטל, אָרעמע הייזלעך, בוי-פּלעצער, גרוי-סע פאַבריק-קוימענס, קריסטאָף האָט זיך דערמאַנט אָן דעם אַקאַציע-בוים, וואָס ער האָט געזען נאָכמיטאָג. און ער האָט געטראַכט:

— אויך דאָרטן נאָגט דער טייך....

די אַלטע שטאָט, וואָס איז געשלאָפֿן אין דער טונקלקייט איז אים נאָך טייערער געוואָרן מיט אַלץ, וואָס זי האָט פֿאַרמאָגט, מיט די לעבעדיקע און טויטע; ווייל ער האָט געפֿילט, אַז איר דראָט אַ געפֿאַר... דער שונא איז אין שטאָט...

גיכער, לאָמיר ראַטעווען אונזערע! דער טויט לויערט אויף אַלץ, וואָס מיר ליבן. לאָמיר גיכער איבערגיסן אין אומפֿאַרגענגלעכן בראָנז דאָס פּנים, וואָס וועט באַלד פֿאַרשווינדן! לאָמיר ראַטעווען די אוצרות פֿון דעם פֿאָטערלאַנד פֿאַרן פֿלאַם, איידער דאָס פֿייער וועט חרוב מאַכן דעם פּאַלאַץ פֿון פּריאַמוס.

קריסטאָף איז אַריין אין צוג, וואָס האָט אים שנעל אַוועקגע־טראָגן, ווי איינער וואָס אַנטלויפֿט פֿון אַ פֿאַרפֿלייצונג. אָבער גלייך ווי יענע מענער, וואָס האָבן געראַטעוועט פֿון דעם חורבן די בילדער פֿון די געטער, אַזוי האָט קריסטאָף מיטגעטראָגן מיט זיך דעם לעבנס־פֿונק, וואָס ער האָט מיטגענומען פֿון דערהיים, און די געהייליקטע נשמה פֿון דער פֿאַרגאַנגנהייט.

זשאַקלין און אָליוויער האָבן זיך ווידער דערנענטערט אויף אַ געוויסער צייט. זשאַקלין האָט פֿאַרלוירן איר פֿאָטער. דער דאָזיקער טויט האָט זי טיף גערירט. לגבי דעם דאָזיקן אומגליק איז פֿאַר־בלייכט געוואָרן די נישטיקייט פֿון אַנדערע ווייטיקן אירע, און די האַרציקייט, וואָס אָליוויער האָט איר אַרויסגעוויזן, האָט ווידער באַ־לעבט איר ליבע צו אים. זי האָט זיך געפֿילט עטלעכע יאָר פֿאַראיינ־זאַמט, בעת די טרויער-טעג נאָך דער מומע מאַרטעס טויט, נאָך וועלכן עס זענען געקומען דער טעג פֿון איר ליבע. זי האָט געזאָגט, אַז זי איז געווען אומדאַנקבאַר דעם לעבן און אַז מען דאַרף אים דאַנקבאַר זיין פֿאַר דעם קליינעם ביסעלע, וואָס עס האָט געגעבן און נישט צוריקגענומען. אָט דאָס ביסעלע וואָס זיין ווערט האָט זי ערשט איצט אָפּגעשאַצט, האָט זי געהאַלטן אייפֿערזיכטיק־פֿעסט. די רייזע, וואָס דער דאָקטאָר האָט איר פֿאָרגעשריבן, כּדי זי אַרויסצובריינגען פֿון דעם טרויער; די רייזע, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט צוזאַמען מיט אָליווירן און וואָס איז געווען ענלעך צו אַ פּילגער־נסיעה צו די

ערטער, ווו זיי האָבן זיך געליבט אין די ערשטע יאָרן נאָך זייער חתונה, — האָבן זיי געמאַכט האַרציק געשטימט. פֿול מיט טרויער האָבן זיי אויף אַ וועג ווידער געפֿונען דאָס טייערע געשטאַלט פֿון דער ליבע, וואָס זיי האָבן געהאַלטן פֿאַר אַ פֿאַרלוירענע. זיי האָבן געזען, ווי זי שלייכט זיך דורך און האָבן געוווּסט, אַז זי וועט ווידער פֿאַרשווונדן ווערן, — אויף ווי לאַנג? אפשר אויף אייביק? — און זיי האָבן זי צוגעהאַלטן מיט פֿאַרצווייפֿלטער ליידנשאַפֿט...

— בלייב, אַ בלייב ביי אונז!

אָבער זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז זיי וועלן זי נישט איינהאַלטן.

ווען זשאַקלין האָט זיך אומגעקערט קיין פּאַריז, האָט זי דערפֿילט, ווי אין איר נעמט זיך רעגן אַ ניי קליין לעבן, ווי אַ פֿלעמל, וואָס די ליבע האָט אָנגעצונדן. אָבער די ליבע איז שוין געווען פֿאַרשווונדן. די לאַסט, וואָס זי האָט געטראָגן האָט זי נישט צוגעבונדן נעענטער צו אָליווירן. זי האָט נישט געפֿילט די פֿרייד, וואָס האָט אויף איר געוואַרט. אומרויִק האָט זי געפֿאָרשט אין איר האַרצן. אויב זי האָט פֿריער געליטן, האָט זי אָפֿט געטראַכט, אַז די געבורט פֿון אַ קינד וועט זי ראַטעווען. און אָט קומט דאָס קינד, אָבער די רעטונג איז נישט געקומען. מיט שרעק האָט זי געפֿילט אין זיך אָט די דאָזיקע מענטשן־פֿלאַנץ, וואָס האָט געלאָזט אירע וואָרצלען טיף אין איר פֿלייש, וואָס וואַקסט־אויף אין איר און טרינקט איר בלוט און איר לעבן. זי האָט פֿאַרבראַכט גאַנצע טעג פֿאַרזונקען אין זיך, מיט אַ פֿאַרלוירענעם בליק, און האָט געפֿילט ווי דאָס אומבאַקאַנטע וועזן האָט באַהערשט איר לעבן און זויגט אויס איר עקזיסטענץ. עס איז געווען אין איר ווי אַן אומבאַשטימטע זשומעריי, וואָס האָט איינגעשלעפֿערט און באַאומרויִקט. פּלוצלינג איז זי געוואָרן אויפֿגעציטערט, — זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט באַדעקט מיט שווייס. ציטערנדיק פֿון קעלט, ווי געטראָפֿן פֿון אַ בליץ. זי האָט זיך געראַנגלט מיט דער נעץ, אין וועלכער די נאַטור האָט זי געפֿאַנגען. זי האָט געוואָלט לעבן, געוואָלט פֿריי זיין. זי האָט געפֿילט, אַז די נאַטור האָט זי אַריינגעשלעפּט אין אַ פּלאָנטער. דערנאָך האָט זי זיך פֿאַרשעמט פֿאַר אירע געדאַנקען, וואָס האָבן איר אויסגעזען קרענקלעך און געפֿרעגט ביי זיך צי זי האָט ערגער אויסגעפֿירט ווי אַנדערע פֿרויען. דערנאָך האָט זי זיך ווידער באַרויִקט און באַפֿעסטיקט, פּונקט ווי אַ בוים, וואָס איז פֿול מיט זאַפֿט. אָט אַזוי האָט זי געטרוימט וועגן איר לעבעדיקער פֿרוכט, וואָס האָט זיך

געצייטיקט אין איר שויס. וואָס וועט דערפון אַרויסקומען?

ווען זי האָט פאַרנומען דעם ערשטן געשריי פון דעם קינד, ווען זי האָט דערזען דאָס קליינע, רירנדיקע, נעבעכדיקע קערפערל, וואָס עס האָט אָנגענומען אַ רחמנות צו קוקן דערויף, איז איר האַרץ צעשמאָלצן געוואָרן פון ליבע, אין איין אויגנבליק האָט אין איר אויפגעלויכטן די שטאָלצע פרייד פון דער מוטערשאַפט, די העכסטע פרייד, וואָס האָט קיין גלייכן נישט: שאַפן פון די ליידן אַ מענטשן פון דעם אייגענעם בלוט. און די גרויסע כוואַליע פון ליבע, וואָס באַוועגט דעם וועלטאַל, האָט זי אַדורכגעדרונגען דורך און דורך, מיטגעריסן מיט זיך, פאַרפלייצט און אויפגעהויבן צו די הימלען. אָ גאָט! די פרוי, וואָס דו מאַכסט געבוירן איז דיינס גלייכן. און דו קענסט אַפילו נישט דעם יובל, וואָס זי פילט, — ווייל דו האָסט נישט געליטן...

דעמאָלט איז די כוואַליע ווידער אַראָפּגעפאַלן, און די נשמה איז ווידער אַרויס אויפן זאַמד.

אָליוויער, אויסערגעוויינלעך געריהרט, האָט זיך איבערגעבויגן איבערן קינד; און שמייכלענדיק צו זשאַקלין האָט ער געזוכט צו פאַרשטיין, באַנעמען דעם געהיימניספולן באַנד פון דעם לעבן מיטן עלנטן, נאָך קוים מענטשלעכן באַשעפעניש. פול מיט צערטלעכקייט, אָבער מיט אַ געוויסן ווידערווילן האָבן זיינע ליפּן באַרירט זיין געל געררונצלט קעפל. זשאַקלין האָט אים אָנגעקוקט: אייפערזיכטיק האָט זי אים אָפּגעשטויסן פון זיך. זי האָט אַרומגענומען דאָס קינד, צו־געדריקט עס צו איר ברוסט און באַדעקט עס מיט קושן. דאָס קינד האָט גענומען שרייען. זי האָט עס געגעבן צוריק, און אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט האָט זי געוויינט. אָליוויער איז צוגעגאַנ־גען צו איר, געקושט זי, געטרונקען אירע טרערן. זי האָט אים אויך געקושט און געצווונגען זיך צו שמייכלען, דערנאָך האָט זי געבעטן, מען זאָל איר געבן דאָס קינד און זי לאָזן צורו.

אוי, וואָס זאָל מען טון, ווען די ליבע איז אַוועקגעפלויגן? דער מאַן, וואָס האָט מער ווי אַ העלפט פון זיין איך אַוועקגעגעבן דעם גייסטיקן לעבן, פאַרגעסט קיינמאָל נישט אזעלכע שטאַרקע גע־פילן. עס בלייבט אין אים שטענדיק אַ געדאַנקלעכער, גייסטיקער שפּור. אויב ער קאָן מער נישט ליב האָבן, קאָן ער אָבער בשום אופן נישט פאַרגעסן, אַז ער האָט ליב געהאַט. וואָס זאָל אָבער טון

די פרוי, וואָס האָט, נישט באַדענקענדיק זיך, ליב געהאַט מיט איר גאַנצן וועזן און דערנאָך פולשטענדיק אויפגעהערט ליב צו האָבן? איינרעדן זיך? צווינגען זיך? בעת זי איז צו שוואַך צום צווינגען זיך און צו אויפריכטיק זיך אָפּצונאַרן?

אָנגעשפּאַרט אויף איר קישן האָט זשאַקלין מיט צערטלעכן מיט־לייד באַטראַכט איר קינד. וואָס איז עס, אָט דאָס קינד? ווער איז עס: עס איז אַ טייל פון איר אַליין, אָבער אויך אַ טייל פון יענעם, פון דעם „אַנדערן". און אָט דעם אַנדערן האָט זי שוין מער נישט ליב געהאַט. אָרעם קינד! ליב קינד! דאָס דאָזיקע קליינע באַשעפעניש האָט זי געוואָלט בינדן מיט איר געשטאָרבענער פאַרגאַנגנהייט, און גענויגט איבערן קינד, האָט זי עס אָן אויפהער געקושט.

דאָס גרויסע אומגליק פון די היינטיקע פרויען באַשטייט אין דעם, וואָס זיי זענען צו פריי און דאָך נישט גענוג פריי. וואָלטן זיי געווען נאָך פרייער, וואָלטן זיי געזוכט צוימען און געפינען אין דעם רייץ און זיכערקייט. וואָלטן זיי געווען ווייניקער פריי, וואָלטן זיי געבענקט זיך צו באַפרייען פון די קייטן, וועלכע זיי וואָלטן נישט געקאָנט צערייסן; אַזוי אַרום וואָלטן זיי ווייניקער געליטן. צום ערגסטן איז אָבער צו שפירן קייטן, וואָס בינדן נישט, און פליכטן, פון וועלכע מען קאָן זיך באַפרייען. ווען זשאַקלין וואָלט געגלויבט, אַז די צייט פון איר לעבן איז איצט אָנגעוויזן אויף איר קליין הויז, וואָלט עס איר אויסגעקומען ווייניקער אומבאַקוועם און ווייניקער ענג: זי וואָלט זיך דאַן באַמיט אַלץ צו פאַרעמען, און לסוף וואָלט זי דערגאַנגען מיט אירע געפילן אַהין, פון וואַנעט זי איז געקומען, — זי וואָלט עס ליב געקריגן. אָבער זי האָט געוווסט, אַז זי קאָן זיך דערפון באַפרייען, און דעריבער האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי ווערט דערשטיקט. זי האָט זיך געקאָנט בונטעווען און האָט דעריבער גענומען גלויבן אַז זי מוז עס טון.

די מאָראַליסטן פון אונזער צייט זענען מערקווירדיקע קדושים. זייער גאַנץ וועזן איז פאַרצערט אויפן חשבון פון זייער אָבסערוואַציע טאַלאַנט. זיי ווילן נאָר אָן אויפהער באַטראַכטן דאָס לעבן; קוים

וואָס זיי פּרוּוון עס מער צו פאַרשטיין, דורכצולעבן, צו באַהערשן, ווען זיי האָבן שוין דערקענט און באַשריבן דאָס, וואָס עס איז פאַראַן אין דער מענטשלעכער נאַטור, דאַכט זיך זיי, אַז זיי האָבן דערפולט די אויפגאַבע. זיי זאָגן:

— אָט אַזוי איז עס!

זיי פּרוּוון נישט צו ענדערן עפּעס אין לעבן. עס דאַכט זיך זיי, אַז בלויז דאָס פעסטשטעלן די עקזיסטענץ, איז שוין אַ מאָראַלי־שער פאַרדינסט. אַלע שוואַכקייטן זענען באַרעכטיקט דורך אַ מין געט־לעכן אורטייל. די וועלט דעמאָקראַטיזירט זיך. אמאָל איז נאָר דער קעניג געווען אומפאַראַנטוואָרטלעך. היינט זענען עס אַלע מענטשן, און קודם-כל דאָס געזינדל. וואָס פאַר אַ פּראַכטפולע עצה־געבער. מיט אוממענטשלעכער מי און פיינלעכער געוויסנהאַפטיקייט פלייסן זיי זיך צו ווייזן דעם שוואַכן ווי שוואַך ער איז, און אַז דאָס איז שוין באַשטימט פון דער נאַטור פון איין אייביקייט ביז דער צווייטער. וואָסזשע בלייבט דעם שוואַכן צו טון, אויב נישט צו פאַרלייגן די הענט? עס איז נאָך אַ גליק, וואָס זיי באַוווּנ׳ערן זיך נישט צוליב דעם. די פרוי הערט אַזוי לאַנג, אַז זי איז אַ קראַנק קינד, ביז עס ווערט ביי איר אַן אַמביציע צו ווערן באמת קראַנק. מען אַנטוויקלט און מען קעכלט אירע חסרונות. מען טוט אַלץ אין דער וועלט, אַז זיי זאָלן וואַקסן און זיך אַנטוויקלען. ווען עמעצער זאָל זיך אָנטון דאָס פאַרגעניגן און פריינטלעך דערציילן די קינדער, אַז די אַנטוויק־לונגסיאָרן זענען אַזאַ עלטער, ווען די נשמה האָט נאָך נישט געפונען דאָס גלייכגעוויכט און דעריבער איז זי פעיק צו אַלערליי פאַרברעכנס, זעלבסטמאָרדן און די ערגסטע קערפּערלעכע און גייסטיקע אויסברוכן, —וועלן תיכּף אויסשיסן ביי זיי די דאָזיקע פאַרברעכנס פונקט ווי שוואָמען פון דער ערד אַרויס. אפילו אַ דערוואַקסענעם מאַן איז גע־נוג אומאויפהערלעך צו זאָגן, אַז ער איז נישט פריי, כּדי ער זאָל עס תיכּף אויפהערן צו זיין און זיך אונטערגעבן זיינע חיהשע אינ־סטינקטן. זאָגט דער פרוי, אַז זי איז פאַראַנטוואָרטלעך, אַז זי אַליין איז די האַרין איבער איר ליבּ און איר ווילן—און זי וועט עס ווערן. אָבער, שוטים וואָס איר זענט, היט זיך איר זאָלט עס איר נישט זאָגן. ווייל עס ליגט דאָך אין זייערע אינטערעסן, זי זאָל עס נישט וויסן.

די טרויעריקע סביבה, אין וועלכער זשאַקלין האָט געלעבט

האָבן זי אינגאַנצן אַראָפּגעפֿירט פֿון וועג. זינט זי האָט זיך אינערלעך באַפֿרייט פֿון אָליוויערן, האָט זי זיך ווידער אומגעקערט אין יענער וועלט, וואָס זי האָט אַלס יונג מיידל פֿאַראַכטעט. זי און אירע חתונה געהאַטע פֿריינדינס האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אַ קרייז פֿון יונגע לייט און יונגע רייכע פֿרויען, וואָס זענען אַלע געווען עלעגאַנט, זינדיק, גייסטיק־באַוועגלעך און צעדרייט. פֿאָלקאָמענע פֿרייהייט פֿון דענקען און רעדן, וואָס איז אַביסל געמילדערט און גלייכצייטיק געווירצט געוואָרן פֿון גייסט, האָט געהערשט אין דעם דאָזיקן קרייז. צום ליבסטן האָבן זיי געהאַט די ווערטער פֿון ראַבעלע:

— טו, וואָס דו ווילסט.

אָבער זיי האָבן זיך ווייניק דערלויבט, ווייל זיי האָבן קיין סך נישט פֿאַרלאַנגט. דאָס זענען געווען שוואַכע מענטשן. פֿאַר זייער אייגענע הנאה־וועגן האָבן זיי געפּרעדיקט די פֿרייהייט פֿון די חושים. אָבער זייער אייגענע אינסטינקטן זענען געווען געצוימט, און זייערע ליידנשאַפֿטן פֿון אַ ריין גייסטיקן מין. פֿאַר זיי איז געווען אַ תענוג אַרונטערצוטויכן אין דעם גרויסן אָפּגעשטאַנענעם טייך פֿון דער ציוויליזאַציע, אין דעם דאָזיקן געמויזעכץ, ווו עס ווערט פֿאַרטרונקען די גאַנצע מענטשלעכע ענערגיע, די לעבנס־כּוחות, די גאַנצע אורקראַפֿט מיט איר שטראָמענדיקער שפֿע פֿון אמונה, ווילן, פֿליכטן און ליידנשאַפֿטן. אין אָט דער זומפּיקער געדאַנקן־וועלט האָט זיך געבאָדן זשאַקלין. אָליוויער איז נישט געווען בכּוח זי צו שטערן. אגב, איז ער אויך געווען אָנגעשטעקט פֿון דער צייט־קראַנקהייט: ער האָט געהאַלטן, אַז ער האָט נישט דאָס רעכט צו באַגרענעצן די פֿרייהייט פֿון אַנדערע. ער האָט נישט געוואָלט אַרויפֿצווינגען אויף דער געליבטער פֿרוי דאָס, וואָס ער האָט נישט געקאָנט דערגרייכן דורך ליבע. און זשאַקלין איז אים להלוטין נישט געווען דאַנקבאַר דערפֿאַר, ווייל אין איר פֿרייהייט האָט זי געזען בלויז איר רעכט.

צום ערגסטן איז געווען דאָס, וואָס זי האָט אין אָט דער וועלט מיטגעבראַכט אַ גאַנץ האַרץ, וואָס אַלערליי צווייִדייטיקייטן זענען איר געווען דערווידער, ווען זי איז געווען איבערצייגט אין עפּעס, האָט זי זיך עס אינגאַנצן איבערגעגעבן. אַפֿילו אין איר עגאָיזם האָט איר גליענדיקע, ברויסמוטיקע קליינע נשמה פֿאַרברענט הינטער זיך אַלע בריקן; פֿון איר לעבן, צוזאַמען מיט קריסטאָפֿן, האָט זי זיך אויסגעלערנט אויפֿצוהאַלטן אַ געוויסע זיטלעכע פֿעסטקייט, וואָס איז

גענוג געווען זיך צו פֿאַרענטפֿערן אפֿילו אין אירע אומזיטלעכע האַנדלונגען.

אירע נייע פֿריינט זענען געווען צו פֿאָרזיכטיק זיך צו ווייזן פֿאַר אַנדערע אַזוי ווי זיי זענען געווען אין דער ווירקלעכקייט. אויב זיי האָבן טעאָרעטיש פֿאַרטיידיקט די אַבסאָלוטע פֿרייהייט בנוגע אַלע זיטלעכע און געזעלשאַפֿטלעכע פֿאָראורטיילן, האָבן זיי אָבער געוווּסט אין דער פּראַקטיק זיך איינצואָרדנען אַזוי, אַז זיי האָבן נישט גע־דאַרפֿט איבעררייסן מיט קיינעם, וואָס האָט זיי געזען באַגרענעצט. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט דער זיטלעכקייט און מיט דער געזעל־שאַפֿט, כּדי זיך אויף אַ היימישן אופֿן צו פֿאַראַטן, אַזוי ווי שלעכטע דינסטן, וואָס באַגנבֿענען זייערע באַלעבאַטים. זיי האָבן זיך איינער דעם אַנדערן באַגנבֿעט צוליב געוווינהייט אַזוי גוט ווי צוליב לאַנג־ווייל. אַ סך פֿון די דאָזיקע מענער האָבן געוווּסט אַז זייערע פֿרויען האָבן אַנדערע געליבטע. פֿאַר די פֿרויען ווידער איז עס אויך נישט געווען קיין סוד, אַז זייערע מענער האָבן געליבטע. זיי האָבן קעגנ־זייטיק געשוויגן. צו אַ סקאַנדאַל איז געקומען ערשט דעמאָלט, ווען עמעצער האָט געמאַכט אַן אַליאַרם, אָט די דאָזיקע מענער און ווייבער האָבן געשטיצט זייער חתונה־לעבן אויף דעם שטילן אָפּמאַך צווישן פֿאַרבינדעטע — צווישן מיטשולדיקע. די אָפֿנהאַרציקע זשאַקלין האָט אָבער געשפּילט מיט אָפֿענע קאָרטן. קודם־כּל דאַרף מען זיין אויפֿריכטיק. און נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל — אויפֿריכטיק. די אויפֿריכטיקייט געהערט אויך צו די טוגנטן, וואָס דער געשמאַק פֿון דער צייט רימט איבער דער טבֿע. דאָ האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דעם געזונטן מענטשן איז יעדע זאַך צו אַ רפֿואה, אָבער דעם פֿאַרדאָרבענעם ברענגט יעדע זאַך אַ שאָדן. ווי מיאוס עס איז טייל־מאָל די אָפֿנהאַרציקייט! מיטלמעסיקע מענטשן באַגייען אַ זינד, ווען זיי ווילן לייענען אין עמעצנס נשמה. זיי לייענען אַרויס בלויז זייער אייגענע מיטלמעסיקייט, און אויף זייער חשבון גייט נאָך אַרויף די גאווה. זשאַקלין האָט פֿאַרבראַכט איר צייט צו שטודירן זיך אין שפּיגל, און זי האָט באַמערקט זאַכן, וואָס זי האָט ביז איצט קיינ־מאָל נישט געזען; ווייל נאָכדעם ווי זי האָט זיי געזען, האָט זי מער נישט געהאַט קיין כּח אָפּצורייסן דערפֿון די אויגן. און אָנשטאָט זיי צו באַקעמפֿן האָט זי זיך צוגעקוקט ווי זיי וואַקסן: זיי זענען אויס־געוואַקסן ריזיק און האָבן לסוף אײַנגעגנצן פֿאַרדעקט אירע אויגן און

אירע געדאַנקען.

דאָס קינד האָט נישט געגעבן איר לעבן קיין געגוגענדיקן אינ־האַלט. זי האָט עס נישט געקאָנט זויגן. דאָס קינד איז געוואָרן מאָ־גער און זי אויך. מען האָט געמוזט נעמען אַן אַם. אין אָנהויב האָבן אַלע שטאַרק געקלאָגט, אָבער באַלד האָבן זיי דערפילט אַ פאַרלייכ־טערונג. דאָס קינד האָט איצט פראַכטפול אויסגעזען. עס האָט זיך קרעפטיק אַנטוויקלט, פאַרבראַכט זיין צייט אויף שלאָף און כמעט נישט געוויינט ביינאַכט. די אַם, אַ געזונטע פרוי, וואָס האָט נישט דאָס ערשטע מאָל געזויגט אַ קינד און האָט שטענדיק געפילט צו איר זויגלינג אַ חיהש־אייפערזיכטיקע ליבע, איז געווען אַן אמתע מוטער צו איר קינד. ווען זשאַקלין האָט עפּעס צוגעטראַכט פאַרן קינד, האָט די אַם עס ערשט רעכט צורעכטגעמאַכט, לויט איר אייגע־נעם שכל. און ווען זשאַקלין האָט געפּרוווט זיך בייזערן, האָט זי לסוף באַמערקט, אַז זי האָט אין די זאַכן אַ קליינע ידיעה. זינט דעם געבורט פון קינד איז זי נאָך אַלץ געווען שוואַך און געהאַט צע־שרויפטע נערוון. פאַרמשפּט צו ליגן לאַנגע וואָכן אָן באַוועגונג, האָט זי זיך אינערלעך צעגלידערט. פיבערדיק האָבן אירע געדאַנקען שטענ־דיק זיך אַרומגעדרייט אַרום דער איינציקער טענה: זי האָט נישט געלעבט, זי האָט נישט געלעבט, און איצט ענדיקט זיך שוין איר לעבן... ווייל איר פאַנטאַזיע איז געווען פאַרסמט: זי האָט זיך גע־האַלטן פאַר אַ פאַרלוירענע. און אַ פאַרשטיקטער ביטערער גרויל האָט אין איר אויפגעשטיגן קעגן דער אומשולדיקער סבה פון אירע ליידן, קעגן איר קינד. אַזאַ געפיל טרעפט נישט אַזוי זעלטן ווי מען מיינט. אָבער מען פאַרהילט עס מיט אַ שלייער. און די, וואָס פילן עס, שע־מען זיך אָפּט, וואָס טיף אין האַרצן טראָגן זיי אַזאַ געפיל. אויך זשאַקלין האָט געהאַט צו זיך שווערע טענות. עגאָיזם און מוטערליבע האָבן זיך אין איר געראַנגלט. ווען זי האָט געזען, ווי דאָס קינד שלאָפט ווי אַ מלאך, איז זי געווען גערירט. אָבער באַלד האָט זי מיט ביטערקייט אַ טראַכט געטון.

— ער האָט מיך דערהרגעט.

און זי האָט נישט געקאָנט דערשטיקן אין זיך דעם צערייצטן בונט קעגן דעם גלייכמעסיקן שלאָף פון דעם דאָזיקן באַשעפעניש, וואָס זיין גליק האָט זי געקויפט מיט אירע ליידן. אַפילו ווען זי איז געזונט געוואָרן און דאָס קינד איז אויפגעוואַקסן, איז געבליבן

שטעקן אין איר דאָס טונקעלע געפיל פון שנאה. נאָר אַזוי ווי זי האָט זיך געשעמט צו טראָגן אַזאַ געפיל צום קינד, האָט זי אָט דאָס געפיל איבערגעטראָגן אויף אָליוויערן. זי האָט זיך נאָך אַלץ גע־האַלטן פאַר אַ קראַנקע, און די שטענדיקע השגחה איבער איר גע־זונט, די אייביקע זאָרגן, וואָס די דאָקטוירים האָבן נאָך באַרעכטיקט, האָבן אַלע אירע געדאַנקען כּסדר געפירט צום אייגענעם עגאָיזם. און אייגנטלעך איז די סיבה פון איר קראַנקהייט געלעגן טאַקע אין דער דאָזיקער ליידיקגייעריי: אין דער צעשיידונג מיט איר קינד, אין דעם אַרויפגעצוווּנגענעם זיצן פּוסט־און־פּאַס, אָן שום אַרבעט, אין דער פולשטענדיקער אָפּגעזונדערטקייט, — וואָכן פון פּוסטקייט, ווען זי איז געלעגן אויסגעצויגן אין בעט און זיך געלאָזט שטאָפּן ווי אַ גאַנז. דאָס זענען געווען מערקווירדיקע הייל-מיטלען, וואָס מען באַנוצט ביים היינטיקן טאָג ביי נעווראַסטעניקער: מען וויל פאַרטרייבן די קראַנקהייט פון דעם „איך" דורך זײַן אַנדער קראַנקהייט, דהיינו, דורך דער קרענקלעכער איבערשעצונג פון דעם „איך". פאַרוואָס זויגט דער עגאָיזם נישט אויס פון איר אַביסעלע בלוט, אָדער ער גיסט נישט אַריבער דורך אַ ווירקענדיקן גייסטיקן מיטל דאָס בלוט פון דעם קאָפּ אין דעם האַרצן אַריין, אויב אין האַרצן איז פאַראַן צו ווייניק?

זשאַקלין האָט זיך קערפּערלעך געשטאַרקט. זי איז געוואָרן פרישער און יונגער, אָבער גייסטיק קראַנקער ווי פריער. די חדשים פון לאַנגער אָפּגעזונדערטקייט האָבן צעריסן די לעצטע פעדים, וואָס האָבן זי נאָך אין די געדאַנקען געבונדן מיט אָליוויערן. כּל־זמן זי איז געווען מיט אים צוזאַמען, איז זי געווען אונטער דער השפּעה פון זיין אידעאַליסטישער נאַטור, וועלכע איז דאָך געבליבן טריי איר איבערצייגונג נישט געקוקט אויף איר שוואַכקייט. זי האָט זיך מיט אַלע כּוחות געוועהרט קעגן דער שקלאַפעריי, ווו איר שוואַכער גייסט איז באַזיגט געוואָרן פון אַ שטאַרקערן; קעגן דעם בליק, וואָס האָט זי אַדורכגעדרונגען און טיילמאָל געצוווּנגען קעגן איר ווילן און פראָ־טעסט זיך אַליין צו באַשולדיקן. קוים אָבער האָט זי דער צופאַל צעשיידט מיט דעם דאָזיקן מאַן, קוים האָט זי אויפגעהערט צו פילן אויף זיך זיין דורכדרינגלעכע ליבע, קוים האָט זי זיך נאָר באַפרייט, — אַזוי האָט זיך באַלד אויך דער פריינטלעכער יראת הכּבוד איינער צום צווייטן פאַרוואַנדלט אין אַ גרויל און איז אַריבער אין אַ מין שנאה, למאַי זי האָט געטראָגן אויף זיך דעם עול פון אַ סימפּאַטיע,

וואָס זי האָט שוין איצט מער נישט געפילט. — ווער קאָן באַגרייפן דעם אומבאַוווּסטן גרויל, וואָס דרימלט אפשר אין האַרצן פון אַ מענטשן? די שרעק, וואָס מען ליבט און וואָס מען גלויבט אין יע־נעמס ליבע? פון איין טאָג צום אַנדערן ווערט אַלץ געענדערט. אין אָוונט האָט מען זיך נאָך ליב געהאַט און מען האָט מיט אַלע כּוחות געגלויבט אין דעם. איצט ליבט זי שוין נישט מער. דער, וועלכן זי האָט ליב געהאַט איז אויסגעמעקט געוואָרן פון אירע געדאַנקען. ער באַמערקט פּלוצלינג, אַז ער האָט שוין איצט מער קיין שום באַדייטונג נישט — און ער קאָן עס נישט באַגרייפן. ער האָט נישט געזען די לאַנגע אַרבעט וואָס איז אין איר פאָרגעקומען. ער האָט נישט אָנגע־הויבן צו פאַרשטיין די געהיימנישפולע שנאה, וואָס האָט זיך אָנגע־קליבן קעגן אים. ער וויל נישט באַמערקן די סיבות פון די דאָזיקע נקמה־און האַס־געפילן. דער טונקעלער גרויל, וואָס ליגט אָפט זייער טיף, — ביי אַנדערע באַגראָבן אונטער די שלייערן פון דעם אַלקער, ביי אַנדערע געבוירן פון דעם באַליידיקטן שטאָלץ, פון די סודות פון האַרצן, וואָס זעט זיך דורך און פאַרמשפּט זיך, — און נאָך אַנדערע סיבות... פון וועלכע זי ווייס אַליין נישט. אפשר איז עס איך אַמאָל אַ פאַרבאָרגענע באַליידיקונג, וואָס מען האָט איר גורם גע־ווען און זי קאָן עס בשום אופן נישט מוחל זיין. — עס וועט זיך קיינמאָל נישט איינגעבן פונאַנדערצוקלויבן זיך אין די דאָזיקע סיבות. און זי אַליין ווייסט עס אויך נישט קלאָר; אָבער די באַליידיקונג ווערט איר איינגעוואַקסן אין לייב. איר לייב וועט זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

כּדי צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם דאָזיקן שרעקלעכן אָפּגאַנג פון אַ פאַרגייענדיקער ליבע, וואָלט אָליוויער געדאַרפט זיין אַן אַנדער מאַן, נעענטער צו דער נאַטור, דרייסטער, נישט אַרומגערינגלט מיט געפילן, וואָס האָבן אים כּסדר צוריקגעהאַלטן. ער וואָלט געדאַרפט זיין אַ מענטש, וואָס האַנדלט אינסטינקטיוו און אויגנבליקלעך, כאָטש דאָס וואָלט אפשר געגאַנגען אויפן חשבון פון זיין קלאָרן פאַרשטאַנד. ער איז באַלד לכתחילה געווען אַ באַזיגטער: ער האָט צו גוט געזען, כּדי נישט צו־באַמערקן זינט אַ לאַנגער צייט, ווי זשאַקלינען דריקט עפּעס אַ משא, וואָס איז שטאַרקער, ווי איר ווילן, — די נשמה פון איר מוטער, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן אויף דער ליכטיקער שיין. ער האָט זי געזען פּונקט ווי אַ שטיין, וואָס איז געלעגן פאַרזונקען

אויפֿן באָדן פֿון איר ראַסע. און אַזוי ווי ער איז געווען שוואַך און
אומגעשיקט, האָבן אַלע פּרוון, וואָס ער האָט געמאַכט, בלויז פֿעסט-
געשטעלט דאָס זעלבע. ער האָט זיך געצוווּנגען צו זיין רויק. אָבער
זי האָט מיט עפּעס אַן אומבאַוווסטזיניקן חשבון אים כּסדר געשטערט,
געבראַכט אים דערצו, אַז ער זאָל באַנוצן שטאַרקע ברוטאַלע, גראָבע
ווערטער, כּדי צו האָבן אַ סיבה אים צו פֿאַראַכטן. קוים האָט ער פֿריי
געלאָזן זיין צאָרן, האָט זי באַלד דערפֿילט צו אים אַ פֿאַראַכטונג. האָט
ער זיך שפּעטער געשעמט דערמיט און געפּרווט זיי איינגעמען, האָט
זי אים נאָך מער פֿאַראַכטעט. און אויב ער האָט זיין צאָרן נישט
פֿריי-געלאָזן, נישט געוואָלט פֿריי-לאָזן, האָט זי אים אמת פֿיינט גע-
האַט. צום ערגסטן איז אָבער געווען, וואָס זיי האָבן לאַנגע טעג גע-
שוויגן, פּונקט ווי פֿאַרשטיינערטע איינער אין דעם צווייטנס געגנ-
וואַרט. אָט דאָס פֿאַרסמנדיקע, דערשטיקנדיקע אויפֿרעגנדיקע שווייגן,
וואָס וואָלט געקאָנט דעם צערטלעכסטן מענטשן דערפֿירן ביז משוגעת,
האָט געהאַט אַ קלאָרע כּוונה צו טון אויף צו להכעיס. צו דערפֿירן
דעם צווייטן ביז געשריי. שווייגעניש, פֿינסטערע שווייגעניש, ווו די
ליבע ווערט איינגאַנצן חרוב און די מענטשן, פּונקט ווי די פּלאַנעטן,
פֿליען אַרום אין זייער קרייז און ווערן פֿאַרזונקען אין דער נאַכט
זיי זענען לסוף דערגאַנגען דערצו, אַז אַלץ וואָס זיי האָבן געטון,
אַפֿילו דאָס, וואָס זיי האָבן בכּיוון געטון זיך צו דערנענטערן, — האָ
זיי אַלץ מער צעשיידט. איר לעבן איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. אַ
צופֿאַל האָט צוגעאיילט די אַנטשיידונג.

זינט אַ יאָר פֿלעגט סעסיל פֿלערי אָפֿט קומען צו די זשאַנענס.
אַליוויער האָט זיך מיט איר באַקענט ביי קריסטאָפֿן. זשאַקלין האָט
זי דעמאָלט איינגעלאַדן צו זיך, און סעסיל האָט זיי געגומען באַזוכן,
אַפֿילו ווען זיי זענען זיך צעגאַנגען מיט קריסטאָפֿן. זשאַקלין איז גע-
ווען צו איר זייער פֿריינטלעך. הגם זי איז געווען ווייניק מוזיקאַליש
און געהאַלטן, אַז סעסיל איז אַ גאַנץ איינפֿאַכע, האָט זי דאָך געפֿילט
איר פֿראַכטפֿולן געזאַנג און זיין וואַרעמע השפּעה. אַליוויער האָט גערן
מיט איר געשפּילט און ביסלעכווייז איז זי געוואָרן אַן הויז-פֿריינדין.
זי האָט דערוועקט צוטרוי: ווען זי איז אַריינגעקומען צו די זשאַ-
נענס אין שטוב אַריין מיט אירע ערלעכע אויגן, מיט איר געזונטן,
פֿריילעכן פּנים, מיט איר וואַרעמען, ברייטלעכן געלעכטער, וואָס זיין
קלאַנג האָט פּשוט דערפֿרייט דאָס האַרץ, איז עס געווען פּונקט ווי

אַ זון-שטראַל וואָלט אַדורכגעריסן די וואָלקנס. אָליוויער און זשאַקלין האָבן דעמאָלט דערפילט אַ גרויסע דערלייכטערונג. און ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען, האָבן זיי ביידע געוואָלט צו איר שרייען:

– בלייב, בלייב! מיר איז אַזוי קאַלט!

בעת זשאַקלינס קראַנקהייט האָט אָליוויער אָפטער געזען סעסילן, און ער האָט נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן פון איר זיינע דאַגות. ער האָט עס געטון מיט דער אומבאַרעכנטקייט פון אַ שווערער צאַרטער נשמה, וואָס שטיקט זיך און פילט אַ באַדערפעניש זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן. סעסיל איז געווען גערירט. זי האָט אים געשענקט דעם באַלזאַם פון אירע מוטערלעכע טרייסט ווערטער. ס'האָבן איר וויי געטון ביידנס צרות. זי האָט געטענהט צו אָליוויערן, אַז ער טאָר זיך נישט לאָזן איננאַנצן דערדריקן צו דער ערד. אָבער די דאָזיקע פאַרטרויאונגען זענען געווען פאַר איר פיינלעכער, ווי פאַר אים, און זי האָט געפונען אַן אויסרייד צו קומען זעלטענער. וואַרשיינלעך האָט זי געטראַכט, אַז זי האַנדלט נישט אָרנטלעך לגבי זשאַקלינען, אַז זי האָט נישט קיין רעכט צו וויסן אירע סודות. אַזוי לפּחות האָט זיך אָליוויער אויסגעטייטשט איר דערווייטערונג און ער האָט שטאַרק באַדויערט, וואָס ער איז געווען אַזוי שטאַרק אָפנהאַרציק. אָבער די צעשיידונג האָט אים געקאָזט פילן, וואָס סעסיל איז פאַר אים געווען. ער האָט זיך צוגעוווינט צו טיילן מיט איר זיינע געדאַנקען, און זי האָט אים באַפרייט פון יעדער דריקנדיקער דאגה. ער האָט צו גוט פאַרשטאַנען זיינע געפילן, כדי צו צווייפלען, ווי עס הייסט זיין סימפּאַטיע צו איר. ער וואָלט מיט סעסילן קיינמאָל וועגן דעם נישט גערעדט, אָבער ער האָט נישט געקאָנט גובר זיין די באַדערפעניש צו פאַרשרייבן פאַר זיך זיינע געפילן. זינט אַ געוויסער צייט האָט ער ווידער באַקומען די געוווינהייט צו פאַרשרייבן אויפן פּאַפּיר זיינע אייגענע געדאַנקען. אין די יאָרן פון זיין ליבע האָט ער זיך דערפון באַפרייט; איצט אָבער, ווען ער איז ווידער געווען אַליין, האָט עס אים ווידער באַהערשט: דאָס איז געווען אַ דערלייכטערונג פאַר זיין טרויער און פאַר אים אַלס קינסטלער — אַ נויטווענדיקייט, ווייל ער האָט זיך דורך דעם אַליין אַנאַליזירט. אַזוי אַרום האָט ער געשריבן וועגן זיך, געשריבן וועגן זיינע דאַגות, ווי ער וואָלט גערעדט צו סעסילן; נאָר פרייער, אַזוי אַז זי וואָלט עס קיינמאָל נישט געקאָנט לייענען.

דער צופאַל האָט אָבער געוואָלט, אַז די דאָזיקע בלעטער זאָלן

אַריינפֿאַלן אין די הענט פֿון זשאַקלינען. דאָס איז גראָד געשען אין יענעם טאָג, ווען זי האָט זיך דערפֿילט צו אָליוויערן נענטער, ווי זי האָט זיך שוין אַ לאַנגע צייט געפֿילט. בעת זי האָט געראָמט די שאַנק האָט זי ווידער איבערגעלייענט זיינע אַלטע ליבע-בריוו און איז גערירט געוואָרן ביז טרערן. זי איז געזעסן פֿאַרן שאַנק און איז ווייטער נישט געווען בכּוח צו ראַמען; זי האָט נאָכאַמאָל איבערגעלעבט איר גאַנצע פֿאַרגאַנגענהייט; זי האָט געליטן שטאַרקע געוויסנביסן וואָס זי האָט זי צעשטערט. זי האָט געטראַכט וועגן אָליוויערס טרויער. זי האָט קיינמאָל קאַלטבלוטיק נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן דעם דאָזיקן געדאַנק. זי האָט אים געקאָנט פֿאַרגעסן, אָבער דער געדאַנק, אַז ער ליידט צוליב איר שולד איז געווען פֿאַר איר אומדערטרעגלעך. דאָס האָט איר צעריסן דאָס האַרץ. זי וואָלט זיך אים געוואָרפֿן אין די אָרעמס און געזאָגט:

— אַך, אָליוויער, אָליוויער, וואָס האָבן מיר געטון? מיר זענען משוגע, מיר זענען משוגע! לאָמיר זיך שוין מער איינער דעם צווייטן קיין ווייטיק נישט אָנטון.

ווען ער וואָלט אין דעם אויגנבליק אַריינגעקומען אין שטוב! גראָד אין דעם אויגנבליק האָט זי געפֿונען יענע בלעטלעך! אַלץ האָט זיך איבערגעבראָכן. — האָט זי געטראַכט, אַז אָליוויער האָט זי באמת גענאַרט? אפֿשר. וואָס זאָל עס אָבער באַדייטן? פֿאַר איר איז געלעגן דער פֿאַרראַט נישט אין מעשים, נאָר אין ווילן. זי וואָלט דעם מאַן, וואָס זי האָט ליב געהאַט גיכער מוחל געווען, ווען ער האָט אַ געליבטע, אָבער זי האָט אים נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס ער האָט געשענקט זיין האַרץ אַ צווייטער. און זי איז געווען גערעכט.

— וואָס האָט ער דען געטון פֿאַראַ בייז? — וואָלטן אַנדערע מענטשן געפֿרעגט.

(אָרעמע מענטשן, וואָס ליידן צוליב אַ ליבע-פֿאַרראַט ערשט דעמאָלט, ווען ער פֿאַרוואַנדלט זיך אין מעשים!.. אויב דאָס האַרץ בלייבט טריי, האָבן די זינד פֿון דעם גוף קיין שום באַדייטונג נישט. האָט אָבער דאָס האַרץ פֿאַרראַטן, האָט שוין דאָס איבעריקע קיין ווערט נישט.)

זשאַקלינען איז אויף קיין איין מינוט נישט איינגעפֿאַלן ווידער צו געווינען אָליוויערן. צו שפּעט! זי האָט אים שוין מער נישט געליבט אַזוי שטאַרק. און אפֿשר האָט זי אים צו שטאַרק ליב געהאַט.

ניין. קיין קנאה האָט זי נישט געפילט. איר גאַנצער צוטרוי איז צע־שטערט געוואָרן. אַלץ, איר גאַנצער גלויבן און איר האָפענונג וואָס האָט גערוט אויף אים איז צעשמעטערט געוואָרן. ס'איז איר נישט איינגעפאַלן, אַז זי האָט אַליין דערפירט דערצו, אַז זי האָט אים פון זיך אָפּגעשטויסן און געטריבן צו דער דאָזיקער ליבע, אַז אייגנטלעך איז די דאָזיקע ליבע געווען אומשולדיק, און אַז מען איז סוף־כל־סוף נישט קיין הערשער איבערן האַרצן. עס איז איר נישט געקומען אויפן זינען צו פאַרגלייכן די דאָזיקע געפילפולע באַציונג מיט איר פלירט מיט קריסטאָפן: זי האָט קריסטאָפן נישט ליב געהאַט און דע־ריבער האָט זיך עס נישט גערעכנט. אין ליידנשאַפטלעכן איבער־טרייבן האָט זי געמיינט, אַז אָליוויער נאַרט זי אָפּ און אַז זי האָט שוין נישט פאַר אים קיין שום באַדייטונג. דער לעצטער אָנהאַלט האָט זיך איר אַרויסגעגליטשט אין לעצטן אויגנבליק, ווען זי האָט צו אים אויסגעשטרעקט די הענט... אַלץ איז חרוב געוואָרן.

אָליוויער האָט זיך קיינמאָל נישט דערוווּסט, וואָס זי האָט אי־בערגעלעבט אין יענעם טאָג. נאָר ווען ער האָט זי ווידער דערזען, האָט ער אויך געהאַט דעם איינדרוק, אַז אַלץ האָט זיך געענדיקט.

פון יענעם אויגנבליק אָן האָבן זיי גערעדט צווישן זיך נאָר אין דער געגנוואַרט פון אַנדערע מענטשן. זיי האָבן געלויערט איי־נער אויפן צווייטן, ווי צוויי פאַרפאָלגטע, אַרומגערינגלטע חיות, וואָס וואַכן און ציטערן פון שרעק. יערעמיאַס גאָטהעלף באַשרייבט מיט גרויזאַמען הומאָר די דריקנדיקע באַציונג צווישן אַ מאַן מיט אַ פרוי, וואָס האָבן זיך מער נישט ליב; ווי זיי אָבסערווירן זיך קעגנזייטיק, נאָכשפּירנדיק בעת־מעשה יענעמס געזונטס־צושטאַנד, לויערן אויף יעדן סימן פון אַ קראַנקהייט און ווינטשן יענעם, אויב זיי טראַכטן נישט אַפילו דערפון, דעם טויט. און טראָגן זיך אַרום מיט דער האָפענונג אויף אַן אומפאָרויסגעזעענעם צופאַל; אָבער יעדערער פאַר זיך וויל זיין ווידערשטאַנדס-פעיקער ווי דער צווייטער. אין באַשטימטע מאָ־מענטן האָבן זיך זשאַקלין און אָליוויער איינגערעדט, אַז דער אַנדע־רער טראָגט זיך אַרום מיט אַזעלכע געדאַנקען. און דאָך זענען זיי געווען פולשטענדיק פריי דערפון; אָבער ס'איז שוין געווען גענוג, אַז זיי האָבן געזען ענלעכע געדאַנקען איינער ביים צווייטן, פונקט ווי זשאַקלין, וואָס האָט זיך איינגערעדט ביינאַכט, אין מאָמענטן פון פיבערדיקער וואַכזאַמקייט, אַז אָליוויער איז דער שטאַרקערער, אַז

ער וועט זי נאָך מער אויסנוצן און שפּעטער זיגן... ס'איז אַ שרעק־לעך בילד פון אַ קראַנקער פאַנטאַזיע פון אַ משוגע־געוואָרן האַרצן. און ביי דעם אַלעם האָבן זיי זיך נאָך ליב געהאַט פון טיפן האַרצן און מיטן בעסטן טייל פון זייער וועזן.

אָליוויער האָט זיך געבויגן אונטער דער לאַסט. ער האָט נישט געפּרוווט מער קעמפן; און אַזוי ווי ער האָט זיך געהאַלטן אָן אַ זייט, האָט ער אַרויסגעלאָזן פון זיינע הענט דעם רודער פון זשאַקלינס נשמה. זי אָבער, איבערגעלאָזט אויף זיך אַליין און אָן אַ פירער, איז פון איר פרייהייט געוואָרן שיכּור. זי האָט געדאַרפט האָבן אַ האַר איבער זיך, קעגן וועלכן זי זאָל זיך קאָנען בונטעווען. ווען זי האָט אַזאַ האַר נישט געהאַט האָט זי זיך געמוזט שאַפן. אָט אַזוי האָבן ז' באַהערשט וואַנזיניקע פאַנטאַזיעס. נישט געקוקט אויף אירע אינער־לעכע איבערלעבונגען, איז איר ביז דעמאָלט קיינמאָל נישט איינגע־פאַלן צו פאַרלאָזן אָליוויערן. פון איצט אָבער האָט זי זיך געהאַלטן פריי פון אַלע קייטן. זי האָט געוואָלט ליבן איידער עס וועט זיין צו שפּעט — (ווייל כאָטש זי איז געווען יונג האָט זי זיך שוין געהאַלטן פאַר אַן אַלטע) — זי האָט ליב געהאַט און גוט געקענט יענע איינ־געערדטע ליידנשאַפטן, וואָס באַהעפטן זיך צום ערשטן בעסטן אָנגע־טראָפענעם מענטשן, צו אַ פאַרבייגייענדיקער געשטאַלט, צו דעם רוף פון דעם ערשטן בעסטן מאַן, טיילמאָל אפילו צו אַ נאָמען; און די פרוי, וואָס אָט די מענער האָבן איינמאָל איינגענומען ווילן זיי מער נישט אָפּלאָזן און רעדן זיך איין, אַז זי וועט זיך מער פון זיי נישט אַרויסדרייען. זי האָט געקענט די דאָזיקע ליידנשאַפטן, וואָס מאַכן אָן אַ חורבן אין האַרץ און ראַמען אַרויס פון דאָרטן אַלץ, וואָס איז פריער געווען: איינזייטיקע סיטפּאַטיעס, זיטלעכע מידות, זכרונות, אַכטונג צו זיך אַליין און צו אַנדערע. ווען עס קומען אָבער אָן די דאָזיקע משונהדיקע פאָרשטעלונגען און נאָך דעם, ווי זיי מאַכן אלץ חרוב, האַלטן זיי ביים אונטערגיין צוליב מאַנגל אין געפילן, — דע־מאָלט קומט פאָר, אַז עס שטייגט אַרויס פון די דאָזיקע איבערלעבונ־גען אַ מענטש אָן גוטסקייט, אָן מיטלייד, אָן יוגנט, אָן אילוזיעס, וואָס טראַכט נאָר דערפון ווי צו מאַכן אַ תל פון לעבן, פּונקט ווי ווילדע געוויקסן גראָבן אונטער אַלטע דענקמעלער.

ווי שטענדיק האָט זיך אויך דאָס מאָל געקלאַמערט די אידעע פיקס אָן אַ מענטשן, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן צו אַנטוישן דאָס

האַרץ. די אָרעמע זשאַקלין האָט זיך פֿאַרליבט אין עפּעס אַ פֿאַרפֿי־רער, אַ פּאַריזער שרייבער, וואָס איז נישט געווען נישט שיין און נישט יונג; פֿאַרקערט, געווען אָפּגעלעבט, מיט שלעכטע ציין, מיט אַ שרעקלעך־פּוסטער נשמה, אַ מענטש וואָס זיין גרעסטער פֿאַרדינסט איז באַשטאַנען צו זיין אין דער מאָדע און גליקלעך צו מאַכן אָן אַ שיעור פֿרויען. זשאַקלין האָט זיך אפֿילו נישט געקאָנט פֿאַרענטפֿערן דערמיט, אַז זיין עגאָיזם איז איר געווען אומבאַקאַנט, ווייל ער האָט זיך אַליין דערמיט באַרימט. ער האָט גאַנץ גענוי געוווּסט, וואָס ער טוט, עגאָיזם, וואָס באַהאַלט זיך אונטערן מאַנטל פֿון קונסט איז ווי דער שפּיגל פֿון דעם פֿויגל־שטעלער, ווי דאָס ליכט, וואָס ציט אין פֿייער אַריין קרבנות. פֿון זשאַקלינס קרייזן זענען שוין אַ סך פֿרויען אַריינגעפֿאַלן אין נעץ. ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט ער אָן גרויסער מי פֿאַרפֿירט און פֿאַרלאָזן איינע פֿון אירע יונגע פֿריינ־דינס. זיי שטאַרבן נישט דערפֿון, נאָר זייער אַנטוישונג איז אַ סוד פֿאַר אַ מנין מענטשן, ווייל זיי קאָנען זיך דערמיט נישט באַהאַלטן. אפֿילו די צום שרעקלעכסטן געטראָפֿענע האָבן נישט אויפֿגעהערט צו דער־פֿילן זייערע געזעלשאַפֿטלעכע פֿליכטן און נישט פֿאַרלוירן זייער אָנ־האַלט, ווייל זיי האָבן געהאַלטן זייערע ווילדע באַציונגען אין די גרענעצן פֿון געזונטן מענטשלעכן פֿאַרשטאַנד. אָט די אַלע פֿרויען האָבן נישט אַרויסגערופֿן קיין עפֿנטלעכן פּאַרדרוס. זיי האָבן געמעגט אָפּנאַרן זייער מאַן און זייערע פֿריינדינס, זיי האָבן געמעגט ווערן אָפּגענאַרט און ליידן דערפֿון, — אַלץ איז פֿאָרגעקומען אין דער שטיל. זיי זענען געווען מאַרטירערינס פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג.

זשאַקלין איז געווען משוגע: זי איז נישט נאָר געווען פֿעיק צו טון דאָס, וואָס זי זאָגט, נאָר אויך צו זאָגן דאָס, וואָס זי טוט. אירע קאַפּריזן זענען געווען אומבאַרעכנט און אָן אילוזיעס. זי האָט פֿאַרמאָגט די גוטע אָבער געפֿערלעכע אייגנשאַפֿט צו זיין לגבי זיך גאַנץ אָפֿנהאַרציק און נישט אָפּצושרעקן זיך פֿאַר די קאָנסעקווענצן פֿון אירע האַנדלונגען. זי האָט פֿאַרמאָגט מער ווערט ווי די אַנדערע פֿון איר געזעלשאַפֿטלעכן קרייז. דערפֿאַר האָט זי זיי איבערגעיאָגט אין אַלדאָס בייז. ווען זי האָט ליב געקראָגן, ווען זי האָט זיך שוין ענטשלאָסן דערויף, האָט זי זיך מיט פֿאַרצווייפֿלטער מוטיקייט גע־וואָרפֿן מיט האַלז און נאַקן אין אָפּגרונט אַריין.

מאַדאַם אַרנאָ איז געווען אַליין אין שטוב און געשטריקט מיט פּיבערדיקער איינטאָניקייט, פּונקט ווי פּענעלאָפּע, וואָס איז געזעסן ביי איר באַרימטער אַרבעט, און גלייך ווי זי וואָלט געוואַרט אויף איר מאַן. הער אַרנאָ האָט דעם גאַנצן טאָג פאַרבראַכט אויסערן שטוב. פאַר און נאָך מיטאָג האָט ער געהאַט די שול. ס'רוב איז ער געקומען אויף פרישטיק אַהיים, הגם ער האָט צוגעהינקט און די גימנאַזיע איז געווען אין צווייטן עק פון פּאַריז. ער האָט זיך געצוווּנגען צו דעם דאָזיקן לאַנגן וועג, נישט אַזוי צוליב בענקשאַפט אָדער שפּאָרזאַמקייט, ווי צוליב געוווינהייט. אָבער אין באַשטימטע טעג האָט ער נאָך געגעבן פּריוואַטע שעהן אָדער געאַרבעט ערגעץ אין אַ נאָענטער ביבליאָטעק. מאַדאַם אַרנאָ איז געבליבן אַליין אין דער פּוסטער דירה. אויסער דער דינסט, וואָס איז געקומען פון אַכט ביז צען אַ זייגער אויספירן די שווערערע אַרבעט, און אויסער די צושטעלער פון שפּייז, האָט קיינער נישט אָנגעקלאַפּט אין טיר. אין דעם הויז האָט זי קיינעם נישט געקענט. קריסטאָף האָט זיך אַרויסגעצויגן, און נייע לאָקאַטאָרן האָבן זיך אַריינגעצויגן אין זיין דירה. סעלין שאַבראַן האָט חתונה געהאַט מיט אויגוסטין עלסבערגער, אליהו עלסבערגער איז מיט זיין פאַמיליע אַרויסגעפאָרן קיין שפּאַניען, ווו ער איז אַנגאַזשירט געוואָרן אויסצובויען אַ מינע. דער אַלטער ווייל האָט פאַרלוירן זיין פרוי און האָט שוין כמעט נישט געוווינט אין זיין פּאַריזער דירה. נאָר קריסטאָף און זיין פריינדין סעסיל האָבן אויפגעהאַלטן באַציונגען מיט מאַדאַם אַרנאָ, אָבער זיי האָבן געוווינט זייער ווייט, און אַזוי ווי זיי האָבן אַ גאַנצן טאָג אָנגעשטרענגט געאַרבעט, האָבן זיי זי וואָכן לאַנג נישט באַזוכט. אָט אַזוי איז זי געווען אָנגעוויזן אויף זיך אַליין.

און דאָך איז איר לחלוטין נישט געווען לאַנגווייליק. די קלענסטע טאָגטעגלעכע פליכטן זענען בכוח געווען זי אינערלעך צו פאַראינטערעסירן: אַ קליין געוויקס, וואָס זי האָט יעדן פרימאָרגן מיט מוטערלעכער זאָרגעוודיקייט גערייניקט זיינע צאַרטע בלעטער; איר שטילע, גרויע קאַץ, וואָס האָט מיט דער צייט אָנגענומען די זעלבע געוווינהייט ווי זי, ווי עס קומט אָפט פאַר מיט שטוב-חיות, בעת זיי פילן,

אַז דער מענטש איז באמת צו זיי צוגעבונדן, זי האָט פאַרבראַכט דעם טאָג ביים קאַמין אָדער אויפן טיש ביים לאָמפּ און באַטראַכט די פלייסיקע פינגער פון איר באַלעבאָסטע אָדער שיילמאָל אַרויפגעקוקט צו איר מיט אירע מערקווירדיקע אויגן, כדי זי אַ ווײַלע צו באַטראַכטן און שפּעטער ווידער אויסצולעשן. אַפילו די מעבל האָבן איר אונטערגעהאַלטן געזעלשאַפט. יעדער זאַך האָט געהאַט פאַר איר אַ פריינטלעך פּנים. מיט אַ קינדערשן פאַרגעניגן האָט זי זיי געפּוצט, אַרומגעווישט דעם שטויב פון אַלע זייטן און מיט אומענדלעכער פאַרזיכטיקייט זיי צוריקגעשטעלט אויף דעם פריערדיקן אָרט. זי האָט גערעדט מיט זיי אין דער שטיל. זי האָט געשמייכלט צו דער איינציקער שיינער, אַלטער זאַך, וואָס זי האָט פאַרמאָגט, אַ פיינעם צילינדער-שרייב-טיש אין סטיל פון לואי דעם פערצנטן. זי האָט אים טאָגטעגלעך באַטראַכט מיט דער זעלבער פרייד. נישט ווייניקער באַשעפטיקט איז זי געווען, בעת זי האָט איבערגעקוקט אירע וועש: דעמאָלט איז זי געשטאַנען לאַנגע שעהן אויפן שטול, פאַרגראָבן דעם קאָפּ אין די אָרעמס אין דער גרויסער שאַנק, געעני באַטראַכט און איינגעאָרדנט, בעת די קאַץ האָט זי אָנגעקוקט לאַנגע שעהן פאַרחידושט און באַאומרויקט.

זייער גליקלעך איז זי געווען נאָך דער אַרבעט, ווען זי האָט — איין גאָט ווייס ווי אַזוי! — געפּרישטיקט (זי איז קיינמאָל נישט געווען הונגעריק) און באַזאָרגט אַלע נויטיקע זאַכן און ערשט נאָך דער פאַרענדיקטער טאָג-אַרבעט אַרום אַ זייגער פיר, זיך אומגעקערט אַהיים און געקאָנט מיט איר האַנט אַרבעט און מיט איר קעצל זיך זעצן ביים פייער. טיילמאָל האָט זי געפונען אַן אויסרייד אינגאַנצן נישט אַרויסצוגיין פון שטוב. צום גליקלעכסטן איז זי געווען, ווען זי האָט זיך געקאָנט פאַ שפּאַרן אין שטוב, דער עיקר ווינטער בעת אַ שניי. זי האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן קיין קעלט, קיין בלאָטע און קיין רעגן, ווייל זי איז אויך געווען אַ זויבער. צאַרט, צעפּיעשטשעט קעצל. זי האָט בעסער געוואָלט נישט עסן איידער אַרויסגיין באַזאָרגן זיך פרישטיק, ווען די צושטעלער פון שפּייז האָבן אַמאָל על פי מקרה פאַרגעסן. אין אַזאַ פאַל האָט זי געקייט אַ שטיקל שאָקאָלאַד אָדער אַ פּרוכט פון דער שפּייזשאַנק. זי האָט עס נאַטירלעך נישט דערציילט איר מאַן. דאָס זענען געווען אירע קאַפּריזן.

אָט אַזוי איז זי געזעסן אין טונקעלע און טיילמאָל אויך אין

שיינע זוניקע טעג אין איר שטילער באַשאָטענטער דירה, בעת אין דרויסן האָט געלויכטן דער בלויער הימל און די גאַס האָט געטומלט. זי האָט זיך דעמאָלט געפֿילט, גלייך ווי איר נשמה וואָלט געוואָרן איינגעזויגן פֿון עפּעס אַ כּשוף־שפּיגל. זי איז געזעסן אויף איר געליבטן אָרט מיט אַ בענקעלע אונטער די פֿיס, מיט דער שטריקאַרבעט אין די הענט, אומבאַוועגלעך, פֿאַרזונקען אין זיך, בעת אירע פֿינגער זענען אייליק אַרומגעלאָפֿן אַהין און צוריק. נעבן איר איז געלעגן איינס פֿון אירע ליבלינגס־ביכער, ס'רוב אַ באַשיידענער באַנד אין אַ רויטן איינבאַנד, אַן איבערזעצונג פֿון אַן ענגלישן ראָמאַן. זי האָט געלייענט זייער ווייניק, קוים איין קאַפּיטל אַ טאָג; און דאָס בוך אויף אירע קני איז אַ לאַנגע צייט געבליבן ליגן אָפֿן אויף דעם זעלביקן זייטל, אָדער בכלל צוגעמאַכט: זי האָט עס שוין געקענט און געטרוימט. אָט אַזוי האָבן זיך געצויגן די לאַנגע ראָמאַנען פֿון דיקענס אָדער טעקעריי גאַנצענע וואָכן, און אירע חלומות האָבן געדויערט יאָרן. זיי האָבן זי אַרומגענומען מיט זייער צערטלעכקייט. די היינטיקע מענטשן, וואָס לייענען שנעל און שלעכט, קענען שוין נישט די וואונדערבאַרע קראַפֿט, וואָס שטראָמט אַרויס פֿון שיינע ביכער, וואָס מען לייענט פּאַמעלעך. פֿאַר מאַדאַם אַרנאָ איז געווען אויסער יעדן ספֿק, אַז דאָס לעבן פֿון אַלע ראָמאַן־העלדן איז פּונקט אַזוי ווירקלעך ווי אירס. עס זענען דאָ געווען מענטשן, פֿאַר וועלכע זי וואָלט זיך מיטן גאַנצן האַרצן מקריב געווען. די מוטיקע אייפֿערזיכטיקע ליידי קעסטלווּד, די דאָזיקע שווייגנדיקע ליבנדיקע פֿרוי, מיטן מוטערלעכן און גלייכצייטיק יונגפֿרוילעכן האַרצן איז איר געווען ווי אַ שוועסטער; דער קליינער דאָמביי, איז געווען איר זיס קליין קינד. זי אַליין איז געווען דאָראַ, די קינדערשע פֿרוי, וואָס מוז שטאַרבן; זי האָט אויסגעשטרעקט אירע אָרעמס צו אַלע קינדערשע נשמהלעך, וואָס גייען דורך דער וועלט מיט מוטיקע ריינע אויגן; און אַרום איר האָט זיך באַוועגט אַ צוג פֿון ליבנסווירדיקע, אָרעמע, אָריגינעלע ברואים, וואָס האָבן נאָכגעיאָגט זייערע לעכערלעכע און רירנדיקע געשפּענסטער, — אַלעמען האָט אַרויסגעפֿירט דער ליבעפֿולער גאון פֿון גוטן דיקענס, וואָס האָט צו זיינע טרוימען געלאַכט און גלייכצייטיק געוויינט. ווען זי זאָל אין אַזעלכע מאָמענטן אַרויסקוקן דורכן פֿענסטער, וואָלט זי דערקענט צווישן די פֿאַרבייגייער די צדער יענע געליבטע אָדער געהאַסטע געשטאַלט פֿון דער אויסגע־

טרוימטער וועלט. זי האָט געטראַכט, אַז הינטער די מויערן פון די הייזער קומען פאָר ענלעכע פּאַסירונגען, אויב זי האָט נישט געוואָלט אַרויסגיין, איז עס אייגנטלעך געווען צוליב מורא פאַר דער דאָזיקער וועלט, וואָס איז פול מיט אומרויקע סודות. זי האָט געזען אַרום זיך פאַרבאָרגענע דראַמען אָדער קאָמעדיעס. און נישט שטענדיק איז עס געווען בלויז איינבילדונג. אין איר איינזאַמקייט האָט זי זיך דערוואָרבן יענע סודותדיקע אַנונגען, וואָס לייענען אַרויס פון פאַרביישוועבנדיקע בליקן די סודות פון דעם מענטשנס פאַרגאַנגענעם אָדער צוקונפטיקן לעבן. אָפט האָט זי אַליין דערפון נישט געוווסט. די דאָזיקע ווירקלעכע פּנימער האָט זי צוזאַמענגעשמאָלצן מיט ראָמאַנטישע זכרונות און זיי געפאָרמט. אין דעם דאָזיקן אומענדלעכן אוניווערזום האָט זי זיך געפילט ווי אַ מענטש, וואָס טרינקט זיך. זי האָט זיך געמוט אומקערן צו זיך, כדי זיך ווידער צו שטעלן אויף אַ פעסטן באָדן.

צי האָט זי זיך אָבער גענויטיקט צו לייענען אין אַנדערע מענטשן אָדער זיי צו באַטראַכטן? זי האָט נאָר געדאַרפט אַריינקוקן אין זיך אַליין. ווי שטאַרק עס איז אָט די אויסערלעך־בלאַסע איינטאָניקע עקזיסטענץ געווען אינערלעך העל! וואָס פאַר אַ שפע פון רייכן לעבן! וויפיל האָבן דאָרטן גערוט זכרונות, וויפל אוצרות, וואָס פון זייער עקזיסטענץ האָט קיינער קיין אַנונג נישט געהאַט! צי האָבן זיי אין דער ווירקלעכקייט עקזיסטירט? — זיי זענען בלי ספק געווען ווירקלעך, ווייל פאַר איר האָבן זיי עקזיסטירט... אָ, אָרעם לעבן, וואָס דער כישוף פון חלום באַשטראַלט!

מאַדאַם אַרנאָ האָט אַרויפגעבראַכט אויף איר זכרון אַלע אירע יאָרן פון דער פריסטער קינדהייט אָן. יעדעס צאַרטע בלימעלע פון אירע צעשטערטע האָפנונגען האָט אין דער שטיל ווידער אויפגעבליט... די ערשטע קינדערליבע צו אַ יונג מיידעלע, וואָס איר דרייסטקייט האָט זי איינגענומען פון דער ערשטער רגע אָן; זי האָט עס ליב געהאַט, ווי מען קאָן נאָר ליב האָבן, בעת מען איז אומענדלעך ריין; זי איז אויסגעגאַנגען פון אויפרעגונג בעת יענץ מיידעלע האָט זי באַרירט; זי וואָלט איר די פיס געקושט, איר געליבטע געוואָרן, חתונה געהאַט מיט איר; איר פריינדין האָט סוף־כל־סוף חתונה געהאַט, נישט געווען גליקלעך, געבוירן אַ קינד, וואָס איז געשטאָרבן. און דאַן געשטאָרבן אַליין... דעמאָלט האָט זי איבערגעלעבט אַן אַנ־

דער ליבע,—זי איז אַלט געווען אַן ערך צוועלף יאָר.—צו אַ מיידל אין אירע יאָרן, וואָס האָט זי טיראַניזירט, אַ לוסטיק הערשנדיק בלאָנד טייבעלע, וואָס האָט מיט דער גרעסטער הנאה דערפירט זי ביז צו טרערן און דערנאָך באַדעקט זי מיט קושן. זיי האָבן צוזאַמען געשמידט טויזנטער ראָמאַנטישע צוקונפט-פּלענער. די דאָזיקע פריינדין איז דע־מאָלט פלוצלינג געוואָרן אַ קאַרמעליטערין און קיינער האָט נישט גע-ווּוסט פאַרוואָס; עס האָט געהייסן, אַז זי איז גליקלעך... דעמאָלט איז זי באַהערשט געוואָרן פון אַ שטאַרקער ליידנשאַפט צו אַ פיל עלטערן מאַן. פון יענער ליידנשאַפט האָט קיינער נישט געוווּסט, אפילו ער אַליין אויך נישט. זי האָט דערביי פאַרשווענדעט אמתע מסירת־נפש, אוצרות פון צערטלעכקייט... דעמאָלט איז געקומען אַן אַנדערע ליידנשאַפט: דאָסמאָל איז מען געווען פאַרליבט אין איר. אָבער צוליב איינגעבוירענער ניכטערקייט, צוליב אומצוטרוי צו זיך אַליין, האָט זי נישט געהאַט דעם מוט צו גלויבן, אַז מען האָט זי ליב, און האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק, אַז זי אַליין איז אויך פאַרליבט. און דאָס גליק איז אַוועקגעפלויגן, און זי האָט עס אפילו נישט איבערגעלעבט... דעמאָלט... אָבער צו וואָס טויג עס צו דערציילן אַנדערע, דאָס וואָס האָט אַ זין נאָר פאַר איין מענטשן? זי האָט געטראַכט וועגן אַזוי פיל קלייניקייטן, וואָס האָבן פאַר איר געהאַט אַ טיפע באַדייטונג. די קלענסטע אויפמערקזאַמקייט פון אַ פריינט, אָליוויערס אַ ליב וואָרט, וואָס ער האָט אַליין נישט באַמערקנדיק געלאָזט פאַלן, קריסטאָפס האַרציקע באַזוכן און די פאַרכישופטע וועלט פון זיין מוזיק, דער בליק פון אַן אומבאַקאַנטן מענטשן, יאָ, אפילו אַ געוויסע אומשולדיקע אומ-טרייהייט, וואָס די דאָזיקע ווילע, אָנשטענדיקע פרוי איז באַגאַנגען אין געדאַנק, אַן אומטרייהייט, וואָס האָט זי באַאומרויקט און באַגאָסן מיט אַ רויטקייט איר פנים, און וואָס האָט—דאָס איז אַלץ געווען אַזוי אומשולדיק—צעשטראַלט אין האַרצן אַביסל זון-ליכט... זי האָט האַרציק ליב געהאַט איר מאַן, הגם ער איז נישט געווען אַזוי ווי זי האָט וועגן אים געטרוימט; און איינמאָל, ווען ער האָט צו איר געזאָגט:

— מיין טייער טייבעלע, דו ווייסט נישט, וואָס דו באַדייטסט פאַר מיר: דו ביסט מיין גאַנץ לעבן.

איז ווייך געוואָרן איר האַרץ; אין יענעם טאָג האָט זי זיך דער-פילט פאַראייניקט מיט אים אויף אייביק, אָן דעם מינדסטן געדאַנק זיך אומצוקערן צוריק. יעדעס יאָר האָט זיי ענגער צוזאַמענגעקניפּט. זיי

האָבן צוזאַמען געטרוימט די שענסטע חלומות, חלומות פון אַרבעט, פון רייזעס, פון קינדער. וואָס האָט זיך דערפון אויסגעלאָזט?.. אָך! מאַדאַם אַרנאָ האָט נאָך אַלץ וועגן דעם געטרוימט. וועגן אַ קינד האָט זי אַזוי אָפט אין האַרצן געטראַכט. אַז עס איז געוואָרן פאַר איר כמעט אַ ווירקלעכקייט. לאַנגע יאָרן האָבן זי באַשעפטיקט די דאָזיקע געדאַנקען; זי האָט איר קינד באַפּוצט און אויפהער מיט אַלדאָס ע[illegible]טע, וואָס זי האָט געזען. מיט אַלץ, וואָס איז איר צום טייערסטן געווען... שטיל... שטיל!

דאָס איז געווען אַלץ. און דאָך זענען עס געווען גאַנצע וועלטן. וויפל טראַגעדיעס, וואָס אַפילו די נאָענטסטע האָבן פון זיי קיין אַנונג נישט געהאַט, האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויף דעם דעק פון דעם, לפנים, רויקסטן, מיטלמעסיקסטן לעבן! און דאָס רירנדיקסטע ליגט אפשר אין דעם, וואָס אין דעם דאָזיקן, פון האָפענונגען־באַלויכטענעם לעבן איז לחלוטין גאָרנישט געשען; וואָס זיי האָבן געפאָדערט זייערע רעכט, דאָס רעכט פון דער נאַטור, וואָס זי האָט זיי אָפּגעזאָגט; וואָס זיי האָבן זיך געפּייניקט אין ליידנשאַפטלעכער שרעק און אויסער־לעך גאָרנישט אַרויסגעוויזן!

מאַדאַם אַרנאָ איז צום גליק געווען פאַרנומען נישט נאָר מיט זיך אַליין. איר אייגן לעבן האָט אויסגעפּילט נאָר אַ טייל פון אירע חלומות. זי האָט אויך געלעבט מיטן לעבן פון אירע איצטיקע אָדער פריערדיקע געדאַנקען. זי האָט זיך געשטעלט אויף זייער אָרט. זי האָט געטראַכט וועגן קריסטאָפן און וועגן זיין פריינדין סעסיל. אויך היינט האָט זי וועגן זיי געטראַכט. דיביידע פרויען האָבן געפילט צו זיך אַ קעגנזייטיקע סימפּאַטיע. און ס'איז מערקווירדיק, אַז די שטאַרקע סעסיל האָט זיך גראָד גענויטיקט אין דער שטיצע, וואָס זי האָט געפונען אין דער צאַרטער מאַדאַם אַרנאָ. אין פלוג, איז אַט דאָס פריילעכע, גרויסע און געזונטע מיידל געווען ווייניקער שטאַרק, ווי ס'האָט זיך אויסגעדאַכט לפנים. זי האָט דורכגעמאַכט אַ קריזיס. די רויקסטע הערצער זענען נישט פאַרזיכערט פון איבעראַשונגען. און איר וויסן האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין איר האַרצן אַ צאַרט געפיל. זי האָט זיך אין דעם נישט געוואָלט מודה זיין. אָבער דער געפיל איז אַזוי לאַנג געוואַקסן ביז זי האָט עס געמוזט דערזען: זי האָט זיך פאַרליבט אין אָליוויערן. די וואַרעמע, מילדע באַנעמונג פון דעם יונגנמאַן, די עטוואָס ווייבלעכע גאַטור פון זיין פערזענלעכקייט, אַלץ,

וואָס איז געווען אין אים שוואַך און אָןווידערשטאַנד — אַט דאָס אַלץ האָט זי צוגעצויגן; עס האָט זיך געצויגן צו אים איר מוטער־לעכע נאַטור, אין וועלכער ער האָט זיך גענויטיקט. דאָס, וואָס זי האָט זיך מיט דער צייט דערוווּסט וועגן זיינע צרות אין חתונה־לעבן, האָט זי אָנגעפילט מיט אַ שטאַרקן מיטלייד צו אָליווערן. אוודאי זע־נען דאָס נישט געווען די איינציקע סיבות פון איר ליבע. ווער וואָלט אָבער געקאָנט זאָגן פאַרוואָס איין מענטש פאַרליבט זיך אין דעם צווייטן? אָפט זענען זיי ביידע אין דעם נישט שולדיק. נאָר די שעה, וואָס באַפאַלט אומגעריכט אַ האַרץ און דערוועקט אין אים אַ סימפּאַטיע, וואָס גיט זיך איבער דעם ערשטן בעסטן אויפן וועג־באַגעגנטן מענטשן. — קוים האָט סעסיל אויפגעהערט צו צווייפלען אין דעם, האָט זי מיט אַלע כּוחות זיך באַמיט אַרויסצורייסן פון איר האַרצן די דאָזיקע ליבע, וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר זינדיק און אומזיניק. זי האָט זיך געליטן אַ לאַנגע צייט און מוטיק זיך געראַנגלט. קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס אין איר קומט פאָר: זי האָט קודם כּל זיך באַ־מיט אויסצוזען גליקלעך. נאָר איין מאַדאַם אַרנאָ האָט געוווּסט וויפיל כּוחות עס קאָסט איר. סעסיל האָט איר קיינמאָל נישט אָנפאַרטרויט איר סוד. אָבער זי איז אָפטמאָל געקומען און געלעגט איר קאָפּ מיטן קרעפטיקן נאַקן אויפן אָרים פון מאַדאַם אַרנאָ. זי האָט אַביסל גע־וויינט, גאָרנישט גערעדט, געקושט די פריינדין און אַוועקגעגאַנגען מיט אַ געלעכטער. זי האָט געפילט אַ וואַרעמע ליבע צו דער דאָזי־קער שוואַכער פרוי, אין וועלכער זי האָט געשפּירט אַ גייסטיקע שטאַרקייט און גלויבנס־קראַפט, אַ קראַפט, וואָס זי אַליין האָט נישט פאַרמאָגט. זי האָט זיך פאַר איר קיינמאָל נישט פאַרטרויט. אָבער ס'איז געווען איבעריק צו רעדן. מאַדאַם אַרנאָ האָט עס פאַרשטאַנען אַליין. די וועלט האָט אויסגעזען אין אירע אויגן ווי אַ גרויסע טרויעריקע מיספאַרשטייעניש. ס'איז געווען אוממעגלעך אין דעם אַריינצודרינגען. מען קאָן עס נאָר ליב האָבן, מיט פילן און טרוימען. און ווען די חלומות האָבן שטאַרק גענומען רוישן אין איר, ווען זי האָט זיך נישט געקאָנט מיט אירע געדאַנקען שלעפּן פאָרויס, האָט זי זיך גע־זעצט ביים פּיאַנינאָ און פריי געלאָזן אירע הענט איבער די קלאַווישן, כּדי איינצוהילן דעם פאַרכּשופטן שפּיגל פון לעבן און דאָס פאַר־טונקלטע ליכט פון די טענער.

אָבער די מוטיקע, קליינע פרוי האָט נישט פאַרגעסן די שעהן

פון אירע טאָג-טעגלעכע פליכטן; און ווען אַרנאָ האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט ער געפונען דעם לאָמפּ אָנגעצונדן, דאָס אָוונט-ברויט גרייט אויפן טיש און דאָס בלייכע שמייכלענדיקע פּנים פון זיין פרוי, וואָס האָט אויף אים געוואַרט. און ער האָט נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג וועגן דער פאַרבאָרגענער וועלט, וואָס האָט אין איר געלעבט.

אָבער ס'איז געווען זייער שווער צו גיין אויף ביידע וועגן אָן צוזאַמענשטויס. דאָס טאָג-טעגלעכע לעבן און דאָס אַנדערע, דאָס הויכע לעבן פון דעם גייסט מיט די ווייטע האָריזאָנטן. דאָס איז נישט שטענדיק אָנגעקומען לייכט. צום גליק האָט אויך אַרנאָ געלעבט טייל-ווייז אין פאַרחלומטער וועלט פון בילער און קונסט-ווערק, וואָס זייער אייביק פייער האָט געזעטיקט די פלאַמען פון זיין נשמה. אָבער אין די לעצטע יאָרן האָבן אים שטאַרק גענומען מאַטערן די קליינע דאגות פון זיין פּראָפעסיע, עוולות, צער, עגמת נפש, צוליב זיינע קאָלעגן אָדער שילער. ער האָט גענומען רעדן וועגן פּאָליטיק, אויסגערעדט וואָס אין דער קאָרט אויף דער רעגירונג און די יידן; ער האָט גע-מאַכט דרייפוסן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אַנטווישונגען אין זיין באַ-רוף. זיין שלעכטע שטימונג האָט זיך אויך איבערגעטראָגן טיילווייז אויף זיין פרוי. זי איז שוין אַלט געווען קרוב פערציק יאָר. זי איז געווען אין יענעם עלטער, ווען די לעבנס קראַפט מאַכט דורך שטאַר-קע אויסברוכן און שטערונגען און מוז זיך ראַנגלען כדי אויפצוהאַלטן איר גייסטיק גלייכגעוויכט. איר געדאַנקען-גאַנג איז געוואָרן אונטער-געבראָכן. אָט אַזוי האָבן זיי ביידע אויף אַ געוויסע צייט פאַרלוירן יעדן שותפותדיקן לעבנסציל; ווייל זיי האָבן שוין מער נישט געפו-נען קיין שום זאַך, וואָס זאָל פאַרבינדן און באַפעסטיקן זייערע אויס-געליידיקטע טרוימען. יעדער טרוים נויטיקט זיך אין אַ געוויסער שטיצע, וואָס קומט פון דער ווירקלעכקייט, מעג זי זיין אַפילו זייער אַ שוואַכע. ביידן האָט געפעלט די דאָזיקע שטיצע. זיי וואָלטן ביידע געדאַרפט געפינען אַן אָנהאַלט איינער אָן צווייטן. אָבער אָנשטאָט איר צו העלפן, האָט ער זיך אַליין אָן איר געקלאַמערט. און איר איז קלאָר געוואָרן, אַז זי קאָן אים נישט שטיצן אין אַ געגנונגנדיקער מאָס: זי האָט זיך אַליין נישט געקאָנט מער איינהאַלטן. נאָר אַ נס האָט זי געקאָנט ראַטעווען. זי האָט צו אים גערופן, עס איז געגאַנגען פון די טיפע-נישן פון איר נשמה. מאַדאַם אַרנאָ האָט געפילט אין איר איינזאַמען

און פרומען האַרצן די דערהויבענע און גלייכצייטיק אומזיניקע באַדער־פעניש, צו שאַפן עפּעס אַלעמען אויף צו להכעיס. אויסצוועבן איר נעץ איבער דעם רוים, צוליב בלויזער פרייד צו וועבן, איבערצוגעבן זיך דעם ווינט, דעם גאָט, וואָס זאָל זי אַוועקטראָגן אַהין, וווהין זי מוז דערלאַנגען. און דער גאָט האָט זי צוריקגעפירט צום לעבן און האָט געפונען פאַר זיי אַ פאַרבאָרגענע הילף. אָט אַזוי האָבן מאַן און ווייב, פול מיט געדולד, ווידער פון דאָס ניי געוומען שפינען די פאַרפשוטסטע דינע נעץ פון זייערע חלומות, וואָס האָבן אַרויסגעטויכט פון זייערע ריינסטע ליידן, פון זייער ריינסטן בלוט.

מאַדאַם אַרנאָ איז געווען אַליין אין שטוב... ס'איז צוגעפאַלן דער אָוונט. פּלוצלינג האָט אַ קלונג געטון דאָס גלעקל פון דער טיר. מאַדאַם אַרנאָ, וואָס איז נישט געווען געוווינט, מען זאָל זי אַזוי פרי אויפוועקן פון איר טרוימעריי האָט זיך דערשראָקן. זי האָט זאָרגעוו־דיק צוזאַמענגעלעגט איר אַרבעט און איז געגאַנגען עפענען. דאָס איז געווען קריסטאָף, ער איז געווען זייער צערודערט. זי האָט אים האַר־ציק געדריקט די הענט.

— וואָס איז אייך, ליבער פריינט? — האָט זי געפרעגט.

— אַך, — האָט ער געזאָגט, — אָליוויער איז צוריקגעקומען.

— צוריקגעקומען?

— היינט אין דערפרי איז ער געקומען. „קריסטאָף, העלף מיר!" האָט ער צו מיר געזאָגט. איך האָב אים אַרומגענומען. האָט ער זיך צעוויינט און געזאָגט: „איך האָב איצט נאָר דיך. זי האָט מיך פאַר־לאָזן".

מאַדאַם אַרנאָ האָט פאַרבראָכן די הענט און אויסגערופן:

— אומגליקלעכע!

— זי איז אַוועק. — האָט קריסטאָף איבערגעחזרט. — זי איז אַנטלאָפן מיט איר געליבטן.

— און איר קינד? — האָט מאַדאַם אַרנאָ געפרעגט.

— זי האָט אַלץ פאַרלאָזן, דעם מאַן, דאָס קינד

— אומגליקלעכע! — האָט מאַדאַם אַרנאָ נאָכאַמאָל געזאָגט.

— ער האָט זי ליב געהאַט, אָך, ווי ער האָט זי ליב געהאַט!

— האָט קריסטאָף געזאָגט, — ער וועט שוין צו זיך נישט קומען נאָך אַזאַ קלאַפּ. ער שרייט צו מיר אָן אויפהער: „קריסטאָף, זי האָט מיך פאַראַטן, מיין בעסטע פריינדין האָט מיך פאַראַטן". אומזיסט שריי איך צו אים: „אויב זי האָט דיך פאַראַטן, איז זי נישט געווען דיין פריינדין, זי איז געווען דיין שונא. פאַרגעס, אָדער דערהרגע זי!"

— אָ, קריסטאָף! וואָס רעדט איר? דאָס איז דאָך שרעקלעך!

— יאָ איך ווייס, דאָס זעט אויס ביי אייך אַלעמען, ווי אַ באַרבאַרישקייט פון די אוראַלטע צייטן: דערהרגענען! מען מוז נאָר הערן ווי די דאָזיקע פיינע פאַריזער געזעלשאַפט פּאַרטיידיקט זיך קעגן די גראָבע אינסטינקטן, וואָס דערפירן דעם פּאַראַטענעם מאַן צו דערהרגענען זיין פרוי. מען דאַרף נאָר הערן, ווי זיי פּרעדיקן גלייכ־געוויכט פון פאַרשטאַנד, די דאָזיקע גוטע אַפּאָסטאָלן! ווי שיין עס איז צו זען, ווי די באַנדעס צונויפגעלאָפענע הינט איילן זיך צו אַנטלויפן דורך דער טיר. פריער צעטרעטן זיי דאָס לעבן מיט די פיס און נעמען צו ביי אים יעדן ווערט און דעמאָלט רינגלען זיי עס אַרום מיט אַ רעליגיעזן קולט... וואָס! אָט דאָס לעבן אָן אַ האַרץ, אָן ערע, אָן באַדייטונג, וואָס איז נישט מער, ווי דער אָטעם פון אַ קערפּער, דאָס פולסירן פון אַ שטיק פלייש, אָט דאָס, מיינט איר, פאַרדינט אַכטונג? אָט דאָס יאַטקע־פלייש באַהאַנדלט מען נישט גענוג צאַרט לויט אייער מיינונג, עס איז אַ פאַרברעכן עס אָנצורירן. דער־הרגעט די נשמה, זאָגט איר, אָבער דער קערפּער איז הייליק...

— די גייסטיקע מערדער זענען די ערגסטע, אָבער דאָס פאַר־ברעכן באַרעכטיקט נישט אַ צווייט פאַרברעכן. דאָס ווייסט איר אַליין זייער גוט.

— איך ווייס עס, ליבע פריינדין, איר זענט גערעכט. איך גלויב אַליין נישט אין דעם, וואָס איך זאָג. נאָר ווער ווייס, אפשר וואָלט איך עס יאָ געטון.

— ניין, איר פאַרשוואַרצט זיך אַליין דאָס פּנים. איר זענט אַ גוטער.

— ווען מיך באַפאַלט אַ ליידנשאַפט, בין איך פונקט אַזוי גרוי־זאַם ווי די אַנדערע. אָט זעט איר, ווי איך בין אויפגערעגט... אָבער ווען מען זעט ווי דער געליבטער פריינט וויינט, ווי זאָל מען נישט האַסן די, וואָס האָבן אים דערצו דערפירט? און צי קאָן מען זיין

געגוג שטרענג בנוגע אַן אומגליקלעכער פרוי, וואָס האָט פאַרלאָזן איר קינד, כדי נאָכצולויפן איר געליבטן?

— רעדט נישט אַזוי, קריסטאָף, וואָס ווייסט איר דערפון?

— וואָס, איר פאַרטיידיקט זי נאָך?

— איך באַדויער זי.

— איך באַדויער נאָר, די, וואָס ליידן. אָבער אַזעלכע מענטשן באַדויער איך נישט.

— נו, גלויבט איר טאַקע, אַז זי האָט גאָרנישט געליטן? גלויבט איר טאַקע, אַז זי האָט מיט אַ גרינג געמיט פאַרלאָזט איר קינד און חרוב געמאַכט איר לעבן? ווייל אויך פון איר לעבן איז געוואָרן אַ תל. איך קען זי גאַנץ ווייניק, קריסטאָף, איך האָב זי נאָר צוויי מאָל געזען און דאָס אויך גאַנץ אויבנאויפיק. זי האָט מיר קיין גוט וואָרט נישט געזאָגט, זי האָט נישט געהאַט צו מיר קיין סימפּאַטיע און דאָך קען איך זי בעסער פון אייך. איך בין זיכער, אַז זי איז נישט שלעכט. אָרעמע! איך שטעל מיר פאָר, וואָס אין איר האָט גע-מוזט פאָרקומען.

— איר, ליבע פריינדין, וואָס אייער לעבן איז אַזוי אַנדערש, אַזוי קלוג, איר זאָגט עס?

— איך, קריסטאָף, יאָ, דאָס פאַרשטייט איר נישט. איר זענט אַ גוטער, אָבער איר זענט אַ מאַן און נישט געקוקט אויף אייער גוטסקייט — אַ שטרענגער מענטש, ווי אַלע מענער, אַ מאַן, וואָס באַ־ציט זיך שטרענג צו אַלץ, וואָס איז אַנדערש ווי ער. איר פאַרשטייט נישט די, וואָס לעבן אַרום אייך. איר האָט זיי ליב אויף אייער שטייגער, אָבער איר באַמיט זיך נישט זיי צו פאַרשטיין. איר זענט אַזוי לייכט צופרידן מיט זיך אַליין. איר זענט זיכער, אַז איר קענט אונז. אַך! ווען איר זאָלט וויסן, ווי שטאַרק מיר ליידן אָפט, ווען מיר זעען, — נישט ווי איר האָט אונז נישט ליב, נאָר ווי איר ליבט אונז יאָ! און וואָס פאַר אַ באַדייטונג מיר האָבן פאַר די, וואָס האָבן אונז צום שטאַרקסטן ליב. אין געוויסע מאָמענטן, קריסטאָף, רייסן מיר זיך מיט די נעגל די הענט, כדי נישט אויסצושרייען: „אָ, ליבט אונז נישט! ליבט אונז נישט! אַלץ אין דער וועלט, איידער אַזאַ ליבע...« קענט איר דאָס דיכטער־וואָרט: אפילו אין איר אייגענעם הויז צווישן אירע קינדער, אַרומגערינגלט מיט ערע און ליבע, פילט די פרוי עפּעס אַ פאַראַכטונג, וואָס איז טויזנט מאָל דריקנדיקער, ווי

די ערגסטע צרות". גיט אַ טראַכט, קריסטאָף, דאָס איז אַ שרעק!

— דאָס, וואָס איר זאָגט מיר, איז מיר אַ גרויסער חידוש. איך פאַרשטיי אייך נישט. נאָר אויב איך האָב קיין טעות נישט... האָט איר אַליין...

— איך האָב אַליין דערקענט די דאָזיקע ליידן.

— איז עס מעגלעך? וואָס רעדט איר? איר וועט דאָך מיר נישט איינרעדן, אַז איר וואָלט געהאַנדלט פּונקט ווי יענע פרוי.

— איך האָב נישט קיין קינד, קריסטאָף, איך ווייס נישט וואָס איך וואָלט געטון אויף איר אָרט.

— ניין, דאָס איז אוממעגלעך. צו אייך האָב איך צוטרוי. איך שעץ אייך צו הויך. איך קאָן שווערן, אַז איר וואָלט אַזוי נישט געטון.

— שווערט נישט! איך האָב אַליין געהאַלטן דערביי. ס'איז מיר נישט לייכט אונטערצוגראָבן די גוטע מיינונג, וואָס איר האָט וועגן מיר. אָבער איר מוזט זיך אויסלערנען אַ ביסעלע אונז צו פאַרשטיין, אויב איר ווילט נישט זיין אומגערעכט. יאָ, איך בין געווען איין שריט ווייט פון אַזאַ האַנדלונג. און אויב איך בין עס נישט באַגאַנגען האָב איך עס אייך צו פאַרדאַנקען. דאָס איז געווען מיט צוויי יאָר צוריק. איך האָב דעמאָלט דורכגעמאַכט אַ שווערע, טרויע־ריקע צייט. עס איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז איך טויג צו גאָרנישט, אַז איך בין קיינעם נישט נויטיק, אַז קיינער דאַרף מיך נישט, אַז אַפילו מיין מאַן וואָלט זיך געקאָנט באַגיין אָן מיר, אַז איך האָב גע־לעבט נוצלאָז, עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז איך זאָל אַוועקגיין, אַז איך זאָל אָפּטון איין־גאָט־ווייס וואָס פאַר אַ נאַרישקייט. דעמאָלט בין איך געקומען צו אייך. איר דערמאָנט זיך? איר האָט נישט פאַרשטאַ־נען פאַרוואָס איך בין געקומען. איך בין געקומען, כדי אייך צו זאָגן „זייט געזונט"... און דעמאָלט, איך ווייס נישט, וואָס אַזוינס איז דעמאָלט פאָרגעקומען, איך ווייס נישט, וואָס איר האָט צו מיר גע־זאָגט, איך געדענק עס נישט גענוי, אָבער איך ווייס, אַז עטלעכע ווערטער אייערע (איר האָט, נאַטירלעך, דערפון גאָרנישט געוווּסט) האָבן מיר געבראַכט אַ גרויסע דערלייכטערונג... אפשר איז עס גאָרנישט געווען דאָס, וואָס איר האָט געזאָגט, אפשר איז עס געווען אַ גאַנץ אומבאַשטימטע סיבה. ווייל אין יענעם אויגנבליק איז גענוג געווען דאָס קלענסטע וואָרט, כדי מיך צו שטויסן צו פאַרדאָרבנקייט, אָדער

מיך צו ראַטעווען. ווען איך בין פון אייך אַוועקגעגאַנגען, בין איך געקומען צוריק אַהיים, האָב מיך פאַרשלאָסן, און דעם גאַנצן טאָג געוויינט. און דעמאָלט איז מיר גוט געוואָרן... דער קריזיס איז אַריבער.

— און היינט באַדויערט איר עס? — האָט קריסטאָף געפרעגט

— היינט, — האָט זי געזאָגט, — אַך, ווען איך וואָלט דעמאָלט באַגאַנגען יענע נאַרישקייט, וואָלט איך שוין לאַנג געווען באַגראָבן. איך וואָלט נישט געקאָנט איבערטראָגן די חרפה און נישט די יסורים, וואָס איך וואָלט דערמיט גורם געווען מיין אָרעמען מאַן.

— זענט איר, הייסט עס, גליקלעך?

— יאָ. אַזוי גליקלעך, ווי עס איז מעגלעך צו זיין אין לעבן. עס טרעפט אַזוי זעלטן, אַז צוויי מענטשן זאָלן זיך פאַרשטיין און איינער דעם צווייטן אַכטן, בעת זיי ווייסן, אַז זיי זענען קעגנזייטיק זיכער איינער אין צווייטן, — נישט בלויז דורכן גלויבן אין זייער ליבע, וואָס בייט זיך אָפט, נאָר דורך דער דערפאַרונג פון די צוזאַמען־פאַרבראַכטע יאָרן, פון די גרויע, פינסטערע יאָרן, — און אפילו דורך זכרונות, פון די דורכגעמאַכטע געפאַרן. וואָס עלטער מען ווערט, אַלץ בעסער ווערט מען.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און פלוצלינג זיך פאַרויטלט.

— גאָט מיינער, ווי האָב איך עס אייך געקאָנט דערציילן! וואָס האָב איך געטאָן... פאַרגעסט עס, קריסטאָף, איך בעט אייך. קיינער דאַרף דערפון נישט וויסן.

— האָט נישט קיין מורא. — האָט קריסטאָף געזאָגט און געדריקט איר האַנט. — עס וועט ביי מיר הייליק זיין.

מאַדאַם אַרנאָ האָט זיך געאַרנישט געקאָנט שענקען, וואָס זי האָט זיך אַזוי צערעדט, און האָט אָפּגעווענדט איר בליק. דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— איך וואָלט עס אייך נישט דערציילט... אָבער אָט זעט איר, איך האָב אייך געוואָלט ווייזן, אַז די גליקלעכסטע חתונות, די גליקלעכסטע פרויען, וואָס איר, קריסטאָף, שעצט, לעבן דורך שעהן, נישט נאָר פון משוגעת, ווי איר רופט עס אָן, נאָר שעהן פון אמתע אומדערטרעגלעכע יסורים, וואָס פירן צו כל־ערליי משוגעתן און קאָנען חרוב מאַכן אַ גאַנץ לעבן, אויב נישט צוויי. מען דאַרף נישט צו אַלץ זיין אַזוי שטרענג. מען איז גורם איינער דעם אַנדערן אַ סך

ווייטיק אַפּילו ווען מען האָט זיך ליב פון גאַנצן האַרצן.

— איז שוין בעסער צו זיין איינזאַם, צו לעבן יעדערער פאַר זיך ?

— דאָס איז פאַר אונז, פרויען, נאָך ערגער. דאָס לעבן פון דער זעלבסטשטענדיקער פרוי, וואָס מוז קעמפן ווי דער מאַן (און אָפט קעגן דעם מאַן) איז עפּעס שרעקלעכס אין אַ געזעלשאַפט, וואָס איז נישט באַשאַפן געוואָרן צו אַזעלכע אידעען און איז ס׳רוב צו זיי פיינדלעך געשטימט.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, לייכט איינגעבויגן זיך פאָרויס און געקוקט פאַרשטאַרט אין דעם פייער פון קאַמין; דערנאָך האָט זי ווידער גענומען רעדן פאַמעלעך מיט איר עטוואָס פאַרשלייערטער שטים, וואָס איז טיילמאָל געבליבן שטיין, איבערגעריסן און דאַן גע-רעדט ווייטער:

— און דאָך איז עס נישט אונזער פעלער. ווען אַ פרוי לעבט אויף אַזאַ אופן, טוט זי עס נישט צוליב שטימונג, נאָר דערפאַר, ווייל זי איז צוליב דעם געצוווּנגען; זי מוז פאַרדינען איר ברויט און אויסלערנען זיך, ווי זיך אַן עצה צו געבן אָן דעם מאַן, ווייל ווען זי איז אָרעם, ווייל ער פון איר נישט וויסן. זי איז פאַרמשפּט צו איינזאַמקייט. ווייל זי קאָן נישט אין אונזער געזעלשאַפט געניסן, ווי דער מאַן, פון דער פרייהייט, אַפילו אויב זי טוט עס אויפן אומשול-דיקסטן אופן, כדי נישט אַרויסצורופן קיין סקאַנדאַלן: אַלץ איז איר פאַרווערט. — איך האָב אַ קליינע פריינדין, אַ לערערין, אין אַ פּראָ-ווינץ-גימנאַזיע, זי זיצט אין אַ תּפיסה אָן לופט, און מען קאָן שוין נישט זיין איינזאַמער ווי זי איז. דאָס בירגערטום פאַרשליסט זיינע טירן פאַר אַזעלכע פרויען, וואָס מאַטערן זיך און לעבן פון אייגענער אַרבעט, עס ווייזט איר אַרויס אומצוטרויעלעכע פאַראַכטונג, אַ בייזער בליק באַגעגנט יעדן שריט אירן, אירע קאָלעגן, פון דער מענער-גימ-נאַזיע האַלטן זיך ווייט פון איר, צי דערפאַר וואָס זיי האָבן מורא פאַר שטעטלשער לשון-הרע, צי סתם צוליב שנאה, גלייכגילטיקייט אָדער געוווינהייט צו זיצן אין קאַפע און פירן צווײדײטיקע שמועסן; אָדער אפשר נעמט זיך עס פון דער באַדערפעניש זיך אָפּצורונדערן נאָך אַ טאָג אַרבעט פון דער אינטעלעקטועלער פרוי. די פרויען צווישן זיך קאָנען זיך אויך נישט פאַרטראָגן, דער עיקר, ווען זיי זענען גע-צוווּנגען זיך צו טרעפן אין סעמינאַר. די פאָרשטייערין פון סעמינאַר

איז צום ווייניקסטן פעיק צו פאַרשטיין די יונגע נאָך ליב־בענקנדיקע נשמות, וואָס זענען פון די ערשטע יאָרן אַנטוישט אין זייער טרוקענער פּראָפּעסיע אין זייער אוממענטשלעכער איינזאַמקייט. זי לאָזט זיי ליידן, אָבער זי מאַכט נישט דעם מינדסטן פּרווו זיי צו העלפן. זי האַלט זיך פאַר אַ גרויסמוטיקן מענטשן. קיינער נעמט זיך פאַר זיי נישט אָן. דער מאַנגל אין פאַרמעגן און באַציִונגען צווינגט זיי חתונה צו האָבן. די גרויסע צאָל אַרבעטס שעהן מאַטערט זיי אויס און שטערט זיי צו שאַפן אַ גייסטיק לעבן, וואָס זאָל זיי באַפעסטיקן און טרייסטן. ווען אַזאַ עקזיסטענץ ווערט נישט געשטיצט פון אַ רעליגיעזן אָדער מאָראַלישן געפיל (איך וואָלט אַפילו געזאָגט, פון אַן אומנאָרמאַלן, קרענקלעכן געפיל: ווייל ס'איז נישט נאַטירלעך זיך איינגאַנצן מקריב צו זיין), איז אַזאַ לעבן אַ לעבעדיקער קבר. און אפשר געפינען די פרויען, וואָס האָבן נישט קיין גייסטיקע אַרבעט, אַ באַפרידיקונג און ווילטעטיקייט? וויפיל ביטערע אַנטוישונגען וואַרטן אויף די פרויען, וואָס איז צו אויפריכטיק צו באַפרידיקן זיך מיט געזעלשאַפטלעכער און עפנטלעכער צדקה־אַרבעט, וויפיל אַנטוישונגען אין די פילאַנטראָפּישע פלוידערייען, אין דעם עקלדיקן געמיש פון לייכטזיניקייט, גוטסקייט און ביוראָקראַטיע, ווען פלוידערנדיק, צווישן צוויי פליכטן, שפּילט מען זיך מיטן טרויער! וואָס פאַר אַן אומדערטרעגלעך בילד זעט פאַר זיך די פרוי, וואָס רייסט זיך אַריין מיט אומגלויבלעכער דרייסטקייט אין דעם דאָזיקן טרויער, וועלכן זי קען נאָר פון דערציילן! און וואָס קאָן זי זיך העלפן? זי טרינקט זיך אין דעם ים פון אומגליק. זי ראַנגלט זיך, זי באַמיט זיך צו ראַטעווען אַ פּאָר עלנטע מענטשן. זי לעגט זיך פאַר זיי אין דער לענג און דער ברייט, זי גייט מיט זיי אונטער, און אויב עס גיט זיך איר באמת איין צו ראַטעווען איינעם אָדער צוויי, איז זי אַ גליקלעכע! ווער וועט אָבער איר אַליין העלפן? ווער וועט זי ראַטעווען? ווייל זי טראָגט זיך אויך אַרום מיט יסורים, נישט נאָר פון אַנדערע נאָר אויך וועגן זיך. וואָס מער גלויבנסקראַפט זי גיט אויס, אַלץ ווייניקער בלייבט איר פאַר זיך אַליין. יעדע נויט קלאַמערט זיך אָן פאַרצווייפלט אין איר, און זי אַליין האָט גאָרנישט אָן וואָס זיך אָנצוהאַלטן. קיינער שטרעקט איר קיין האַנט נישט אויס און טיילמאָל באַוואַרפט מען זי נאָך מיט שטיינער. איר, קריסטאָף, האָסט אויך באַקאַנט יענע וווּנדערבאַרע פרוי, וואָס ווידמעט זיך

דער נידעריקסטער און פֿאַרדינסטפֿולסטער ווױלטעטיקער אַרבעט: זי נעמט אויף אין איר שטוב די פּראָסטיטוטקעס פֿון גאַס, די אומגליקלעכע מײדלעך, וואָס די עפֿנטלעכע שוץ וויל נישט וויסן פֿון זיי, אָדער וואָס האָבן מורא פֿאַר דער דאָזיקער שוץ. זי באַמיט זיך זיי צו היילן קערפּערלעך און גייסטיק, האַלט אויף זיי און זייערע קינדער בײ זיך און פּרוּווט צו דערוועקן אין זיי דאָס מוטערלעכע געפֿיל, פֿון דאָס ניי צו שאַפֿן זיך אַ היים, אַ לעבן אין אָנשטענדיקער אַרבעט. איר גאַנצע קראַפֿט פֿאַרשווענדט זי כּמעט אויף דער דאָזיקער טונקעלער אויפֿגאַבע, וואָס איז פֿול מיט אומדאַנקבאַרקייט און ביטערקייט. (מען ראַטעוועט אַזוי ווייניק, אַזוי ווייניק מענטשן ווילן געראַטעוועט ווערן! און אפילו די קינדער, וואָס שטאַרבן אויס, די אומצייטיקע קינדער, וואָס זענען שוין בײַם געבוירט פֿאַרמשפּט צום טויט...) — ווי מיינט איר, קריסטאָף, ווי דאַרף מען משפּטן די דאָזיקע פֿרוי, וואָס האָט גענומען אויף זיך דעם גאַנצן ווייטיק פֿון אַנדערע? ווי דאַרף מען אורטיילן די דאָזיקע אומשולדיקע, וואָס וויל פֿרייוויליק אויסהיילן דעם פֿאַרברעכן פֿון דעם מענטשלעכן עגאָיזם? די עפֿנטלעכע בייזוויליקייט באַשולדיקט זי אין איר ליבע־ווערק, אַז זי וויל דערויף געלט פֿאַרדינען. זי פֿאַלט אַראָפּ פֿון מוט, זי מוז פֿאַרלאָזן די געגנט און אַנטלויפֿן... איר קאָנט זיך גאָר נישט פֿאָרשטעלן געניג גרויזאַם, די גרויזאַמקייט פֿון דעם דאָזיקן געראַנגל, וועלכן די אומאָפּהענגיקע פֿרויען פֿירן קעגן דער היינטיקער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדנונג, קעגן דער קאָנסערוואַטיווער, צו הערשאַפֿט שטרעבנדיקער געזעלשאַפֿט, וואָס האַלט בײַם אונטערגיין און פֿאַרווענדט איר לעצט ביסל פֿאַרבליבענע ענערגיע צו פֿאַרביטערן אַנדערע דאָס לעבן.

— מײַן אָרעמע פֿריינדין, דאָס איז נישט נאָר דער גורל פֿון דער פֿרוי, מיר אַלע קענען דעם דאָזיקן קאַמף. איך קען אָבער אויך די רעטונג.

— וועלכע?

— די קונסט!

— זי איז גוט נאָר פֿאַר אייך, נישט פֿאַר אונז. און ווי ווייניק מענטשן, אַפֿילו צווישן מענער, העלפֿט זי אַרויס?

— אָט זעט איר, אונזער פֿריינדין סעסיל, זי איז גליקלעך.

— וואָס ווייסט איר וועגן דעם. אַך, ווי געשווינד איר ווערט פֿאַרטיק מיט אייער אורטייל! ווייל זי איז מוטיק, ווייל זי שטעלט

זיך נישט אָפּ דערויף, וואָס מאַכט זי טרויעריק, ווייל זי באַהאַלט עס אויס פון אַנדערע, דעריבער זאָגט איר, אַז זי איז גליקלעך! יאָ, זי איז גליקלעך, ווייל זי איז געזונט און קאָן זיך ראַנגלען. אָבער איר קענט נישט איר געראַנגל. גלויבט איר טאַקע, אַז זי איז באַשאַפן געוואָרן פאַר דער קונסט, וואָס איז אַזוי רייך אין אַנטוישונגען? קונסט! ווען מען גיט אַ טראַכט, אַז עס זענען פאַראַן אָרעמע פרויען, וואָס שטרעבן באַרימט צו ווערן דורך שרייבן, שפּילן אָדער זינגען, פּונקט ווי זיי וואָלטן דורך דעם דערגרייכט דעם העכסטן שפּיץ פון גליק! זיי מוזן באמת נישט פאַרמאָגן קיין שום זאַך, קיין שום ליבע אין וועלכער זיך אָנצוהאַלטן, קונסט! וואָס קאָנען מיר שאַפן מיט דער קונסט, אויב מיר האָבן נישט נעבן איר אַלדאָס איבעריקע. נאָר איין זאַך אין דער וועלט קאָן אונז מאַכן פאַרגעסן אָן אַלץ: אַ ליב קינד.

— און אָט זעט איר, אַז ווען מען האָט עס, איז עס אויך נישט שטענדיק גענוג.

— יאָ, נישט שטענדיק. די פרויען זענען בכלל נישט זייער גליקלעך. עס איז שווער צו זיין אַ פרוי, פיל שווערער ווי אַ מאַן. דאָס איז פאַר אייך נישט גענוג קלאָר. איר קאָנט זיך איינגאַנצן פאַרטיפן אין אייער גייסטיקער לײדנשאַפט, אין אייער אַרבעט. איר זאָגט זיך אָפּ צוליב דעם פון פאַרשידענע זאַכן, אָבער דאָס מאַכט אייך נאָך גליקלעכער. אַ געזונטע פרוי קאָן עס אָן ליידן נישט דערגרייכן, עס איז אוממעגלעך צו דערשטיקן אַ טייל פון דעם אייגענעם „איך", ווען מיר דערגרייכן אָט דעם מין גליק, בענקען מיר נאָך אַן אַנדערן: מי האָבן צוויי נשמות. איר האָט נאָר איינע, אַ שטאַרקערע, וואָס איז אָפּט ברוטאַל און אפילו שרעקלעך. איך באַוואונדער אייך, אָבער איר זענט צו עגאָיסטיש. איר זעגט עס מער, ווי איר שטעלט זיך פאָר. און איר פאַרשאַפט אונז ליידן אָן אייער וויסן.

— וואָס זאָל מען טון? דאָס איז נישט אונזער שולד.

— ניין, דאָס איז נישט אייער שולד, טייערער קריסטאָף. דאָס איז נישט אייער שולד און נישט אונזערע. איר זעט, סוף־כל־סוף איז דאָס לעבן נישט אַזאַ פּשוטע זאַך, ווי איר מיינט. דאָס הייסט, מען דאַרף נאָר לעבן נאַטירלעך, וואָס איז אָבער נאַטירלעך?

— דאָס איז אמת, קיין זאַך איז נישט נאַטירלעך אין אונזער לעבן. דער צעליבאַט פון די גייסטלעכע איז נישט נאַטירלעך, אָבער

ווי חתונה אויך נישט. און דאָס פרייע צוזאַמענלעבן מאַכט פון דעם שוואַכן אַ רויב פון דעם שטאַרקן, אונזער גאַנצע געזעלשאַפט איז נישט באַטירלעך; דאָס איז אונזער אייגענער אויפטו. מען זאָגט, אַז דער מענטש איז אַ סטאַדע-באַשעפעניש. וואָס פאַר אַ שטות! ער האָט עס געמוזט טון, כדי צו לעבן, צוליב נוצלעכקייט, פאַר זיין פאַר-טיידיקונג, פאַר זיין פאַרגעניגן, פאַר זיין גרויסקייט האָט ער עס געטון. די נויטווענדיקייט האָט אים דערצו געפירט, איינצוגיין אויף געוויסע פשרות. אָבער די נאַטור בונטעוועט זיך קעגן דעם און איז זיך נוקם אָן דעם צוואַנג. די נאַטור איז נישט באַשאַפן געוואָרן צו דינען אונזער ווילן. מיר ווילן זי פאַרשקלאַפן. דאָס איז אַ קאַמף, און ס׳איז קיין וואונדער נישט, וואָס מיר זענען אָפטמאָל די געשלאָ-גענע. זיגן קאָן נאָר דער, ווער ס׳איז שטאַרק.

— ווער עס איז גוט.

— אָ, גאָט! זיין גוט, אויסטון דעם פאַנצער פון עגאָיזם, אָטע-מען, ליב־האָבן דאָס לעבן, דאָס ליכט, די באַשיידענע אויפגאַבן און דעם קליינעם ערדישן פלעק, ווו מען לאָזט טיפע וואָרצלען, באַמיען זיך צו געווינען אין דער טיף און אין דער הויך דאָס, וואָס מען קאָן נישט דערגרייכן אין דער ברייט, פונקט ווי אַ בוים, וואָס נויטיקט זיך אין רוים און רייסט זיך צו דער זון.

— יאָ. און קודם כל זאָל איינער דעם צווייטן ליב האָבן. זאָל דער מאַן ווען פילן, אַז ער איז דער פרויס אַ ברודער, און נישט נאָר איר מאַן! ווען זיי זאָלן ביידע קאָנען אַוועקוואַרפן זייער שטאָלץ און יעדערער פון זיי זאָל ווייניקער טראַכטן וועגן זיך און אַ ביסל מער וועגן אַנדערע... מיר זענען שוואַך, און דעריבער מוזן מיר איינער דעם צווייטן העלפן. לאָמיר נישט זאָגן צום געפאַלענעם: „איך קאָן דיך נישט מער!” נאָר: „מוט, מיין פריינט! מיר וועלן זיך שוין ווי עס איז אַן עצה געבן!”

זיי זענען שווייגנדיק געזעסן ביים קאַמין און צווישן זיי איז געלעגן דאָס קעצל. זיי האָבן אַלע דריי אומבאַוועגלעך געקוקט אין פייער, פאַרטיפט אין זייערע געדאַנקען. די לעצטע אויסגייענדיקע

פלאַמען האָבן געוואָרפן אַ צאַרטן שיין אויף דאָס איידעלע פּנים פון מאַדאַם אַרנאָ, וואָס איז פון שטאַרקער אויפרעגונג געוואָרן רויז. זי האָט זיך אַליין געוווּנדערט, וואָס זי האָט זיך דאָס מאָל אַזוי שטאַרק צערעדט. זי האָט נאָך קיינמאָל נישט גערעדט אַזוי פיל וועגן די דאָזיקע זאַכן. זי האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך מער וועגן דעם נישט צו דערמאָנען. זי האָט אַרויפגעלעגט איר האַנט אויף קריסטאָפס און געזאָגט:

— וואָס וועט איר מאַכן מיטן קינד?

דער דאָזיקער געדאַנק האָט זי די גאַנצע צייט נישט פאַרלאָזט. זי האָט גערעדט, גערעדט; זי איז געוואָרן איינגאַנצן אַן אַנדער פרוי. עפּעס איז זי געוועזן באַרוישט. די גאַנצע צייט האָט זי נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן אָליוויערס קינד. שוין פון קריסטאָפס ערשטע ווערטער האָט זיך ביי איר אין האַרצן גענומען וועבן אַ ראָמאַן, זי האָט געטראַכט וועגן דעם קינד, וואָס די מוטער האָט פאַרלאָזן, וועגן דעם גליק עס צו דערציִען, אַרומצוהילן די קליינע נשמה מיט אירע חלומות און מיט איר ליבע, און זי האָט זיך געטראַכט:

— ניין, ס'איז נישט גוט. איך דאַרף זיך נישט פרייען מיט יענעמס אומגליק.

אָבער זי האָט גאָרנישט געקאָנט העלפן. זי האָט גערעדט, גערעדט און איר שטיל האַרץ איז געווען פול מיט האָפנונגען.

קריסטאָף האָט געזאָגט:

— יאָ, נאַטירלעך. וועגן דעם האָבן מיר שוין זייער פיל געטראַכט. דאָס אָרעמע קינד! נישט איך און נישט אָליוויער זענען פעיק עס צו דערציִען. עס איז נויטיק די השגחה פון אַ פרוי. איך האָב געטראַכט, אַז אַ פריינדין וועט אונז זיכער העלפן...

מאַדאַם אַרנאָ האָט קוים געאָטעמט.

קריסטאָף האָט ווייטער גערעדט:

— איך האָב געוואָלט וועגן דעם מיט אייך איבערעדן. נאָר גראָד איז געקומען צוגיין סעסיל. ווען זי האָט זיך דערוווּסט די געשיכטע, ווען זי האָט דערזען דאָס קינד, איז זי געוואָרן טיף גערירט. ס'האָט זי באַהערשט אַן אומענדלעכע פרייד. און זי האָט געזאָגט: קריסטאָף...

מאַדאַם אַרנאָ האָט געפילט, ווי עס שטאַרבן איר אָפּ אַלע אבֿרים. זי האָט גאָרנישט געהערט, עפּעס אַ נעפּל האָט איר פאַרדעקט

די אויגן, זי האָט שיר נישט אויסגעשריגן:

— ניין, ניין, גיט עס מיר.

קריסטאָף האָט גערעדט. נאָר זי האָט גאָרנישט געהערט. לסוף האָט זי זיך באַהערשט, זי האָט זיך דערמאָנט, וואָס טעסיל האָט איר אָנפּאַרטרויט און געטראַכט:

— איר איז עס נויטיקער פון מיר. איך האָב מיין ליבן אַרנאָ. און אויסער דעם האָב איך נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן. און דערצו בין איך עלטער פון איר.

זי האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— זאָל זיין אַזוי.

אָבער דאָס פייער פון קאַמין איז פאַרלאָשן געוואָרן און צוזאַמען דערמיט אויך דער ראָזער שיין אויף איר פנים. און אויף איר ליבן, פאַרמאַטערטן פנים איז געלעגן דער געוויינלעכער אויסדרוק פון איר שטראַלנדיקער גוטסקייט.

— מיין פריינדין האָט מיך פאַרראַטן!

דער דאָזיקער געדאַנק האָט אָן אויפהער געעגבווירט אָליוויערן. קריסטאָף איז צוגעשטאַנען צו אים.

— וואָס ווילסטו? — האָט ער געזאָגט. — אַז עמעצער פאַרראַט זיין פריינט, דאָס איז אַן אומגליק, וואָס קומט פאָר יעדן טאָג. פונקט ווי קראַנקהייטן, נויט אָדער דער קאַמף מיט מענטשלעכער שטות. מען מוז זיין גוט באַוואָפנט. אויב מען קאָן עס נישט איבערטראָגן, איז מען אַ נעבעכדיקער מענטש.

— אַך, איך בין טאַקע נישט מער. איך בין נישט שטאָלץ דערויף... יאָ, אַן אָרעמער מענטש, וואָס נויטיקט זיך אין צערטלעכקייט און וואָס שטאַרבט, ווען זי טוט זיך אָפּ פון אים.

— דיין לעבן איז נאָך נישט געענדיקט: עס זענען נאָך פאַראַן אַנדערע, וואָס דו קאָנסט ליב האָבן.

— איך גלויב שוין מער נישט אין קיינעם. עס זענען נישטאָ קיין פריינט.

— אָליוויער!

— זיי מוחל. אין דיר צווייפל איך נישט. הגם, אין געוויסע מאָמענטן צווייפל איך אין אַלץ, אַפילו אין זיך אַליין... דו ביסט אָבער שטאַרק, דו נויטיקסט זיך נישט אין קיינעם, דו קאָנסט זיך באַגיין אָן מיר.

— זי וועט זיך נאָך בעסער באַגיין אָן דיר.

— דו ביסט גרויזאַם, קריסטאָף.

— מיין טייערע, איך שטיי האַרט קעגן דיר. אָבער איך בין שטרענג, כּדי דו זאָלסט קומען איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו זיך. צום טייוול! עס איז דאָך אַן אמתע מאַרטירערשאַפט, אַז דו זאָלסט מקריב זיין דיין לעבן פאַר עמעצן, וואָס פייפט אויף דיר.

— וואָס לויט מיר די, וואָס האָבן מיך ליב? איך האָב ליב נאָר זיי אַליין.

— אַרבעט! דאָס וואָס האָט דיך פריער אינטערעסירט...

— דאָס אינטערעסירט מיך שוין נישט. איך בין מיד. איך פיל זיך, ווי איך וואָלט אָפּגעריסן געוואָרן פון לעבן, אַלץ זעט מיר אויס וויט, זייער וויט. איך זע, נאָר כ'האָב שוין אויפגעהערט צו פאַרשטיין. ווען מען גיט אַ טראַכט, אַז עס זענען פאַראַן מענער, וואָס ווערן גאָרנישט מיד אָנצוציען יעדן טאָג זייער זייגער, צו טון זייער אַרבעט, צו פירן זייערע צייטונגס־דיסקוסיעס, צו טרייבן זייער נעבעכדיקן געיעג נאָך פאַרגעניגנס; מענער, וואָס זענען זיך מקריב פאַר אָדער קעגן אַ מיניסטעריום, אַ בוך, אַן אַרטיסטין... אַך, ווי אַלט איך פיל מיך! ס'איז מיר אַלץ איינס, איך פיל נישט נישט קיין האַס און נישט קיין גרויל. איך פיל, אַז אין דעם איז גאָרנישט פאַראַן... שרייבן? צוואָס שרייבן? ווער פאַרשטייט דען עמעצן? איך האָב געשריבן נאָר פאַר איין איינציקן מענטשן. אַלץ וואָס איך בין געווען, בין איך געווען פאַר איר. איצט פאַרמאָג איך גאָרנישט מער. איך בין מיד, קריסטאָף. איך בין מיד. מיר ווילט זיך שלאָפן.

— נו, שלאָף זשע, מיין טייערע, איך וועל וואַכן איבער דיר.

דאָס האָט אָבער אָליוויער בשום אופן נישט געקאָנט. אַך, ווען יעדער ליידנדיקער מענטש וואָלט אויף לאַנגע חדשים געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן, ביז זיין פיין וועט אָפּפאַלן פון זיין באַנייטן וועזן. ביז ער וועט ווערן אַן אַנדערער! קיינער אָבער איז נישט בכוח צו שענקען אים די דאָזיקע מתנה, און ער וואָלט זי אפשר גאָרנישט אָנגענומען. דער גרעסטער ווייטיק וואָלט געווען פאַר אים זיך צו באַ־

פרייען פון זיינע ליידן. אָליוויער איז געווען ווי אַ היץ-קראַנקער, וואָס זויגט זיין לעבן פון דעם פיבער. דאָס איז געווען אַן אמתער פיבער, וואָס זיינע אָנפאַלן האָבן זיך איבערגעחזרט יעדן אָוונט אין דער זעלבער שעה, אין דעם אויגנבליק, ווען די זון האָט גענומען אונטערגיין. די איבעריקע צייט איז ער געווען ווי צעבראָכן, ווי פאַרסמט פון ליבע. צעפּרעסן פון זכרונות, פאַרנומען שטענדיק נאָר מיט די זעלבע געדאַנקען, פּונקט ווי אַ וואַנזיניקער, וואָס קייט שטענדיק דעם זעלבן ביסן און קאָן אים נישט אַראָפּשלינגען. ווייל אַלע כּוחות פון זיין מוח זענען געלעמט, אויסגעזויגן פון איינער און דער זעלבער פאָרשטעלונג.

אָליוויערן איז נישט געגעבן געוואָרן די פעיקייט אַריבער צו שפּאַנען, ווי קריסטאָף, זיין אומגליק, און מיטן גאַנצן האַרצן אַריבערצוטראָגן די שנאה אויף די מענטשן, וואָס האָבן עס גורם געווען. ער האָט געזען קלאָרער און ריכטיקער. ער האָט געוווסט, אַז אין אַ גרויסער מאָס איז ער אַליין שולדיק, און אַז נישט נאָר ער אַליין ליידט דערפון: נאָר אויך זשאַקלין איז געווען זיין קרבן. יאָ, זי איז געווען זיין קרבן. זי האָט זיך אים אָנפאַרטרויט: און וואָס האָט ער פון איר געמאַכט? פאַרוואָס האָט ער זי צוגעבונדן צו זיך, בעת ער איז נישט געווען בכּוח זי גליקלעך צו מאַכן? זי האָט מיט רעכט צעריסן די קייטן, וואָס האָבן זי שרעקלעך געדריקט.

— עס איז נישט איר שולד. — האָט ער געטראַכט. — דאָס איז מיין שולד. איך האָב זי נישט ריכטיק ליב געהאַט. און דאָך האָב איך דאָך זי אַזוי שטאַרק ליב געהאַט. איך האָב אָבער נישט פאַרשטאַנען ווי זי צו ליבן, אויב איך בין נישט געווען פעיק צו דערהאַלטן איר ליבע.

אָט אַזוי האָט ער זיך געמאַכט פאָרווורפן. און אפשר איז ער געווען גערעכט. אָבער דאָס אַלץ איז נישט געווען בכּוח צו ענדערן דאָס געשעענע. נישט געקוקט דערויף, וואָלט ער זיכער אויך נאָכאַמאָל פּונקט אַזוי געהאַנדלט, און דעריבער האָט ער געקאָנט נאָך אַמאָל איבערלעבן די פאַרגאַנגענהייט. דערמיט האָט ער זיך פאַרביטערט זיין לעבן. אַ שטאַרקער מענטש פאַרגעסט דעם ווייטיק, וואָס מען האָט אים גורם געווען. און ליידער אויך דאָס, וואָס ער האָט אַנדערע גורם געווען, — אויב עס איז אים קלאָר, אַז מען קאָן שוין גאָרנישט ענדערן. אָבער מען איז נישט שטאַרק צוליב פאַרשטאַנד,

נאָר צוליב ליידנשאַפט. די ליבע און די ליידנשאַפט זענען צוויי גאַנץ ווייטע קרובים. זיי גייען זעלטן צוזאַמען. אָליוויער האָט ליב געהאַט. ער איז געווען שטאַרק נאָר קעגן זיך. די ווידערשטאַנדסלאָזיקייט, צו וועלכער ער האָט זיך איבערגעגעבן, האָט אים געמאַכט צוגענג־לעך צו כל־ערליי קראַנקהייטן. ער איז קראַנק געווען אויף אינפלו־ענץ, אויף בראָנכיט, לונגען־אַנטצינדונג. אַ גרויסן טייל פון זומער איז ער געווען קראַנק. קריסטאָף און מאַדאַם אַרנאָ האָבן אַכטונג גע־געבן אויף אים מיט אמתע מסירות נפש, און עס איז געלונגען גובר צו זיין די קראַנקהייט. אָבער קעגן דער גייסטיקער קראַנקהייט זענען זיי געווען מאַכטלאָז, זיי האָבן נאָך אַלץ געפילט די שווער־דריקנדיקע אָפּגעזונדערטקייט, וואָס האָט זיי אָנגעטון אַזוי פיל ווייטיק; און זיי האָבן געפילט אַ באַדערפעניש זיך דערפון צו באַפרייען.

דורך אַן אומגליק פאַלט מען אַריין אין אַ מאָדנער איינזאַמ־קייט, און די מענטשן פילן דערצו אַן אינסטינקטיוון עקל. און מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז זיי האָבן מורא זיך נישט אָנצושטעקן. לכל הדעות איז עס זייער לאַנגווייליק. מען אַנטלויפט פון אַזאַ מענטשן. ווי וויניק מענטשן זענען מוחל דאָס, וואָס יענער ליידט! עס חזרט זיך כסדר איבער די געשיכטע מיט איובס פריינט: אליפז התימני באַשולדיקט אים אין אומגעדולד. בלדד השוחי טענהט אַז איובס אומ־גליק איז אַ רעזולטאַט פון זיינע זינד. צפר הנעמתי האַלט זיין אומ־גליק פאַר אַ רעזולטאַט פון זיין שטאָלץ. אָבער „אליהוא דער זון ברכאל פון בוז פון דער משפחה רם איז אויפגעבראַכט געוואָרן אויף איובן, וואָס ער האַלט זיין נשמה גערעכטער פון גאָט״. וויניק מענטשן קענען דעם אמתן טרויער.

אַ סך מענטשן זענען באַרופן דערצו. אָבער וויניק זענען אויס־דערוויילט. אָליוויער האָט געהערט צו די אויסדערוויילטע. אַ מענטשן־שונא האָט אַמאָל געזאָגט:

— עס איז אים געווען משמעות אָנגענעם אָפּגענאַרט צו ווערן. ביי די דאָזיקע אומגליקס־מענטשן קאָן מען גאָרנישט דערגרייכן! מען קויפט זיך נאָר אַ שונא.

אָליוויער האָט מיט קיינעם נישט געקאָנט רעדן וועגן זיין אומ־גליק, אַפילו נישט מיט זיינע נאָענטסטע פריינט. ער האָט באַמערקט, אַז ער לאַנגווייליקט זיי, אַפילו זיין טרייער קריסטאָף האָט זיך גע־לאַנגווייליקט מיט זיינע עקשנותדיקע ליידן, וואָס האָבן געדריקט ווי־

אַ משׂא. ער האָט געוווּסט, אַז ער איז צו אומגעשיקט צו קאָנען עפּעס העלפן. אייגנטלעך איז עס געווע' אַזוי: דעם דאָזיקן מענטשן מיטן ברייטן האַרץ, וואָס האָט אַליין געקאָנט ביישטיין די אייגענע יסורים, איז נישט געלונגען צו לינדערן די יסורים פון זיין פריינט. אַזוי שוואַך איז די מענטשלעכע נאַטור! אויב עמעצער איז אפילו גוט, פול מיט מיטלייד און האַרציק, און אויב ער זאָל אַפילו דורכמאַכן אַן אמתן גיהנם פון יסורים, איז ער נישט בכוח מיטצופילן אַפילו קיין צאָן-ווייטיק פון זיין פריינט. ווען די קראַנקהייט דויערט לאַנג, איז דער מענטש געניגט אָנצונעמען, אַז דער קראַנקער טרייבט אי־בער, דער עיקר טרעפט עס דעמאָלט, ווען די ליידן זענען פאַרבאָרגן, פאַרשטעקט טיף אין דער נשמה. ווער עס איז דערמיט נישט געשטראָפט געוואָרן, ווערט כמעט אויפגערעגט, בעת דער אַנדערער מאַטערט זיך מיט אַ געפיל, וואָס גייט אים נישט אָן. און סוף־כל־סוף זאָגט מען זיך, כדי צו באַרויקן דאָס געוויסן:

— וואָס קאָן איך העלפן? מיין טרייסט און מיין טראַכטן פירן צו גאָרנישט.

דאָס טראַכטן — יאָ, דאָס איז אמת. ווייל העלפן קאָן מען נאָר דעמאָלט, ווען מען האָט ליב דעם מענטשן, וואָס ליידט. ווען מען האָט אים ליב מיט דער גאַנצער נשמה, נישט פּרווונדיק אים מיטצו־פילן און העלפנדיק אים נאָר דערמיט, וואָס מען האָט אים ליב און מען באַדויערט אים. ליבע איז דער איינציקער באַלזאַם פאַר די ווונדן פון דער ליבע, אָבער די ליבע קאָן זיך אויסשעפּן אַפילו ביי דו, וואָס האָבן ליב צום שטאַרקסטן. אויך זיי האָבן נאָר באַגרענעצ־טע געפילן. ווען פריינט האָבן אַרויסגעזאָגט ווען־עס־איז אָדער אויס־געשריבן אַלץ, וואָס זיי האָבן געקאָנט אויסדריקן אין האַרציקע ווער־טער, ווען זיי האָבן ווען עס איז דערפילט זייערע פליכטן, ציען זיי זיך פאַרזיכטיק צוריק און שאַפן אַרום דעם קראַנקן אַ פוסטקייט ווי אַרום אַ זינדיקן. און אַזוי ווי זיי שעמען זיך אַ ביסל, און אַזוי ווי זיי העלפן אים אַזוי ווייניק, דעריבער העלפן זיי אים וואָס ווייטער אַלץ ווייניקער. זיי ווילן אָן דעם פאַרגעסן. אָבער ווען דאָס שווערע אומגליק דויערט עקשנותדיק ווייטער, ווען אַ שטאַרקער עלכע רייסט זיך אַריין אַפילו אין זייער צוריקגעצויגנקייט, טראָגן זיי סוף־כל־סוף אַרויס אַ האַרבן אורטייל וועגן אָט דעם מוטלאָזן מענטשן, וואָס קאָן נישט ביישטיין אַזאַ נסיון. מען קאָן זיין זיכער, אַז ווען ער וועט

אפילו אונטערגיין, וועט אין זייער אויפריכטיקן מיטלייד קלינגען אַ טאָן פון פאַראַכטונג:

— אַ רחמנות נעבעך! איך האָב געהאַט וועגן אים אַ בעסערע מיינונג.

וויפל גוטסקייט באַדייט פאַר דעם דאָזיקן אַלגעמיינעם עגאָיזם אַ וואָרט פון צערטלעכקייט. סובטילע אויפמערקזאַמקייט, אַ בליק פול מיט מיטלייד און ליבע! דאָס לאָזט פילן דעם ווערט פון דער גוטס־קייט. און ווי אָרעם איז אַלץ לגבי איר! זי האָט עס דערנענטערט אָליוויערן צו מאַדאַם אַרנאָ נענטער ווי צו אַ צווייטן. אַפילו ווי צו קריסטאָפן. דערווייל האָט זיך קריסטאָף געצוווּנגען צו זיין געדולדיק: צוליב פריינטשאַפט האָט ער אים נישט געגעבן צו פילן, אַז ער טראַכט וועגן אים. אָבער אָליוויער, וואָס דורך די ליידן איז זיין בליק נאָך שאַרפער געוואָרן, האָט באַמערקט דעם געראַנגל, וואָס שפּילט זיך אָפּ מיט זיין פריינט; ער האָט באַמערקט, ווי שווער זיין טרויער פאַלט אים צו לאַסט, דאָס איז געווען גענוג, ער זאָל זיך אַלץ מער דערווייטערן פון קריסטאָפן און פילן אַ פאַרלאַנג אויסצושרייען צו אים:

— גיי אַוועק!

אָט אַזוי צעשיידט דאָס אומגליק זייער אָפט די הערצער, וואָס האָבן זיך קעגנזייטיק ליב. פונקט ווי אַ כּליל, וואָס צעמאָלט דאָס קאָרן, וואַרפט עס אַרויס אויף איין זייט דאָס, וואָס דאַרף לעבן און אויף דער צווייטער דאָס, וואָס דאַרף שטאַרבן. שרעקלעכער געזעץ פון לעבן, וואָס איז נאָך שטאַרקער פון דער ליבע! די מוטער, וואָס זעט צו דעם טויט פון איר זון, דער פריינט, וואָס זעט, ווי זיין חבר טרינקט זיך, — אויב זיי קאָנען אים נישט ראַטעווען — ווילן זיי זיך, לפּחות, ראַטעווען אַליין. זיי שטאַרבן נישט מיט אים צוזאַמען. און דאָך האָבן זיי אים ליב טויזנט מאָל מערער ווי דאָס אייגענע לעבן...

קריסטאָף האָט נישט געקוקט אויף זיין גרויסער ליבע, געמוזט צײַטמאָל אויסמיידן אָליוויערן. ער איז געווען צו שטאַרק, צו געזונט, ער האָט זיך געשטיקט אין דער פאַרצווייפלטער אַטמאָספער. ווי שטאַרק ער האָט זיך געשעמט דערמיט! ער איז געווען ממש אומגליקלעך, וואָס ער קאָן פאַר זיין פריינט אַזוי ווייניק אויפטון; און אַזוי ווי ער האָט געפילט אַ באַדערפעניש זיך נוקם זיין אָן עמעצן האָט זיך זיין גאַנצער צאָרן געווענדעט אויף זשאַקלינען, נישט געקוקט אויף

פרוי אַרנאָס פאַרשטענדעניש־פולע ווערטער, האָט ער זי נאָך אַלץ שטרענג געמשפּט. ווייל דאָס האָט אַנטשפּראָכן זיין יונגער, גאַנצער, שטאַרקער נשמה, וואָס איז נאָך נישט געווען גענוג אָנגעלערנט פון דעם לעבן און דעריבער אומברחמנותדיק צו זיינע שוואַכקייטן.

ער האָט באַזוכט סעסילן און דאָס קינד, וואָס מען האָט איר אָנפּאַרטרויט. דאָס האָט דערקוויקט זיין נשמה. סעסיל האָט זיך דורך איר אַדאָפּטירטער מוטערשאַפט אינגאַנצן געענדערט, זי האָט אויסגע־זען יונג, גליקלעך, סובטילער און ווייכער. זשאַקלינס אַנטלויפן האָט נישט דערוועקט אין איר קיין שום האָפענונגען אויף גליק. זי האָט געוווסט, אַז זשאַקלינס זכר דערוויטערט נאָך מער אָליוויערן פון איר, ווי זשאַקלינס קעגנוואַרט. אגב, איז שוין אַריבער דער קריזיס פון אירע ליידן: אפשר טיילוויז דערפאַר, וואָס זי האָט איצט אַליין איבערגעלעבט זשאַקלינס טראַגעדיע, זי האָט ווידער געוווּנען איר רויקייט און האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי זי האָט זי אַמאָל געקאָנט פאַרלירן. דער בעסטער טייל פון איר ליבע־באַדערפעניש האָט געפונען אַן אויסגאַנג אין איר ליבע צום קינד. מיט דער וווּנדערבאַרער איינבילדונגס־קראַפט פון אַ פרוי האָט זי אין דעם קליינעם נפשל געפונען דעם, וועלכן זי האָט ליב געהאַט. ער האָט אינגאַנצן געהערט צו איר. ער איז געווען שוואַך און אָפּ־הענגיק: זי האָט אים געדאַרפט ליב האָבן, ליידנשאַפטלעך, מיט אַ ליבע וואָס איז פּונקט אַזוי ריין ווי דאָס האַרץ פון דעם אומשולדיקן קינד און ווי זיינע קלאָרע בלויע אויגן, וואָס האָבן געשימערט ווי ליכט־נר־פנס. אָבער אין איר צערטלעכקייט האָט זיך אויך אַריינגע־מישט אַ מעלאַנכאָליש געפיל. אָ, דאָס איז נישט געווען דאָס זעלבע, וואָס אַ קינד פון דעם אייגענעם פלייש און בלוט, אָבער ס׳איז איר גוט געווען. קריסטאָף האָט איצט געקוקט אויף סעסילן מיט אַנדערע אויגן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן אַן איראָניש וואָרט פון פראַנסואַז אודאָן:

— ווי געשיקט זיך עס, וואָס דו און פילאָמעלע, וואָס איר זענט ביידע באַשאַפן געוואָרן צו זיין מאַן און ווייב, האָט זיך נישט ליב?

פראַנסואַז האָט געוווסט די סיבה דערפון בעסער ווי קריסטאָף, ווען מען איז אַזאַ מענטש, ווי קריסטאָף, האָט מען זעלטן ליב עמעצן, וואָס קאָן גוטס טון; גיכער האָט מען ליב עמעצן, וואָס קאָן ווײ

שון. די סתירות ציען־צו איינע די צווייטע. די נאַטור האָט ליב זעלבסטצעשטערונג, און זי וויל בעסער אַ שטאַרק לעבן, וואָס פאַר־ברענט זיך, איידער אַ פּאַרזיכטיקס, וואָס איז שפּאָרזאַם. און אַזאַ מענטש ווי קריסטאָף איז טאַקע גערעכט, ווייל דער געזעץ פון אַזעל־כע נאַטורן איז נישט צו לעבן ווי לאַנג עס איז מעגלעך, נאָר ווי אינטענסיוו עס איז מעגלעך.

אָבער אַזוי ווי קריסטאָף איז געווען וויניקער שאַרפזיניק ווי פראַנסואַז, האָט ער זיך געטראַכט, אַז די ליבע איז אַ בלינדע און אוממענטשלעכע קראַפט. זי פירט צונויף מענטשן, וואָס קאָנען זיך נישט פאַרטראָגן, און זי צעטיילט מענטשן, וואָס זענען זייער ענלעך. דאָס, וואָס זי בויט אויף, איז גאָרנישט לגבי דעם, וואָס זי מאַכט חרוב. איז די ליבע אַ גליקלעכע, שוואַכט זי אָפּ דעם ווילן; איז זי אַן אומגליקלעכע, צעברעכט זי דאָס האַרץ. צי ברענגט זי בכלל עפּעס גוטס?

און ווען ער האָט אַזוי אויסגעלאָזן זיין כעס אויף דער ליבע, האָט ער דערזען איר איראָנישן צאַרטן שמייכל, וואָס האָט, דאַכט זיך, צו אים געזאָגט:

— דו אומדאַנקבאַרער!

קריסטאָף איז געווען געצוווּנגען נאָכאַמאָל צו קומען אויף אַן אָוונט פון דער עסטרייכישער אַמבאַסאַדע. פילאָמעלע האָט געזונגען לי־דער פון שוּבערט, הוגאָ וואָלף און קריסטאָפס לידער. זי איז געווען גליקלעך מיט איר ערפאָלג און מיטן ערפאָלג פון איר פריינט, וואָס איז איצט געפייערט געוואָרן דורך דער ברייטסטער געזעלשאַפט. ביים גרויסן עולם איז קריסטאָפס נאָמען געוואָרן פון טאָג צו טאָג מער באַרימט. די לעווי־קערס האָבן זיך שוין איצט נישט געקאָנט מאַכן, ווי זיי וואָלטן אים נישט געקענט. זיינע ווערק זענען געשפּילט גע־וואָרן אויף קאָנצערטן. איין שטיק איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער „קאָמישער אָפּערע". פאַרשידענע סימפּאַטיעס, וואָס ער האָט נישט גע־וווּסט פון וואַנען זיי קומען, האָבן אים כסדר געהאָלפן. דער געהיים־נישפולער פריינט, וואָס האָט אים זייער אָפט געהאָלפן, האָט אים אויך

ווייטער געשטיצט. קריסטאָף האָט אָן אויפהער געפּילט די פּריינטלעכע האַנט, וואָס איז אים צו הילף געקומען אויף זיין שווערן וועג: עמעצער האָט געוואַלט איבער אים און דאָך זיך באַהאַלטן מיט שרעק. קריסטאָף האָט געפּרוווט אים געפינען, נאָר ס'האָט אויסגעזען, ווי דער פּריינט וואָלט עס אויסגעמיטן און געווען אומצופרידן וואָס קריסטאָף האָט זיך נישט באַמיט אים צו דערקענען פון פריער. און איצט האָט ער זיך באַהאַלטן. אגב, איז קריסטאָף געווען פאַרנומען מיט אַנדערע זאַכן: ער האָט געטראַכט פון אָליווייערן און אויך וועגן פראַנסואַז, ווייל גראָד אין יענעם פרימאָרגן האָט ער איבערגעלייענט אין אַ צייטונג, אַז זי איז ערנסט קראַנק געוואָרן אין סאַן פראַנציסקאָ. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי זי ליגט אַליין אין אַ פרעמדער שטאָט, אין אַ האָטעל-צימער, ווייל קיינעם נישט זען, צו קייגעם נישט שרייבן, ווי זי פרעסט צונויף די ציין און וואַרט איינזאַם אויפן טויט.

באַהערשט פון אַזעלכע געדאַנקען האָט ער אויסגעמיטן געזעלשאַפט. ער האָט זיך פאַרריקט אין אַ קליינעם סאַלאָן, וואָס איז געלעגן אין אַ זייט, אָנגעשפאַרט אָן וואַנט, אין אַ האַלב טונקעלן ווינקל, הינטער אַ פוירהאַנג פון בלעטער און בלומען, האָט ער זיך צוגעהערט צו דער שיינער עלעגישער, וואַרעמער שטים פיקאָמעלעס, וואָס האָט געזונגען שובערטס „לינדן-בוים", און די דאָזיקע ריינע מוזיק האָט דערוועקט אין אים טרויעריקע זכרונות. קעגנאיבער האָט אַ גרויסער וואַנט-שפּיגל אָפּגעשלאָגן די ליכטער און דאָס לעבן פון דעם אָנגעפאַקטן גרויסן זאַל. ער האָט גאָרנישט געזען: זיין בליק איז געווענדעט געווען אין זיך, זיינע אויגן זענען געווען פייכט פון טרערן....

פּלוצלינג האָט ער אָן אַ שום אויסערלעכע סיבה גענומען ציטערן. פּונקט ווי דער אַלטער בוים אין שובערטס ליד, וואָס איז דורכגענומען פון אַ שוידער. עטלעכע רגעס איז ער געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך און זייער בלייך. דעמאָלט האָט ער אַראָפּגעריסן דעם שלייער פון זיינע אויגן און דערזען פאַר זיך אין שפּיגל די „פריינדין", וואָס האָט אים אָנגעקוקט... די פריינדין? ווער איז זי געווען? ער האָט נאָר געוווּסט, אַז זי איז די פריינדין און אַז ער קען זי. און מיט פאַרזונקענע אויגן, האָט ער זיך אָנגעשפאַרט אָן וואַנט און נישט אויפגעהערט צו ציטערן. זי האָט געשמייכלט. ער האָט נישט געזען, נישט די שטריכן פון איר פּנים, נישט די ליניעס פון איר

קערפּער, נישט די פאַרבן פון אירע אויגן, נישט איר וווקס, נישט איר קליידונג. ער האָט נאָר געזען איינס: די געטלעכע גוטסקייט פון איר שמייכל, וואָס איז געווען פול מיט חסד.

און אָט דער שמייכל האָט פּלוצלינג אַרויסגערופן אין קריסטאָפן אַ פאַרשוווּנדענעם זכר פון זיין פריסטער קינדהייט.... ער איז אַלט געווען זעקס אָדער זיבן יאָר, געזעסן אין דער שולע און געפּילט זיך אומגליקלעך, ווייל די עלטערע און שטאַרקערע חברים זענען אים דערגאַנגען די יאָרן און אָנגעקלאַפּט די ביינער. אַלע האָבן זיך איבער אים לוסטיק געמאַכט, און דער לערער האָט זיי געגעבן גערעכט. ער איז געזעסן אַליין איינגעקאָרטשעט אין אַ ווינקל, בעת אַנדערע האָבן זיך געשפּילט, און שטיל פאַר זיך געוויינט. דעמאָלט איז צוגעגאַנגען צו אים אַ קליין מיידעלע מיט אַ טרויעריק פּנים, וואָס האָט זיך אויך מיט די קינדער נישט געשפּילט, — (ער האָט זי אין דעם אויגנבליק ווידער דערזען פאַר זיך, הגם ער האָט וועגן איר קיינמאָל נישט געטראַכט: זי איז געווען קליין, געהאַט אַ גרויסן קאָפּ, כמעט ווייס-בלאָנדע האָר, העל-בלויע אויגן, ברייטע, בלייכע באַקן, דיקע ליפּן, אַביסל אַן אָנגעבלאָזן פּנים און קליינע, רויטע הענטלעך), — זי איז צו אים צוגעגאַנגען מיטן פינגער אין מויל, געבליבן שטיין און אַ לאַנגע צייט זיך צוגעקוקט, ווי ער וויינט. דערנאָך האָט זי אַרויסגעלעגט אירע קליינע הענטלעך אויף קריסטאָפס קאָפּ און האַסטיק מיט אַן איינפאַכן מיטפילנדיקן שמייכל געזאָגט צו אים:

— ווייון נישט, ווייון נישט.

דעמאָלט האָט שוין קריסטאָף מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן. ער האָט גענומען שלוכצן און האָט באַהאַלטן זיין נאָז אין דעם פאַרטוך פון מיידעלע, וואָס האָט מיט איר ציטערנדיקער און צאַרטער שטים נישט אויפגעהערט צו רעדן:

— ווייון נישט...

אין אַ קורצער צייט אַרום, אפשר עטלעכע וואָכן שפּעטער, איז זי געשטאָרבן. ווען יענע סצענע האָט זיך אָפּגעשפּילט, איז איר שוין מסתמא דער טויט געווען אָנגעחסמעט... פאַרוואָס האָט ער גראָד אין דעם אויגנבליק געטראַכט וועגן דעם? עס איז נישט געווען קיין שום שייכות צווישן יענער פאַרגעסענער קליינער געשטאָרבענער, אַ באַשיידן פאָלקס-מיידל אין אַ ווייטער, דייטשער שטאָט און צווישן דער עלעגאַנטער דאַמע, וואָס האָט אים איצט אָנגעקוקט. אָבער אין אַלץ האָט

איצט געלעבט נאָר איין נשמה. און אויב די מיליאָנען ברואים האָבן זיך אונטערגעשיידט צווישן זיך, גלייך ווי די וועלטן, וואָס קרייזן אַרום אין דעם הימישן רוים, האָט אָבער דער זעלבער בליץ־שטראַל פון אַ געדאַנק און פון ליבע גלייכצייטיק אויפגעלויכטן אין די הער־צער, וואָס יאָרהונדערטער האָבן זיי דערווייטערט איינס פון צווייטן. קריסטאָף האָט איצט ווידער געפונען דעם ליכטיקן שיין, וואָס ער האָט אַמאָל געזען אויף די בלייכע ליפּן פון דער קליינער טרייס־טערין...

דאָס אַלץ האָט געדויערט איין אויגנבליק. אַ מחנה מענטשן האָט פאַרשטעלט די טירן, אַזוי אַז קריסטאָף האָט שוין מער נישט געזען דעם אַנדערן זאַל. ער האָט זיך שנעל צוריקגעצויגן פון שפּיגל אין דעם טונקעלן ווינקל אַריין, כדי קיינער זאָל נישט באַמערקן, וואָס מיט אים קומט פאָר, נאָר ווען ער האָט זיך באַרויקט, האָט ער זי ווידער געוואָלט זען. ער האָט מורא געהאַט טאָמער איז זי אַוועקגע־גאַנגען. ער איז אַריין אין סאַלאָן און ער האָט זי באַלד געפונען צווישן דעם המון מענטשן, הגם זי איז שוין מער נישט געווען די זעלבע, וואָס איז אים דערשינען אין שפּיגל. איצטער האָט ער זי געזען פון דער זייט. זי איז געזעסן אין אַ קרייז פון עלעגאַנטע דאַמען מיטן עלנבויגן אויף אַן אָנלען פון פאָטעל. דער קערפּער אַ ביסל געבויגן פאָרויס, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער האַנט און האָט זיך מיט אַ קלוגן און צערודערטן געלעכטער צוגעהערט צו דער פּלוידעריי. אין דעם אויסדרוק פון פּנים און אין די שטריכן האָט זי פאַרמאָגט עפּעס פון דעם יונגן יאָהאַן פון רפאַאַעל „דיספּוט”, וואָס האָט הערנ־דיק און קוקנדיק מיט האַלב געשלאָסענע אויגן געשמייכלט צו זיינע אייגענע געדאַנקען...

דעמאָלט האָט זי אויפגעהויבן די אויגן און דערזען קריסטאָפן. זי איז נישט געווען איבעראַשט. ערשט איצט האָט ער דערזען, אַז זי האָט געשמייכלט צו אים. ער האָט זי געגריסט און זיך דערנענטערט צו איר.

— איר דערקענט מיך נישט? — האָט זי געזאָגט.

אין דעם אויגנבליק האָט ער זי דערקענט.

— גראַציאַ... — האָט ער געזאָגט. *)

---

*) זע „זשאַן קריסטאָף אין פּאַריז” ערשטער בוך: „דער יריד”.

ס׳איז גראָד צוגעקומען דעם אַמבאַסאַדאָרס פרוי. זי האָט אויסגעדריקט איר פרייד, וואָס עס איז לסוף צושטאַנד-געקומען די דערוואַרטעטע באַגעגעניש, און האָט פאָרגעשטעלט קריסטאָפן פאַר דער גרעפין בערעני. אָבער קריסטאָף איז געווען אַזוי גערירט, אַז ער האָט גאָרנישט געהערט. ער האָט נישט געלעגט קיין אַכט אויפן פרעמדן נאָמען, פאַר אים איז זי נאָך אַלץ געווען זיין קליינע גראַציאַ.

גראַציאַ איז אַלט געווען צוויי-און צוואַנציק יאָר. זינט אַ יאָר צייט איז זי געווען די פרוי פון אַ יונגן עסטרייכישן אַמבאַסאַדע-אַטאַשע, וואָס האָט געשטאַמט פון אַן אָנגעזעענער אַדל-פאַמיליע און איז געווען אַ נאָענטער קרוב פון דעם ערשטן קאַנצלער-מיניסטער. זי האָט זיך אויפריכטיק פאַרליבט אין דעם דאָזיקן עלעגאַנטן, פון דער צייט אָפגענוצטן לעב-יונג און סנאָב, און זי האָט אים נאָך ליב געהאַט, הגם זי האָט אים שוין איצט ריכטיק געקענט. איר אַלטער פאָטער איז געשטאָרבן, און איר מאַן איז באַרופן געוואָרן אין דער אַמבאַסאַדע קיין פאַריז. דורך די באַציונגען פון דעם גראַף בערעני און אַ דאַנק איר מוט און קלוגשאַפט, איז דאָס מיידל, וואָס האָט אַמאָל מורא געהאַט פאַר דער מינדסטער קליינינקייט, געוואָרן איינע פון די רייצנדסטע יונגע פרויען אין דער פאַריזער געזעלשאַפט, אָן שום מי פון איר זייט און אָן באַזונדערן שטאָלץ. עס איז אַ גרויסע קראַפט צו זיין יונג און שיין, געפעלן צו ווערן און צו וויסן, אַז מען געפעלט. און נישט קיין קלענערע קראַפט ליגט אין דעם, וואָס מען פאַרמאָגט אַ יונג, זייער געזונט און זייער פריש האַרץ, וואָס געפינט דאָס גליק אין דעם האַרמאָנישן שלום צווישן די פאַרלאַנגען און דעם גורל. די שיינע בליונג פון דעם לעבנס-בוים האָט זי געריצט. דאָך האָט זי נישט פאַרלוירן די רויקע מוזיק פון איר לאַטיינישער נשמה, וואָס איז צייטיק געוואָרן אין דעם ליכט און דעם ערלעכן פרידן פון דער איטאַליענישער ערד. נאַטירלעך איז זי אַביסל באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער פאַריזער געזעלשאַפט. דאָס האָט זי נישט געחידושט און אויף אַ טאַקטפולן אופן, האָט זי עס פאַרשטאַנען, ווי עס אויס-

צונוצן פאַר קינסטלערישע און ווילטעטיקע צוועקן, מיט וועלכע זי האָט געהאַט צו טון. דעם אָפיציעלן פאָרזיץ פון דער דאָזיקער אַרבעט האָט זי איבערגעלאָזט פאַר אַנדערע: ווייל כאָטש זי האָט זיך באַוואָרנט מיט איר שטעלונג, האָט זי זיך אָבער אויך באַוואָרנט מיט דער באַדערפעניש צו זיין אומאָפּהענגיק און איינזאַם, וואָס האָט זיך גענומען פון איר איינזאַמער קינדהייט צווישן די ברייטע פעלדער און לאַנדשאַפטן. די געזעלשאַפט האָט זי געמאַטערט, כאָטש זי איז איר טיילמאָל געווען גאַנץ אָנגענעם: אָבער זי האָט פאַרשטאַנען צו באַהאַלטן איר לאַנגווייליקייט אונטער דעם לעבנסווירדיקן שמייכל פון אַ העפלעך גוט האַרץ.

זי האָט נישט פאַרגעסן איר גרויסן פריינט קריסטאָף. דאָס קינד, וואָס האָט אין דער שטיל דורכגעלעבט אַן אומשולדיקע ליבע, האָט שוין מער נישט עקזיסטירט. די איצטיקע גראַציאַ איז געווען זייער אַ קלוגע, אָבער בשום אופן נישט קיין ראָמאַנטישע פרוי. אירע אַמאָליקע קינדערשע צערטלעכקייט האָט דערוועקט אין איר אַ לייכטע איראָניע, אָבער די זכרונות פון אַמאָל האָבן זי שטאַרק גערירט. דער אָנדענק פון קריסטאָפן איז געווען פאַרבונדן מיט די ריינסטע שעהן פון איר לעבן. עס איז געווען פאַר איר אַ פרייד צו הערן זיין נאָמען, יעדער ערפאָלג זיינער איז געווען פאַר איר אַ גליק, פונקט ווי זי וואָלט זיך אַליין אין דעם באַטייליקט. ווייל זי האָט דעם דאָזיקן דערפאָלג פאָרגעפילט. זינט זי איז געקומען קיין פאַריז, האָט זי אים כסדר אַרומגעזוכט. זי האָט אים איינגעלאַדן און האָט אויף דער איינלאַדונגס קאַרטע צוגעשריבן איר אַמאָליקן מיידלשן נאָמען. קריסטאָף האָט דערויף קיין אַכט נישט געלעגט און אָן אַן ענטפער אַריינגעוואָרפן איר איינלאַדונג אין פאַפּיר-קויש. דאָס האָט איר נישט פאַרדראָסן און אָן זיין וויסן האָט זי פון ווייטן אָבסערווירט זיינע אַרבעטן און אַביסל אויך זיין לעבן. איר גוטע האַנט האָט עס אים געשטיצט בעת די אָנפאַלן, וואָס די ציטונגען האָבן אָנגעהויבן אויף אים. גראַציאַ, וואָס איז אין יעדן פּרט געווען ריין, האָט נישט געהאַט קיין שום באַציונגען מיט דער צייטונגס-וועלט; נאָר ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט אַ טובה צו טון אַ פריינט, איז זי פעיק געווען מיט אויסערגעוויינלעכער געשיקטקייט צום נאַר צו מאַכן מענטשן, וואָס זי האָט לחלוטין נישט געקענט. זי האָט איינגעלאַדן דעם דירעקטאָר פון דער צייטונג, וואָס איז געווען דער אָנפירער פון די אָנפאַלן. און אין

אין אויגנבליק האָט זי אים פאַרדרייט דעם קאָפּ, ווייל זי האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי צו חנפענען זיין פּוסטע גאווה. זי האָט אים באַצויבערט אויף אַזוי ווייט, און גלייכצייטיק אים אַרויסגעוויזן אַזוי פיל רעספּעקט, אַז לסוף האָבן געקלעקט עטלעכע ווערטער פון פאַראַכטונג און דערשטוינונג בנוגע די אָנפאַלן אויף קריסטאָפן,—כדי די דאָזיקע אָנפאַלן זאָלן מיט אַמאָל פאַרשטומט ווערן. דער צייטונגס־דירעקטאָר האָט אויסגעשטראָכן דעם באַליידיקנדיקן אַרטיקל, וואָס האָט געזאָלט דערשיינען דעם צווייטן פרימאָרגן, און ווען דער באַריכטס־אָפּגעבער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף די סיבות, וואָס האָבן דערצו געבראַכט, איז דער דירעקטאָר געוואָרן בייז און זיך גוט אָנגעבייזערט. יאָ, ער האָט נאָך מער געטון: ער האָט באַפוילן איינעם פון זיינע ליטעראַרישע משרתים אָנצושרייבן אין דעם לעצטן באַריכט אַ באַגייסטערטע נאָטיץ וועגן קריסטאָפן, וואָס איז אַרויסגעקומען אַזוי באַגייסטערט און אַזוי נאַריש, ווי מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן. גראַציאַ האָט אויך דורכגעפירט דאָס, וואָס מען האָט אין דער אַמבאַסאַדע גענומען אויפפירן קריסטאָפס ווערק. זי האָט עס אויך צוגעהאָלפן סעסילן באַקאַנט צו ווערן אין אַ גרעסערן קרייז, ווייל זי האָט געוווּסט, אַז סעסיל געפינט זיך אונטער קריסטאָפס שוץ. לסוף האָט זי געשיקט און קלוג, אַדאַנק אירע באַציונגען מיט דער דייטשער דיפּלאָמאַטישער געזעלשאַפט, גענומען וועקן ביי דער מאַכט אינטערעס פאַר קריסטאָפן, וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן פון דייטשלאַנד. און נאָך זייער פיל האָט זי געטון, כדי צו פועלן דורך אירע פאַרבינדונגען ביים קייזער, ער זאָל ווידער עפענען די טויערן פון זיין לאַנד פאַר אַ קינסטלער, וואָס בענקט צו זיין היים. און ווען ס'איז געווען אוממעגלעך דורכצופירן דעם באַגנעדיגונגס-אַקט זייער גיך, האָט זי זיך לפחות באַמיט צו באַקומען פאַר אים אַ דערלויבעניש אַראָפּצוקומען אין זיין געבורטסשטאָט אויף אַפּאָר טעג.

און קריסטאָף, וואָס האָט געפילט איבער זיך די האַנט פון דער אומגעזעענער פריינדין און נישט געוווּסט, ווער זי איז, האָט איצט דערקענט אין איר דאָס פנים פון דעם יונגן יאָהאַן, וואָס האָט צו אים געשמייכלט אין שפּיגל.

זיי האָבן געפּלוידערט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט. קריסטאָף האָט קוים געוווּסט, וואָס זיי רעדן. די, וואָס מען האָט ליב, זעט מען נישט און מען הערט זיי נישט, מען ליבט זיי בלויז. און אויב מען ליבט זיי שטאַרק, טראַכט מען אפילו נישט פון דעם אַז מען האָט זיי ליב. קריסטאָף האָט גאָרנישט געטראַכט. זי איז דאָ געווען — און דאָס איז געווען גענוג. אַלדאָס איבעריקע האָט פאַר אים נישט עקזיסטירט.

פּלוצלינג האָט גראַציאַ אויפגעהערט צו רעדן. אַ זייער הויכער גוט אויסזעענדיקער עלעגאַנטער מאַן, מיט אַ גלאַט־ראַזירט פּנים און אַ האַלבן פּליך אויפן קאָפּ מיט אַ פאַרנודזשעטער שטאָלצער מינע, האָט באַטראַכט קריסטאָפן דורך זיין מאָנאָקל און פאַרנויגט זיך מיט גנעדיקער העפלעכקייט.

— מיין מאַן. — האָט זי געזאָגט.

אין זאַל איז ווידער געוואָרן אַ געפּילדער, דאָס אינערלעכע ליכט איז פאַרלאָשן געוואָרן. קריסטאָף האָט געשוויגן פאַרגליווערט, ער האָט זיך אויך פאַרנויגט און אַוועק.

וואָס פאַר אַ לעכערלעכע ווילדע תּביעות, וואָס פאַר אַ קינדערשע געזעצן באַהערשן די נשמות פון קינסטלער און זייער לעבן, וואָס איז באַוועגט פון ליידנשאַפטן. קוים האָט ער ווידער געפונען די פריינדין, וועלכע ער האָט אַמאָל, בעת זי האָט אים ליב געהאַט, פאַרנאַכלעסיקט, האָט ער זיך געפילט, ווי זי וואָלט געהערט צו אים, ווי זי וואָלט געווען זיין אייגנטום. און ווי עמעצער אַן אַנדערער וואָלט זי ביי אים אַוועקגענבעט. זי אַליין האָט לויט זיין מיינונג נישט קיין רעכט זיך אַליין איבערצוגעבן אַ צווייטן. קריסטאָפן איז קלאָר געווען, וואָס אין אים איז פאָרגעקומען, נאָר זיין שעפערישער דעמאָן האָט זיך עס קלאָר געמאַכט אָנשטאָט אים און האָט אין יענער צייט געשאַפן עטלעכע פון זיינע שענסטע לידער, פול מיט ווייטיקלעכער ליבע.

אַ לאַנגע צייט האָט ער גראַציאַן נישט געזען. אָליוויערס ליידן און זיין געזונטצושטאַנד האָבן אים אינגאַנצן באַשעפטיקט. נאָר איין

מאָל האָט ער געפונען איר אַדרעס, וואָס זי האָט אים געגעבן און ער איז צו איר אַוועק.

ווען ער איז אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּ, האָט ער געהערט, ווי מען קלאַפּט מיט העמערלעך. דאָס פּאַדערצימער איז געווען אין אומאָרדענונג אָנגעשטעלט מיט קאַסטנס און קופערטס. דער דינער האָט געענטפערט, אַז די גרעפין נעמט נישט אָן. נאָר ווען קריסטאָף האָט אַנטוישט אָפּגעגעבן זיין קאַרטע און שוין געוואָלט אַוועקגיין, האָט אים דער דינער נאָכגעיאָגט, איבערגעבעטן און אַריינגעפירט אין אַ קליינעם סאַלאָן, ווו די דיוואַנעס זענען געווען צוזאַמענגעלעגטע. גראַציאַ איז מיט איר שטראַלנדיקן שמייכל צוגעגאַנגען צו אים אין מיט אַ פריילעכער באַוועגונג אים אויסגעשטרעקט די האַנט. ער איז פריילעך געוואָרן. ער האָט אָנגענומען איר האַנט מיט דער זעלבער פריילעכער באַוועגונג און זי געקושט.

— אַך, — האָט זי געזאָגט, — ווי גליקלעך איך בין, וואָס איר זענט געקומען, איך האָב מורא געהאַט, איך זאָל אייך שוין פאַר מיין אָפּפאָרן נישט זען.

— פאַר אייער אָפּפאָרן? איר פאָרט דען אַוועק?

און ווידער האָט אים באַהערשט אַ טרויעריק געפיל.

— איר זעט דאָך, — האָט זי געזאָגט אָנווייזנדיק אויף דער אומאָרדענונג אין צימער, — סוף וואָך פאַרלאָזן מיר פּאַריז.

— אויף ווי לאַנג?

זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג:

— ווער ווייס?

ער האָט געוואָלט עפּעס רעדן, נאָר ט׳האָט אים געדריקט אין האַלז.

— וווהין פאָרט איר?

— אין די פאַרייניקטע שטאַטן. מיין מאַן איז באַשטימט געוואָרן פאַרן סעקרעטאַר פון דער אַמבאַסאַדע...

— און... הייסט עס... אַלץ איז אויס?

זיינע ליפּן האָבן געציטערט.

— ליבער פריינט! — האָט זי געזאָגט גערירט פון זיין טאָן, — ניין, עס איז נישט אויס.

— איך האָב אייך, הייסט עס, געפונען ווידער צו פאַרלירן!

ער האָט געהאַט טרערן אין די אויגן.

— ליבער פריינט! — האָט זי נאָכגעמאָל געזאָגט.

ער האָט פּאַרדעקט מיט דער האַנט זיינע אויגן און זיך אַוועקגעקערט כּדי צו באַהאַלטן זיין אויפרעגונג.

— זייט נישט טרויעריק, — האָט זי געזאָגט און געלעגט איר האַנט אויף זיינער.

אין דעם אויגנבליק האָט ער ווידער געטראַכט וועגן דאָס קליינע דייטשע מיידל. זיי האָבן געשוויגן.

— פאַרוואָס זענט איר געקומען אַזוי שפּעט? — האָט זי לסוף געפרעגט, — איך האָב אייך געפּרוווט זוכן, נאָר איר זענט אַנטלאָפן.

— איך האָב דאָך נישט געוווסט, — האָט ער געשטאַמלט. — זאָגט מיר, זענט איר עס געווען די, וואָס איז מיר אָפט צוהילף געקומען אָן מיין וויסן? האָב איך אייך עס צו פאַרדאַנקען, וואָס איך האָב מיר געקאָנט אומקערן קיין דייטשלאַנד? איר זענט עס געווען דער גוטער מלאך, וואָס האָט געוואַכט איבער מיר?

זי האָט געענטפערט:

— איך בין געווען גליקלעך צו טון עפּעס פאַר אייך. איך בין אייך אַזוי פיל שולדיק!

— וואָס הייסט, — האָט ער געזאָגט, — איך האָב דאָך פאַר אייך גאָרנישט געטון.

— איר ווייסט נישט, וואָס איר האָט פאַר מיר אויפגעטון! — האָט זי געזאָגט. און זי האָט אים דערציילט פון יענער צייט, ווען ער האָט זי אַלס קליין מיידעלע געטראָפן ביי איר פעטער סטעוואַן, ווי ס'האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר איר, אַ דאַנק זיין מוזיק, אַלץ וואָס אויף דער וועלט איז שיין, ביסלעכווייז האָט זיך איר דערציילונג באַלעבט און זי האָט אין קורצע, דייטלעכע און גלייכצייטיק פאַרשלייערטע אָנצוהערענישן דערציילט וועגן אירע קינדער-געפילן, וועגן איר באַטייליקן זיך אין זיין צער, וועגן דעם קאָנצערט, ווו ער איז געוואָרן אויסגעפייפט און זי האָט געוויינט, וועגן דעם בריוו, וואָס זי האָט אים געשריבן און ער האָט איר נישט געענטפערט, ווייל ער האָט אים נישט באַקומען. און בעת קריסטאָף האָט זיך צוגעהערט, האָט ער פול מיט גוטן גלויבן אָנגעפילט די פאַרגאַנגנהייט מיט זיין איצטיקן געפיל, מיט דער גאַנצער צערטלעכקייט, וואָס ער האָט געפילט צו איר.

זיי האָבן געפלוידערט פריי, האַרציק און פריילעך. און בעת

זי האָט גערעדט, האָט קריסטאָף אָנגעכאַפּט גראַציאַס האַנט. פּלוצלינג זענען זיי ביידע שטיל געוואָרן. גראַציאַן איז קלאָר געוואָרן אַז קריסטאָף האָט זי ליב. און אויך קריסטאָפן איז עס קלאָר געוואָרן.

גראַציאַ האָט ליב געהאַט קריסטאָפן אַ לאַנגע צייט אָבער דעמאָלט האָט ער דערויף קיין אַכט נישט געלעגט. איצט האָט קריסטאָף ליב געהאַט גראַציאַן, אָבער זי האָט צו אים געפילט נישט מער ווי אַ פריידלעכע פריינטשאַפט: זי האָט ליב געהאַט אַן אַנדערן. ווי אָפט אין לעבן איז אויך דאָס מאָל געווען, אַז ביידע לעבנס-זייגערס זאָלן לויפן אַ ביסעלע שנעלער, — און דאָס לעבן פון די צוויי מענטשן וואָלט אויסגעזען אינגאַנצן אַנדערש.

גראַציאַ האָט אַרויסגעצויגן פון אים איר האַנט. אַ ווײַלע האָבן זיי טרויעריק געשוויגן. דעמאָלט האָט גראַציאַ געזאָגט:

— זייט געזונט!

— און דאָס איז אַלץ? — האָט זיך קריסטאָף געקלאָגט.

— אפשר איז בעסער, וואָס עס איז אַזוי געשען.

— מיר וועלן זיך נאָך זען פאַר אייער אָפּפאָרן?

— ניין.

— ווען וועלן מיר זיך ווידער זען?

זי האָט געמאַכט אַ צווייפלדיקע באַוועגונג.

— פאַרוואָס זשע זאָלן מיר זיך נישט זען נאָכאַמאָל. פאַרוואָס? אָבער ער האָט דערזען אין אירע אויגן אַ פאָרוואורף, און האָט באַלד צוגעגעבן:

— ניין, זייט מוחל. איך בין אומגערעכט.

— איך וועל אייך שטענדיק געדענקען. — האָט זי געזאָגט.

— אַך! — האָט ער אויסגערופן, — איך קאָן אפילו וועגן אייך נישט טראַכטן, איך ווייס גאָרנישט וועגן אייער לעבן.

זי האָט אים רויק און אין קורצע ווערטער געשילדערט איר טאָג־טעגלעך לעבן און ווי עס פאַרשווינדן איר די טעג. מיט איר שיינעם, האַרציקן, וואַרעמען שמייכל האָט זי גערעדט וועגן זיך און וועגן איר מאַן.

— איר ליבט אים? — האָט ער פּלוצלינג געפרעגט.

— יאָ. — האָט זי געענטפערט.

ער איז אויפגעשטאַנען.

— זייט געזונט.

זי איז אויך אויפגעשטאַנען. ערשט דעמאָלט האָט ער באַמערקט-
אַז זי איז מעוברת.

און ער האָט דערפילט אין האַרצן אַ שרעקלעכן עקל צו זיך
און גלייכצייטיק אַ צערטלעכקייט, אייפערזוכט אוןליידנשאַפטלעכן
מיטלייד. זי האָט אים באַגלייט צו דער טיר פון דעם קליינעם סאַ-
לאָן. אויף דער שוועל האָט ער זיך אויסגעדרייט צו איר, זיך איינ-
געבויגן צו אירע הענט און זי לאַנג געקושט. זי האָט זיך נישט גע-
רירט פון אָרט מיט פאַרמאַכטע אויגן, לסוף האָט ער זיך אויסגע-
גלייכט און איז שנעל אַרויסגעגאַנגען נישט אומקוקנדיק זיך אויף
איר.

דער יום-טוב פון „אַלע הייליקע". אויף דרויסן — גרויע ליכט
און אַ קאַלטער ווינט. קריסטאָף איז געווען ביי סעסילן. זי איז גע-
זעסן איבערן וויג פון דעם קינד. צוזאַמען מיט מאַדאַם אַרנאָ, וואָס
איז פאַרבייגייענדיק דאָס הויז אַרויפגעקומען. קריסטאָף האָט געטרוימט.
ער האָט געפילט, אַז ער האָט פאַרשפעטיקט דאָס גליק, נאָר ס'איז
אים נישט געקומען אין זינען דאָס צו באַדויערן: ער האָט געוווּסט,
אַז ס'איז קיין גליק נישט... זון, איך דאַרף דיך נישט זען, כדי דיך
ליב צו האָבן! אין משך פון די לאַנגע ווינטער-טעג, ווען איך האָב
געציטערט אין דער פינסטער, איז מיין האַרץ געווען פול מיט דיר.
מיין ליבע דערוואַרעמט מיך. איך ווייס, אַז דו ביסט דאָ...

אויך סעסיל האָט געטרוימט. זי האָט אָן אויפהער באַטראַכט
דאָס קינד. און לסוף האָט זיך איר געדאַכט, אַז דאָס איז איר אייגנס.
אָ! געבענטשטע מאַכט פון די חלומות, שעפערישע פאַנטאַזיע פון
דעם לעבן! דאָס לעבן... וואָס איז דאָס לעבן? עס איז נישט דאָס,
וואָס עס זעען אין אים אונזערע אויגן און אונזער קאַלטער פאַר-
שטאַנד. דאָס לעבן איז אַזאַ, ווי מיר טרוימען עס אויס. די מאָס פון
דעם לעבן איז די ליבע.

קריסטאָף האָט באַטראַכט סעסילן, וואָס איר פנים מיט די
גרויסע אויגן זענען באַשטראַלט געווען מיטן גלאַנץ פון מוטער-ליבע, —
נאָך בעסער ווי די אמתע מוטער. און ער האָט באַטראַכט מאַדאַם

אַרנאָס צאַרט פאַרמאַטערט פנים. ער האָט אַרויסגעלייענט פון אים, ווי פון אַן אָפענעם בוך, די פאַרבאָרגענע ליידן און פריידן, פון איר לעבן, וואָס איז אָפּט, אָן עמעצנס וויסן, פונקט אַזוי רייך אין יסורים ווי די ליבע פון יוליע אָדער איזאָלדע, נאָר רייכער אין פרומער גרויסקייט...

און ער האָט געטראַכט, אַז פונקט אַזוי פיל, ווי עס באַדייט דער גלויבן אָדער דער מאַנגל אין גלויבן, פונקט אַזוי פיל באַדייטן די קינדער פאַרן גליק פון די פרויען, וואָס האָבן חתונה און אַפילו פון די, וואָס האָבן בכלל נישט חתונה. דאָס גליק איז דער ריח פון דער נשמה, די האַרמאָניע פון האַרצן. די שענסטע מוזיק פון דער נשמה איז אָבער די גוטסקייט.

אין צימער איז אַריין אָליוויער. זיינע באַוועגונגען זענען געווען רויק, אַ נייע שטילע פרייד האָט אַרו-סגעשטראַלט פון זיין פנים. ער האָט אַ שמייכל געטון צום קינד, געדריקט סעסילן און מאַדאַם אַרנאָ די הענט און גענומען רויק פלוידערן. זיי האָבן געקוקט אויף אים מיט פאַרוווּנדערונג און פריינטשאַפט. ער איז שוין נישט געווען דער זעלבער. אין דער איינזאַמקייט, אין וועלכער ער האָט זיך צו-ריקגעצויגן מיט זיין טרויער, האָט ער נאָך לאַנגער מאַטערניש גובר געווען זיין ווייטיק און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זיינע דאגות, ווי אַ פּוסטע שאָל. ער האָט געגלויבט, אַז ער האָט געפונען אַ שיינעם לעבנס-צוועק, וועלכן ער וויל ווידמען זיין לעבן, אַ צוועק, וואָס האָט נאָך פאַר אים אַ זין און פאַר וועלכן עס לוינט זיך מקריב צו זיין. און ווי עס טרעפט שטענדיק: גראָד אין דעם טאָג, ווען זיין האַרץ האָט זיך געוואָלט אָפּזאָגן פון זיין לעבן, האָט דאָס לעבן ווידער אין אים אויפגעשטראָמט. זיינע פריינט האָבן אים אָנגעקוקט, זיי האָבן נישט געוווּסט, וואָס עס איז געשען, און נישט געהאַט קיין מוט זיך נאָכצופרעגן. אָבער זיי האָבן געפילט, אַז ער האָט זיך באַפרייט, און אַז אין אים איז נישט פאַרבליבן נישט קיין טרויער, נישט קיין בי-טערקייט קעגן וועמען עס איז. קריסטאָף האָט זיך אויפגעשטעלט, צו-געגאַנגען צום פּאָרטעפּיאַן און געזאָגט צו אָליוויערן:

— ווילסט הערן אַ ליד פון בראַמסן?

— פון בראַמסן? — האָט זיך אָליוויער געוווּנדערט. — דו שפּילסט דיין אַלטן שונא?

— עס איז דער יום-טוב פון אַלע הייליקע, — האָט קריסטאָף

געזאָגט. — דער טאָג פון פאַרגעבונג פאַר אַלעמען.

און שטיל, כדי נישט אויפצוועקן דאָס קינד, האָט ער אויפגעזונגען עטלעכע שורות פון אַן אַלטן שוואַבישן פאָלקסליד:

פאַר דער צייט, וואָס דו האָסט מיך געליבט,
דאַנק איך דיר זייער שיין,
און איך ווינטש דיר, ערגעץ אַנדערש,
זאָל דיר בעסער גיין.

— קריסטאָף! — האָט אָליוויער אויסגערופן.

קריסטאָף האָט אים צוגעדריקט צום האַרצן.

— נאָר מוט, מיין יינגל, — האָט ער צו אים געזאָגט, — מיר האָבן אויסגעקליבן דעם גוטן חלק.

זיי זענען געזעסן זאַלבע-פערט אַרום דעם שלאָפנדיקן קינד. זיי האָבן נישט גערעדט. און ווען עמעצער פרעגט זיי, וואָס עס באַוועגט זייערע געדאַנקען, וואָלטן זיי אַלע מיט הכנעה און באַגייסטערונג אויפן פנים געענטפערט:

— ליבע.